STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03616

GEZAMLTE VERK

Hersh David Nomberg

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ערשטער טייל
רייזע אין יאָר 1926

Printed in Poland

H. D. NOMBERG — A M E R Y K A

Wyd. „Kultur-Liga", Warszawa 1928.

געדרוקט אין 1000 עקזעמפלארן

Druk. „Di Welt" Warszawa, Nowolipie 7.

ה. ד. נאָמבערג

אַמעריקע

אײנדריקן און בילדער
פון צפון־ און דרום־אַמעריקע

פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע

ה. ד. נאָמבערג

געזאַמלטע ווערק

6-טער באַנד

פאַרלאַג „קולטור-ליגע“, וואַרשע



אינהאַלט פון ערשטן טייל:

	זייט:
פון ביידע עקן שיף:	
קוהלת מיט דער רויטער נאָז . . .	7
פון דער צווייטער זייט	12
דער בחור פון עסעקס־סטריט . . .	18
ביי די טויערן פון אַמעריקע . . .	23
די געזעלשאַפט פון דריי קופים, אָבער נישט קו־קלוקס־קלען	29
ניו־יאָרק פון דערווייטן געזען	34
ווי ניו־יאָרק וואַקסט	40
די זון אויף בראָדוויי	43
די פינפטע עוועניו	46
דער טאָג פון די מיידלעך	50
אין אַמעריקע מוז מען זיך טויגן . . .	53
אכציק מיליאָן דאָלאַר	59
ווי אַזוי יידן בויען	63
ניו־יאָרק זינגט איר ליד	67

קוהלת מיט דער רויטער באָז

אויפן ים ווערן אַלע מענטשן פילאָזאָפן.

עס מאַכט נישט אויס, וואָס מען פאָרט קיין אַמעריקע, אין דעם לאַנד פון פּראַקטישקייט. דערווייל איז מען אויפן ים, — אַ שטיק קאָסמאָס, לעערקייט און וויסטקייט און אומענדלעכקייט; דאָס פירט אַרויף דעם מענטש, — אַלץ איינס פון וואָסער שטאַנד און באַציע ער איז און צי ער געהער צו די געבילדעטע, צי נישט, — אויף דעם וועג פון די אומנוצלעכע געדאַנקען פון אַלדינג.

מען גייט ליידיק. און דאָס ליידיקגיין איז אויך אַ שטאַפּל צו פילאָזאָפיע.

„הבטלה מביאה לידי שעמום“, — האָבן געזאָגט די אַלטע יידישע חכמים, און דאָס מיינט מען אויף יידיש: דאָס ליידיקגיין ברענגט צו וויסטע געדאַנקען.

אָט אַזוי איז עס געקומען, וואָס אין דער קאַנטינע פון מיין שיף, ווען נאָר איך בין אַהין אַריינגעקומען, האָב איך דאָרט געטראָפן זיצן דעם קוהלת פון טשיקאַגע.

שטענדיק ביי זיין גלאָז ביר און מיט דער פייף אין מויל.

ער איז אַ ריזיקער הויכער מענטש. שטאַמט פון דייטשלאַנד. 22 יאָר שוין אין לאַנד, און ער „איז ווערט“ הונדערט און פופציק טויזנט דאָלאַר.

ער איז געפאָרן באַזוכן זיין אַלטע היים, געפּטרט דאָרט עטלעכע טויזנט דאָלאַר, 22 יאָר האָט ער געבענקט אהיים, איצט פאָרט ער צוריק מיט אַ פּוסט האַרץ.

צוזאַמען מיט די עטלעכע טויזנט דאָלאַר האָט ער דאָרט געפּטרט זיין בענקשאַפט. געפאָרן פול, צוריקגעקומען ליידיק.

— ס'איז ניקס! ניקס ווערט.

ער האָט אויסגעזוכט אַלע זיינע ברידער און שוועסטער. וואָס, מיינט איר, האָבן זיי פון אים געוואָלט?—געלט, דאָלאַרס. וואָס איז? זיי פאַרדינען נישט? — זיי דאַרפן, זעט איר. צו דערציען זייערע קינדער אין די אוניווערזיטעטן. איך, זאָגט ער, האָב שווער געאַרבעט, גוט פאַרשוואַרצט געוואָרן אין טשיקאַגע די ערשטע יאָרן. זיי דאַרפן קומען צום גרייטן.

— ניקס האָב איך געגעבן! —

און זיי וואַרטן אַלע אויף זיין טויט. אָבער ער איז אַ קרעפּטיקער מענטש. נישט פיל איבער 50. זיי צו־להכעיס וועט ער נישט אַזוי גיך שטאַרבן. נישט אַזוי גיך וועלן זיי באַקומען די ירושה.

קיין קינדער האָט ער נישט.

— און וואָס איז, פרעגט ער, אַז מען האָט יאָ קינדער? — אַלץ דאָס אייגענע.

— און מיט די „מיידלעך" איז אויך „ניקס לאָז"? אַלץ דאָס אייגענע. אַז ער איז יונג געווען, האָט ער געמיינט ווער ווייסט וואָס דאָס איז...

— איר האָט נישט געזען ביי אונז אין טשיקאַגע, ווי מען לייגט אַוועק די אָקסן און די חזירים. אַוועקגעטראַנספּאָרטירט פון דער וועלט און פאַרטיק. וואָס איז דער מער מיטן מענטש? אַלץ דאָס אייגענע.

און מיט דער דייטשער פּינקטלעכקייט פון דענקען, גיט ער צו: איך זאָג נישט, אַז ס'איז נישטאָ קיין גאָט, אַז ס'איז נישטאָ קיין נשמה. איך בין אַ קאַטאָליק, און צאָל פאַר די גלחים, זיי מוזן דאָך אויך לעבן. איך זאָג נאָר: איך ווייס נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס גאָט און נשמה.

בעטן גייט ער נישט.

אַ שווערע אַרבעט, אַ שווער לעבן אין טשיקאַגע, דער מענטש איז פאַריאָגט פון אין דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. אַ בוי־מייסטער איז ער. אָ! מען מוז אויפפּאַסן. פון אַלע זייטן לויערט מען אויף דיר. אַלע זענען זשוליקעס. וואַרטן נאָר, זיי זאָלן דיך קאָנען אַריינקריגן. אָ, מען מוז אויפפּאַסן!

זיין היים איז אַן אַלט ווייב. עסן עסט מען נישט אין דער היים. ער האָט קוים צייט זיך אויסצוטון, אַז ער קומט אַהיים ביינאַכט. פון מידקייט און פאַרהאַוועטקייט פאַלט ער אַנידער, ווי אַ צום טויט פאַרטומלטער אָקס, און שלאָפט ביז מאָרגן.

און ווידער צו דער אַרבעט אויפפּאַסן!

האָט ער געבענקט נאָך איירָאָפּע. געמיינט, דאָרט איז עפּעס. וואָס טויג אים נאָך אַרבעטן? מיט די פּראָצענטער פון געלט קאָן ער רואיק לעבן. איז ער דאָרט אָפּגעווען צוויי חדשים אַלע נאַכט געהוליעט און געטרונקען אין די קאַבאַרעטן.

איצט זיצט ער, ווי קוהלת, און שרייט: אַלץ איז גאָר־נישט.

ער לויפט ווידער קיין טשיקאַגע — אויפפּאַסן. פון אין דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט: האָרעווען, האָרעווען, האָרעווען...

און ער ווייסט אַליין נישט, פאַרוואָס, צוליב וואָס ער טוט דאָס. ער איז געטריבן פון אַ באַהאַלטענער קראַפט.

— מיר מאַכט נישט אויס — זאָגט ער מיר — אויב די דאָזיקע שיף וועט אונטערגיין. אַלץ דאָס איינענע.

און אַזוי זיצט ער אין דער קאַנטינע שעהן און שעהן און זופט אַ גלאָז ביר נאָך אַ גלאָז ביר.

דאָס עלעקטרישע גלעקל, וואָס רופט דעם קעלנער. האָט ער שוין אָפּגעריסן פון כסדרדיקן קלינגען.

ווייל דער קוהלת איז אַ געזונטער מענטש, אַ קרעפּטיקער, און דריקט דאָס גלעקל מיט כוח, מיט ענערגיע. ער האָט אַ רויטע נאָז געקריגן פון טרינקען, — אונזער קוהלת.

צוויי חדשים האָט ער אין איין זופּן ביר.

אין טשיקאַגע, אויף צו באַקומען אַ גוט גלאָז ביר, מוז ער זיך אָפּרייסן פון דער אַרבעט, פאָרן 40 מינוט.

אַ שווער לאַנד אַמעריקע. מען האָרעוועט, ווי אַן אייזל, און ערגער ווי אַן אייזל. און וואָס האָט ער פון דער אַרבעט? אויף צו קריגן אַ גלאָז ביר מוז מען פטרן שעהן.

אַלץ דאָס אייגענע.

אַז די שיף וואָלט אונטערגעגאַנגען, וואָלטן אים די פיש אויפגעפרעסן; אַז ער וועט קרעפּירן אין טשיקאַגע אויף זיין בעט, וועלן די גלחים אים באַשפּריצן און באַזינגען און באַגראָבן אין דער ערד. צי איז דאָס נישט אַלץ דאָס אייגענע?—

וואָס מיין איך — איז ער טשעקאַווע צו וויסן.

איך מיין אויך גאָרנישט.

נאָר אַזוי פיל, אַז דער ים איז אומענדלעך, אָן אָנהויב און סוף, דער קאָסמאָס איז אומענדלעך, אָן אָנהויב און אָן סוף. אָבער ווען דאָס לעבן פון מענטש נעמט אויפדעקן דעם אָנהויב און סוף, און עס ווערט אָפּגעגרענעצט און באַשטימט, אַזוי ווי אַן אָפּגערעדטע ביזנעס, טויג עס אויף כּפּרות.

נעמט מען קוהלתן.

און דער מגושמדיקער דייטש, דער טשיקאַגער בוי-מייסטער, וואָס שטייט אין געראַנגל מיט דער וועלט שוין 22 יאָר און „פּאַסט-אויף”, רוקט אַוועק דאָס גלאָז ביר אָן אַ זייט און האָרכט זיך איין צו מיינע ווערטער, אַזש מיט דער האַנט פאַרשטעלט ער זיינע אויגן, כּדי צו האָרכן, און די רויטע נאָז קוקט אַרויס, ווי אַ ווילדע צוגעפוילטע פלוים.

האַ? וואָס האָב איך געזאָגט? לאָמיך נאָר דאָס איבערזאָגן. דאָ שטעקט עפּעס.

ניין, מיין ליבער דייטש, — גיב איך אים אַן ענטפער, — איבערזאָגן לוינט נישט. יעדער מאָמענט מוז ברענגען אַ נייעם געדאַנק. אַ כוואַליע קומט און ווערט צעשאָטן. אָט איז דאָס מענטשלעכע לעבן, און דאָס מענטשלעכע טראַכטן.

דער קוהלת האָט זיך די גאַנצע צייט גערוקט צו מיר. אפשר וויל איך טרינקען ביר?

— פּרוואוט, — האָב איך אים געענטפערט, — אַמאָל, אָנשטאָט ביר צו נעמען אַ טרונק בענעדיקטינער, צום אָפּוועקסלען. דאָס ביר איז לאַנגווייליק, און אייער שטימונג איז לאַנגווייליק.

ער האָט זיך נישט געפילט באַליידיקט פון מיינע רויע ענטפערן. ער האָט זיך עפּעס געפילט זיכערער מיט מיר; ער האָט נישט באַדאַרפט „אויפּצופּאַסן". די אָנגעשטרענגטקייט פון דער חיה, ווען זי גייט אויף איר רויב, האָלט ביי אים אָן 22 יאָר אין טשיקאַגאָ, אָן אָפּרו, אָן אויפהער. אַלץ איז קעגן אים, און ער קעגן אַלע, מען מוז זיך טויגן. אויפּפּאַסן מוז מען.

און אין אייראָפּע, צו וואָס ער האָט געבענקט, האָט ער געטראָפן זיינע קרובים, און ער האָט ערשט רעכט געמוזט אויפּפּאַסן, — זיי זאָלן נישט שיטן אין גיפט אין זיין גלאָז ביר.

— איר זענט אַ קלוגער מענטש, אַלע יידן זענען קלוג, — זאָגט ער מיר אַ קאָמפּלימענט, — אין 20 יאָר אַרום — רעדט ער ווייטער, און עס קריכט פון אים אַרויס דער אַנטיסעמיט — וועלן יידן באַהערשן גאַנץ אַמעריקע. אַלע וועלן זיין פאַרשקלאַפּט צו די יידן. וואָס אַרט עס מיך? איך וועל שוין דעמאָלט נישט לעבן. די ווערעם וועלן מיך שוין דעמאָלט עסן.

ער האָט געפאָלגט מיין עצה און באַשטעלט בענעדיקטינער, אָבער גלייכצייטיק דערמיט נישט פאַרלאָזט זיין ביר. און צום סוף האָב איך געבראַכט דערצו, אַז פון דעם געמיש פון געטראַנקען איז ער געוואָרן שכּור־לעך און האָט זיך צעוויינט:

— אַלץ איז איינס. ניקס און ניקס און ניקס...

פוּן דער צווייטער זייט

ווען איך ווער מיד צו הערן די רייד פון קוהלתן מיט דער רויטער נאָז, לויף איך דורך דעם לאַנגען קאָרידאָר פון שיף און קום צו אַ פיר־עקיקן רוים, וואו עס זיצן מיין ביסל יידעלעך.

כאָטש די טיר איז שטענדיק אָפן, קוקט דאָ קיינער נישט אויפן ים. זיי האָבן נישט קיין צייט צו זיין מעטאַפיזיש. דאָס זענען מענטשן, וואָס וויגן זיך צווישן גליק און אומגליק. אַ וויג אַהער און עס מאָלט זיך די גאָלדענע מדינה, אַ רעגן פון דאָלאַרן, אַמעריקאַנישע דאָלאַרן, פול געפּאַקטע טאַשן מיט דאָלאַרן, דאָלאַרן נישט צו ציילן — מיליאָנען! און אַ וויג אַהין — פאַרקלעמט דאָס האַרץ. פאַרלאָזט, פאַרעלנט, אָפּגעריסן פון דער היים, פון וואָרצל, איינער אַליין אין אַ פרעמדער מדינה, און ווער ווייסט, צי מען וועט אַריינלאָזן, צי דער דאָקטאָר וועט נישט עפּעס געפינען אין די אויגן — אַ באַרג מיט זאָרג!

עמיגראַנטן! און זייער שטימונג פאַלט און שטייגט צוגלייך מיט די כוואַליעס.

פאַר 13 יאָר, ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געקומען קיין אמעריקע, האָב איך זיי אויך געזען, אָבער וואָסער אומגעהויערער אונטערשיד פון דעמאָלט ביז היינט! דעמאָלט זענען זיי געפאָרן אין די טויזנטער, אַ גרויסער שטראָם איז עס גע־

יען, און דער איינציקער מענטש מיט זיין אייגענער פסיכאָלאָ־
גיע האָט זיך נישט אַרויסגעזען, זיך נישט אַרויסגעפילט. ער
האָט געלעבט און געאָטעמט מיט דער פסיכאָלאָגיע פון דער
מאַסע. ס'איז געווען אַן עמיגראַנטן־אַטמאָספערע.

איצט איז דאָס בילד גאָר אַן אַנדערס.

אָפּגעריסענע זענען זיי, יעדן איינעם פון זיי האָט אַן
אַנדער „גליק" פּאַסירט, וואָס ער האָט זוכה געווען צו באַקו־
מען די וויזע; די קוואָטע האָט געבראַכט דערצו, וואָס קיין
אַמעריקע פאָרן איצט נישט די ענערגישסטע, די רירעוודיקסטע,
נאָר די, וואָס האָט זיי „אָפּגעגאָלטן". פאַראַן אַזוינע, וואָס
האָבן זיך אין דער היים געהאַט גראָד נישט שלעכט, וואָס אין
נאָרמאַלע צייטן וואָלטן זיי אפשר נישט עמיגרירט, נאָר אַזוי
ווי צו קריגן די אַמעריקאַנישע וויזע איז געוואָרן אומגעהויער
שווער, כמעט אוממעגלעך, האָבן זיי זיך דווקא פאַרלייגט דע־
רויף און דורכגעפירט, אויסרעכנענדיק, אַז אויב דאָס איז אַזוי
שווער צו קריגן, מוז דאָך זיין אַ גרויס גליק.

יעדער האָט זיך פון עפּעס אָפּגעריסן. פאַראַן אַזוינע,
וואָס האָבן נישט געוואָלט פאָרן, נאָר זיי האָבן „געמוזט". גע־
מוזט — ווייל די אַמעריקאַנישע וויזע איז זיי אויסגעגאַנגען,
און נאָכאַמאָל באַקומען די וויזע איז אוממעגלעך, היינט גיי דע־
צידיר דיך נישט צו פאָרן און אַרויסלאָזן פון די הענט דאָס
„גליק", ווען עס איז געלעגן אין דיינע הענט. טויזנטער מענטשן
זענען דיך מקנא מיט דיין וויזע, ווי־זשע נישט פאָרן?—

איך האָב דעם איינדרוק, אַז די קוואָטע האָט געבראַכט
דערצו, אַז קיין אַמעריקע פאָרן איצט גראָד נישט די, וואָס
האָבן דאָס לאַנד געמאַכט גרויס און רייך אין פאַרלויף פון די
לעצטע צענדליקער יאָרן.

דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

— איך בין שוין געזעסן אין צוג און בין אַרויס פון
וואַגאָן. מיין ווייב איז געשטאַנען און האָט געוויינט. ווייסט איר,
וואָס דאָס הייסט שיידן זיך מיט אַ יונג ווייבל אויף גאַנצע
5 יאָר? און פאַר 5 יאָר, דאָס הייסט ביז איך וועל ווערן אַ

בירגער, וועל איך זי דאָך נישט קאָנען אַריבערגעמען! איך האָב געוויינט, זי האָט געוויינט, מיין טאַטע האָט געוויינט. דער צוג שטייט 10 מינוט, שעהן גאַנצע זענען דאָס געווען. האָב איך געכאַפּט די פּעקלעך און אַרויס פון וואַגאָן. שאַ! איך פּאָר נישט. און ווען נישט אַ קרוב מיינער, וואָס האָט די לעצטע מינוט אַ געשריי געגעבן: „געוואַלט, וואָס טוסטו, מענדל? די וויזע גייט דאָך דיר אויס״, — קאָן איך אייך פאַרזיכערן, אַז איך וואָלט נישט געפאָרן. דער קרוב מיינער האָט דאָס געכאַפּט די פּעקלעך און אַריינגעוואָרפן אין וואַגאָן, און איך האָב קוים נאָך באַוויזן אַריינצושפּרינגען, געהערט נאָר, ווי מיין ווייבל האָט זיך היסטעריש פונאַנדערגעוויינט, און דער צוג האָט מיך שוין געטראָגן אַוועק. ווייס איך וואָס? די גרויסע גליקן?

אַזוי דערציילט מיר איינער זיין אָפּפאָר-היסטאָריע, און איך פיל דאָס קלעמעניש פון זיין האַרץ.

האָט ער דאָס באַדאַרפט? אפשר וואָלט דאָרט אויך גאָט געהאָלפן? אפשר וועט מען אויפהערן צו דריקן? אפשר וועט די לאַגע פּאָרט בעסער ווערן? — —

דער מענטש, ווי איר זעט, האָט צופיל צו טראַכטן זיינע אייגענע זאָרג; זיי האָבן אים, די זאָרג פעסט אַרומגעוויקלט. דער ים און די אייביקייט אינטערעסירן אים נישט.

און דאָס קליינע פעסטע יידל פון אַ שטעטל האַרט ביי דער פרייסישער גרענעץ (אים האָט אויך „אָפּגעגליקט״ זיך אַריינצובאַקומען אין דער קוואָטע), וואָס האָט אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע געשמוגלט פערד, און ער האָט אַוועקגעלייגט טויט, צוזאַמען מיט אַ חברה, צוויי דייטשע זשאַנדאַרמען (אַזוי דערציילט ער) — ער איז אוודאי נישט קיין מעטאַפיזיקער און קיין פילאָזאָף.

אָבער ר׳ נתן ישעיה רויכערט אַ ציגאַרעט (דווקא מיט אַ מונדשטוק) און ווען ער האָט אויסגערויכערט, גלעט ער זיין ווייסע אויסגעקעמטע באָרד (דאָס האָבן אים די באַאַמטע אין אַלע דורכפאָר־עטאַפּן פאַר עמיגראַנטן אויסגעלערנט צו קעמען

זיין באָרד; מיט אַן אומריינער באָרד, האָבן זיי אים געוואָרנט, ווײַט מען אים נישט אַרײַנלאָזן קיין אַמעריקע) און ער ריקט איבער דאָס סאַמעטענע קאַפּל אויף זיין קאָפּ (אַ שפּאָגל־ביי קאַפּל, געמאַכט פאַר דער ווייטער נסיעה), און ער כאַפּט אַ קוק אויף דער צעשפּילטער סטיכיע, וואָס טרייסלט אונז שוין עטלעכע טעג.

אויפן ים איז ער שוין געפאָרן, ר׳ נתן ישעיה, דאָס איז ביי אים קיין נייעס נישט, אָבער נישט אויף אַזאַ גרויסן. די מעשה איז אַזאַ מעשה. זיין צווייט ווייב האָט זיך געלאָזט מאַכן אַן אָפּעראַציע אין דייטשלאַנד, און איז טאַקע געשטאָרבן אין קליניק, אונז צו לאַנגע יאָר. געווען אַ יידענע אַ צדיקת. ס׳איז געווען גראָד די ערשטע טעג פון דער מלחמה. מילא. נסים זענען געשען. די דייטשן האָבן געוואָלט אויסהרגענען אַלע „רוסן״, האָבן זיי זיך אַלע אַריבערגעכאַפּט איבער שוועדן און פינלאַנד. זענען זיי געפאָרן 6 שעה אויפן ים, צוויי גוטע יידן זענען געווען אויף דער אייגענער שיף, צוריקגעקומען פון די וואַרעמע בעדער. און עס איז געווען אַ שטורם, וואָס די וועלט האָט נישט געזען, מענטשן זענען אומגעפאַלן, די ווייבער האָבן געמאַכט יללות, און אַלע האָבן אָפּגעזאָגט ווידוי, ס׳איז געווען, אַזוי ווי אין פּסוק שטייט: „והאניה חשבה להשבר״ די שיף האָט געהאַלטן ביים אונטערגיין. דעמאָלט איז די סלוצקער רביצין אַרויס מיט אַ געשריי: „געוואַלט, גוטע יידן, וואָס שווייגט איר?!״ וואָס מיינט איר? די גוטע יידן צום ערשט און דערנאָך אַלע, האָבן זיך אָנגעטון טלית און תפילין, און האָבן זיך געוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע (ווייל עס איז נישט מעגלעך געווען איינצושטיין) און ס׳האָט טאַקע געהאָלפן...

„דאָס הייסט, פאַרענטפערט ער זיך פאַר מיר, איר קאָנט אייך זאָגן, וואָס איר ווילט, אָבער מיר זענען אָנגעקומען בשלום״.

ר׳ נתן ישעיה איז אַ למדן און האָט שוין באַגראָבן זיין דריט ווייב, טאַקע אין דער צייט פון דער מלחמה חתונה געהאַט און געוואָרן אַן אַלמן, לא עליכם.

איך בין אים חושד, אַז ער וואָלט צופרידענער געווען חתונה צו האָבן אַ פּערט מאָל, איידער צו פאָרן קיין אַמעריקע. ער איז שוין קרוב 70 יאָר, אָבער ער איז זייער, זייער וויט צו האָבן קוהלתשע געדאַנקען. מן־הסתם האָט זיך נישט געמאַכט קיין שידוך. אַלץ איז אין גאָטס הענט, און מען קאָן נישט גיין קעגן דער השגחה. האָבן אים די קינדער געשריבן און געשריבן און געשריבן: קום אַריבער, טאַטעניו! זיי זענען צע־וואָרפן אין דעם גרויסן ניו־יאָרק, און זיי ווילן האָבן דעם טאַטן נעבן זיך. נישט קיין עולה פון זייער זייט (און ער ווייסט אי־בער זיין באָרד מיט גרויס רחבות). וואָס? מיר האָט עפּעס גע־פעלט אין דער היים? אָבער איינער אַליין איז ער געבליבן — ער איז נישט געוואוינט דערצו.

מיר וויל ער זאָגן דעם אמת: אויב שוין פאָרן, האָט ער ליבער געוואָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל. מילא, מען מוז דאָך קלערן וועגן אַ תכלית אויך. אַ מענטש קאָן נישט וויסן, ווען זיין צייט וועט קומען, קומט מען דאָך עפּעס צו קבורה אין דער הייליקער ערד. וואָס אַן אמת, האָט ער זיך פאַרזאָרגט: ער פירט מיט אַ זעקל ארץ־ישראל־ערד, אמתע ארץ־ישראל־ערד, נישט קיין אויסנאַרעכץ, ער ווייסט ביי וועמען ער האָט עס געקויפט... נאָר די קינדער האָבן נישט געלאָזט צו־רו, געשיקט אַ שיף־קאַרטע, פּאַפּירן, געלט און געבעטן זיך, דאָ איין טאָכ־טער, דאָ אַ צווייטע — איז ער געפאָרן.

שייך צו זאָגן: אין אַמעריקע זענען נישטאָ קיין פרומע יידן? אַזאַ יאָר שוין אויף אונז אַלע.

דער שטורם אַרט אים נישט; נישט מער, ער האָט מורא, די שיף זאָל זיך נישט פאַרשפּעטיקן מיט צוויי טעג, און ער האָט פּונקט יאָרצייט נאָך זיין מוטער און נאָך זיין ערשט ווייב (פּונקט פאַלן דיביידע יאָרצייטן אויס אין איין טאָג). ווי שלעפּט מען דאָ צוזאַמען אַ מנין אויף דער שיף? אַז צו לייענען די מגילה האָב איך זיי קוים געקאָנט קריגן (מיר האָבן גע־פּורימט אויף דער שיף).

און אַזוי רעדט ער, ר' נתן ישעיה, דער זיבציק־יעריי

קער, און ער פילט זיך איינגעפונדעוועט אויף דער וועלט מער ווי הונדערט גרויסע און קליינע קוהלתן צוזאַמען.

און אָט אַזוי קומט עס, וואָס ווען איך פּלוידער אָפּ מיטן טשיקאַגער דייטש אַ קליין שטיקל צייט, פיל איך אַ באַדערפעניש אַריינצוגיין צו ר׳ נתן ישעיהן, אַזוי ווי מען פילט דאָס באַדערפעניש נאָך פרישע לופט, ווען מען איז אַ צייט אין אַ פאַרשטיקטן קעלער.

און דאָך — און דאָך — —

דער טשיקאַגער דייטש איז אַ פּראָדוקט פון דער נייער, איבער-נייער וועלט, פון קולטור, פון ציוויליזאַציע, און ר׳ נתן ישעיה געהער צו אַ וועלט, וואָס פאַרשווינדט, און וואָס קאָן נישט צוריקקערן... פון דעם, וואָס ס׳ווערט אָפּגעלעבט אויף אייביק...

און די כוואַליעס פון ים, באַדעקט מיט שוים, לויפן האַסטיק, לויפן אָן אויפהער; גיי פרעג זיי: וואו איז דער סוד פון גליק און לעבן...

דער בחור פון עסעקס־סטריט

די נאָנטקייט פון דער יבשה האָט אונז אָנגעזאָגט אַ קאַלטער, שניידיקער אייזיקער ווינט, וואָס האָט געבלאָזן פון די ברעגעס פון קאַנאַדע. און ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין האַליפאַקס, האָבן מיר געטראָפן אַ האַרבן ווינטער, אַ קנאַקעדיקן פראָסט, פאַרשנייטע ברעגעס, די ערד איז געווען פאַרגליווערט, און די הונדערטער מענטשלעכע פּנימער, וואָס האָבן אָפּגעוואַרט זייערע פריינט אויפן ברעג, זענען אויך, געווען פאַרגליווערטע, שטייפע, אָנגעצויגענע. אַלע האָבן אויסגעזען גלייך, נאָר מיט דעם אונ־טערשיד, וואָס אַ טייל האָבן געטראָגן משונהדיק גרויסע ברילן אויף די אויגן, און אַ טייל — נישט.

— אָט דאָס איז אַמעריקע? — רעדט ווי צו זיך אַליין אַן עלטערע יידענע און זיפצט שווער אָפּ — אַזוינע קרירות...

— דאָס איז קאַנאַדע, נישט אַמעריקע; וואַרט, באָבעשי, ס'וועט זיין נאָך קעלטער... — וויצלט זיך אַן עמיגראַנט.

— נישט אַמעריקע? — זינגט ווייטער די אַלטע — וואָס דען? מען וועט ווידער מוזן גיין אויף אַ רעוויזיע?

די אַלטע האָט שוין געמוזט דורכגיין אַ היפּשע צאָל „רעוויזיעס", ציטערט זי ווי אַ פיש.

— ניין, יידענע, ס'וועט שוין אַלץ גוט זיין.

— אוי, ווי דערלעבט מען שוין דאָס, גרויסער גאָט! גרויסער גאָט פון דעם עמיגראַציע־דורשטיקן פאָלק ישראל!

זאמל די טרערן און זיפצן פון די „גליקלעכע" וואָס קומען אָן צו די ברעגעס פון אַמעריקע, זאמל זייער האַרץ־ציטערניש און שרעק און זייערע שלאָפלאָזע נעכט, ווייל נאָר ביי דיר, אין די גרויסע זיבן הימלען, איז דאָ אַן אָרט פאַר אַזוי פיל מענטשלעכע פיין...

און ווי מיר זיצן אַזוי און רעדן, קומט ער צו צו אונזער רעדל, דער בחור פון עסעקס־סטריט, דער ערשטער אַמעריקאַנער מענשלעכער פּראָדוקט, וואָס קומט פון דער יבשה אונז אַנטקעגן.

ער איז נישט צוגעקומען, נאָר אַזוי ווי צוגעשפּרינגען און ער האָט דעם ווינטער נישט געהאַט אויף זיך.

לעבעדיק און רירעווּדיק, בלאָע העלע אויגן. געזונט און נאַיוו און אָן אַ וועסט — אַ שטיק לעבן און ציט כּסדר די הויזן.

— פּאָרט צו אַמעריקע? גאָלדענע מדינה? האַ? דאָ „רעינינג" גאָלד!

ער רעדט אַ געהרגעטן יידיש, און ער האַקט ביי אַלע אָפּ די פליגל מיט אַמאָל.

אַ שווער לעבן דאָ, בעסער זיצן אין דער היים — דאָס איז דער מיין פון זיינע ווערטער.

און ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט דערציילט ער אונז אַ מעשה אויף זיין געמישט לשון, וואָס איך, איינער אַליין פאַרשטיי און מוז איבערדערציילן פאַר אַלע:

ער האָט געאַרבעט ביי איבערפירן פּיאַנאָס, האָט געטראָפן אַן אומגליק מיט דעם אויטאָמאָביל, צוויי מענטשן זענען שווער פאַרוואונדעט געוואָרן, איז ער געקומען אָנזאָגן די בשורה דעם באָס, האָט יענער נישט געפרעגט, וואָס מיט די מענטשן איז, נאָר וואָס איז מיט דער „קאַר". אַ מענטש, דערקלערט ער, איז גאָרנישט אין אַמעריקע. מענטשן זענען דאָ „פּלענטי". צוויי געהרגעט — וועל — צוויי אַנדערע, עס פעלט נישט.

„וואָס איז דאָס פאַר אַ חיה?" (ר' נתן ישעיה קראַצט

זיך אונטערן אויער און רוימט מיר איין שטילערהייט די פראַגע אין אויער אַריין).

אַן אַמעריקאַנער בחור איז עס; פאַרט צוריק פון קאַנאַדע קיין ניו־יאָרק. אַ „בוטלעגער" איז ער, ער שמוגלט אַלקאָהאָל פון קאַנאַדע, אין דער מדינה פון „פּראָהיבישאָן".

— ביי אונז פּראָהיבישאָן — זאָג זיי — וועגדט ער זיך צו מיר, אַז ער זעט זיי פאַרשטייען נישט, וואָס ער רעדט.

ער דערציילט עס מיט אַזאַ אָפנקייט. אַז ביי אַלע פאַרכאַפּט אַזש דער אָטעם. אין איראָפּע אַ שמוגלער, צי איינער, וואָס האָט לינקע עסקים איז אין דער רעגל אַ שווייגער, אַ פאַרהוילענער, און דער דאָ ציט די הויזן, רעדט מיטן טאָן פון אַ דערוואַקסענעם (דער גאַנצער בחור איז אַלט אַ יאָר 25) צו קליינע קינדער, און גאָרנישט, טו אים עפּעס.

אַרבעטן? וואָס אַרבעטן? צום טייוול! אַלע „באָסעס" זענען גלייך. דאָס איז אויך, אַ שווערע אַרבעט און א ריזיקאַלישע — דערקלערט ער אונז — ער פירט דאָס שפּיל. גוט, האָט אָבער דער „זוכנדיקער שטראַל" (סוירטש לאַיט) געפּאַקט, מ'הייסט אים שטיין. וואָס? אַ קינד איז ער? ער וועט שטיין לאָזן אַלץ פאַרפאַלן? שטייט ער נישט. — זיי שיסן — זאָלן זיי שיסן, ער לייגט זיך מיטן קאָפּ אַראָפּ און הייסט דעם שוואַרצן אָנציען די זעגלען און לויפן אוועק. מען לעבט נאָר איין מאָל, און נאָר איין מאָל שטאַרבט מען. צי פון אַ קויל, צי פון עלעקטריק טשער, צי מען הענגט — ווי עס קומט אויס. אין איין שטאַט איז עלעקטריק־טשער, און אין צווייטן — קכיק און ער כאַפּט זיך פאַרן האַלז.

דאָס ערגסטע, דערקלערט ער, זענען די „גוים". אַ ייד טרינקט, ווען, טרינקט ער, דער גוי כאַפּט זיך צו, איז אים נישט אָפּצורייסן. ווערט ער שכור און קאָן פּטרן דאָס גאַנצע שפּיל. אַ ייד האָט אַ קאָפּ, אָבער אַ גוי — ער איז אַ יידישער פּאַטריאָט, אונזער בחור פון עסעקס סטריט.

צי ער ווייסט עפּעס פון יידישקייט? צי ער קען לייענען יידיש?

ניין. אָבער די הפטורה קאָן ער פון אויסנווענינג, און ער זינגט, זי טאַקע פאַר אונז אויס, אָבער אין מיטן פאַרפּלאָנ־טערט ער זיך.

און יידישן טעאַטער צי ער גייט? — ניין. דאָרט איז „צו טרויעריק". ער האָט ליב פריילעך, מיידלעך זאָלן טאַנצן. „פאַרשטייכט"?

* *
*

עס רעדט פון דעם יונג אַרויס אַ רויקייט, אַ ווילדקייט, וואָס וואַרפט אויף אַלע אָן אַ שרעק. נישט ווייל מען האָט מורא פאַר אים. דער בחור האָט בסך־הכל ווייכע גוטע אויגן און האַלט שטאַרק פון „טשאַריטי" (צדקה). ערשט מיט אַ חודש צו־ריק האָט ער געזען אין ברוקלין אַן אַלמנה מיט קינדער און האָט אַוועקגעגעבן 20 דאָלאַר. און ווען ער דערציילט פון זיין אַלטער מאַמע, וואָס ער האַלט אויף, ציטערט ביי אים אַ וואָ־רעמע נאָטע.

דאָ אויף דער שיף בעט ער כסדר, מען זאָל מיט אים גיין טרינקען און צאָלט פאַר אַלע.

עס שרעקט — דער מין, דער סאָרט מענטש, וואָס מיר דערזען דאָס ערשטע מאָל.

באַשערט געווען אונז, גרינע, צו טרעפן זיך, גאָר צום ערשטן אויף דער שיף מיט דער פאַרווילדקייט פון ניו־יאָרק, נישט מיט איר אַרבעט און שאַפנדיקער ענערגיע. גיי פרעג קשיות אויפן מזל.

דער ים־וועג פון קאַנאַדע קיין ניו־יאָרק איז נישט פאַר די שאַפנדיקע מענטשן. זיי פאָרן מיט דער באַן, מיט דער שיף פאָרן די, וואָס מוזן אויסמיידן די יבשה, וואָס דאַרפן זיך נישט צופיל וואַרפן אין די אויגן אַריין.

מיט געשפּאַנטער נייגיריקייט און מיט מורא (נישט פאַר אים, נאָר פאַר דעם באַדן, פון וואַנען ער וואַקסט) הערט מען אים אויס. ער לאַכט אָפּ פון אונז, מיר זענען גרינע און פאַר־שטייען גאָרנישט. צי ער האָט געהרגעט אַ מענטש? ער האָט

נישט געהרגעט, נישט אויסגעקומען, אָבער וואָס איז? היינט שטאַרבן אָדער מאָרגן שטאַרבן? אַז ער הרגעט איינעם, טוט ער אים גאָר קיין שלעכטס נישט. סיי־ווי־סיי וועט ער שטאַרבן, נישט היינט, איז מאָרגן.

דאָס איז אַ מין גענגסטער־פילאָזאָפיע, וואָס רעדט פון אים אַרויס. דאָס צייט־געפיל איז נישטאָ, און נעמט מען אַוועק די צייט, וואָס הייסט טויטן! וואָס הייסט שטאַרבן? איר שטאַרבן — ער שטאַרבן — אויפן עלעקטרישן טשער שטאַרבן, צי אויף דער תליה.

גראָד צו דער תליה האָט ער נישט קיין איבעריקע סימפּאַטיע פון איר רעדט ער מיט אויפגערעגטקייט. דער „עלעקטריק־טשער" איז „אָל־רייט".

ניו־יאָרק איז אַ גוטע מדינה, בעסער פון גאַנץ אַמעריקע — ער איז אַ פּאַטריאָט פון זיין שטאָט און פון איר „עלעקטריק טשער".

* *
*

סך־הכל איין דור, איין איינציקער דור!

עס באַפאַלט אַזש אַ שרעק צו קוקן אין דעם תהום, וואָס ווערט געעפנט פאַר מיינע אויגן, ווען ער רעדט אַזוי.

זיין פאָטער איז געווען אַ פרומער ייד. ער איז געזעסן איבער „גרויסע ביכער", און לויט ער מאָלט דאָס מיט זיינע הענט, זענען דאָס געווען גמרות פון דפוס סלאַוויטע צי ווילנע. „געוואָרפן מיטן קאָפּ", אָט אַזוי, (זיך געשאָקלט, מיינט ער). אים האָט ער, דער פאָטער פיינט געהאַט, נאָר די מוטער האָט אים ליב געהאַט, לאָזט ער קיין בייז וואָרט נישט פאַלן אויף איר.

זאָל מען נאָר פרואוון פאַרטשעפּן מיט זיין מוטער -- אָהאָ!
איין־איינציקער דור!

מיט אַמאָל איז אָפּגעריסן געוואָרן אַ קייט פון דורות, און אַ מענטש איז אַרויס באַקעט און בלויז און „פריי" אויפן ברוק פון עסעקס סטריט. די שטומע שטיינער האָבן אים דערצויגן, וואָס איז פאַר אים? וואָס איז נאָך אים? — — —

בײַ די טויערן פֿון אַמעריקע

אַ נאַכט אַ שווערע — פֿון די נעכט, וואָס בלײַבן העפֿטן אײן דער מענטשלעכער נשמה אַזוי ווי שוואַרצע פֿלעקן. נישט אָפּ־צווואַשן און נישט אָפּצומעקן, אַ נאַכט, וואָס איז נישט קײן טײל פֿון לעבן, נאָר אַזוי ווי אַ שטיק פֿאַרגליווערטע אײביקײט, ווײל זי הענגט שווער איבער די קעפּ, און אַזוי פּאַמעלעך, אַזוי אַכזריותדיק פּאַמעלעך, רוקט זיך דער זײגער אין אַזעלכע נעכט!

די לעצטע נאַכט אויף דער שיף. מאָרגן — ניו־יאָרק! דער גרויסער יום־הדין פֿאַר די עמיגראַנטן.

און „אַזוי ווי אַ פּאַסטוך, וואָס קלײַבט איבער די סטאַדע, ווער צו גנאָד, ווער צו שטראָף, ווער צום לעבן, ווער צום טויט״— —

אָט אַזוי וועט דאָס מאָרגן זײַן, ווען אַמעריקע וועט אַרויסשיקן אויף די שיף אירע דאָקטוירים און אירע באַאַמטע, צו פֿאָרשן און צו זען און צו באַטראַכטן, ווער עס זאָל אַרײַנגעלאָזן ווערן, ווער ס'זאָל פֿאַרהאַלטן און צוריקגעשיקט ווערן — דער לעצטער יום־הדין וועט דאָס זײַן, דער גרויסער טאָג, וואָס אַלץ, וואָס ביז איצט איז געווען, אַלע וואָגלענישן און פּלאָגענישן, אַלע רעוויזיעס און בעדער, אַלע קעמענישן און רײניקונגען, אַלע גראָע ווערטער, וואָס מ'האָט זיך אָנגעהערט, אַלע שטויסענישן און נאַקעטקײטן פֿון קערפּער און נשמה, וואָס מ'האָט געמוזט אַנטפּלעקן פֿאַר די רעוויזאָרן און דאָקטוירים

און שיפסבאַאַמטע ביז אַהער — אַלץ דאָס איז גאָרנישט אַנט־קעגן דעם גרויסן טאָג, וואָס קומט אָן!

דער גרויסער טאָג — און דער לעצטער פון דער קייט!

זיצט אַ יידענע אין צווייטע קלאַס מיט מיר און אירע וועלקע ליפּן מורמלען עפּעס — זי זאָגט תהילים פאַר זיך פון דעם, וואָס זי געדענקט פון אויסנווייניק.

וואָס קאָן, מישטיינס געזאָגט, אַ יידענע געדענקען פון אויסנווייניק?

אַ קליינעם שיר־המעלות, און באַדאַרפט וואָלט זי האָבן אַ גאַנצן גרויסן סידור, זי זאָל זיך קאָנען אויסוויינען און אויסכליפּען, און אַלע אירע פאַרוואָגלטע טעג און יאָרן זאָל זי קאָנען אויסזיפּצן, — — אַ נאַכט, אַ נאַכט אַזוינע, וואָס מען מאַכט נישט צו קיין אויג, און פון גאָט ברוך הוא אויבן איז דאָך אַלץ אָפּהענגיק, אַ קאַפּיטל תהלים קאָן ראַטעווען...

און זי הויבט אויף די אויגן צו ר' נתן ישעיהן, וואָס זיצט דערנעבן:

— ר' נתן־ישעיה? —

אָבער ר' נתן-ישעיה זיצט היינט אויך, ווי פאַרגליווערט, און זיין ווייסע באָרד איז איצט אַזוי אויסגעקעמט, אַזוי פּירכט־לעך גלאַטיק אויסגעקעמט, אַזוי ווי אַ שיינע פרומע יידישע באָרד דאַרף בשום אופן נישט צו זיין אויסגעקעמט. און אין דער זייט איז אַ שפּיץ גלאַט פאַרקעמט און זעט אויס ווי אַ שפּיז, שטעכעדיק, שאַרף...

אַכזריותדיק לעבן, שרעקלעך וואַנדער־מזל דו, וואָס דו האָסט אַ יידישע באָרד געבראַכט צו אַזאַ מדרגה!

ער זיצט, דאָס קאָפּל אויפן קאָפּ אַביסל פאַררוקט, שטום און פאַרטראַכט, און די אויגן זיינע זענען איצט אויסגעלאָשן: די היינטיקע נאַכט האַלט אויך אים פעסט אין אירע אָרעמס, די נאַכט פון שרעק און דערוואַרטונג.

וואו איז אַהינגעקומען דאָס כיטרע פייערל, וואָס פלעגט אַזוי אָפט אויפבליצן אין זיינע אויגן און דערציילן פון אַ באַ־האַלטענער מחשבה — וועגן אַ חתונה האָבן צום פערטן מאָל?—

ס'איז געקומען די נאַכט, פון אַלע פיר עקן פון האָרי־זאָנט האָט זי זיך אַפּערגעהויבן, און זי האָט איינגעהילט אַלץ.
פאַרנאַכט זענען נאָך אַלע געווען אויפגערעגט, נערוועזיש, און האָבן זיך געשטאַרקט, בכּיון געריעדט הויך און רוישיק, כּדי צו דערשלאָגן, צו דערשטיקן די מורא, וואָס האָט אָנגע־קלאַפּט אין די הערצער. אָבער ווי נאָר די נאַכט איז געקומען פון אונטער די שוימיקע כוואַליעס, מיט די בייזע וואָיעגדיקע ווינטן, מיט דעם אויסגעלאָשענעם הימל, אָן לבנה און שטערן, האָט נישט מער געקלעקט דער געמאַכטער קוראַזש. האָט זי זיי אוועקגעזעצט, די נאַכט, אַזוי ווי באַשולדיקטע, אויסגעמאַטערטע פון דעם לאַנגען משפּט, ווען די לעצטע שעה קומט אָן, אויס־געזעצט אויף די ערטער, אַזוי ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, חלילה, מיט אַן איבעריק וואָרט נישט איבערצוווען די וואָגשאָל...
— ר' נתן־ישעיה, אפשר...
אָבער די יידענע בלייבט שטיין אין מיטן די רייד. ר' נתן־ישעיה האָט זי אָנגעקוקט, און די אויגן זיינע האָבן זי מן הסתם איבערגעשראָקן. אָבער זי שטאַרקט זיך:
— אפשר האָט איר אַ סידור?
— וואָס? אַ סידור? פּע... פּע... — בלאָזט ער.
ער איז אַלט געוואָרן דורך דער איינער נאַכט. אַ זקן, אַ זקן! אַ פּעקעלע ארץ־ישראל־ערד פירט ער מיט זיך. עכטע, נישט געפעלשטע...
און איינער אַ יונגערמאַן קומט צו מיר צו און פרעגט מיך אויפן אויער. צי ס'איז נישט בעסער, ער זאָל זיך אָנטון אַ שוואַרצן אַנצוג צו דער רעוויזיע? — קומט באַלד צו אַ צווייטער און שטעקט אַריין דעם קאָפּ, אויפצוכאַפּן, וואָס מען שמועסט דאָ מיט מיר — דעם גליקלעכן.
ווייל מיך זענען אַלע מקנא. מיר קאָן מען גאָרנישט טאָן. איך האָב פּאַפּירן אַזוינע.
ווייל יעדער פאַר זיך, נאָר אַליין, עפּעס מיך פרעגן, כאַפּן פון מיר אַ וואָרט, און דער אַנדערער זאָל נישט הערן.

* * *

עמיגראַנטן פון דריטן קלאַס זענען היינט געווען אומזיסטע געסט. די באַדינער פון שיף זענען היינט ווייכהאַרציק, גוט צו אַלע, קוקן אַוועק אָן אַ זייט, וואָס מען איז עובר אויף די שטרענגע געזעצן פון שיף... און זייער גוטקייט שרעקט נאָך מער די עמיגראַנטן. עס איז די גוטקייט פון דער תפיסה צום פאַרמשפטן אין זיין לעצטער נאַכט... (אפשר מיינען זיי נאָר דאָס לעצט־געלט, וואָס זיי דאַרפן קריגן...).

די שרעק וואַקסט, ווערט געדיכטער. אַ שוואַרצע נאַכט אין דרויסן. עפנט ווער די טיר, דאַכט זיך, אַז דאָס אומגליק פאַקט זיך אַריין, דאָס אומגליק, וואָס האָט אַרומגענומען פון אַלע זייטן אין קיין אויסוועג איז נישטאָ...

דער אָטעם איז אַ טיפער און שווערער און אויסגעצוי־גענער.

איך קאָן נישט מער אויסהאַלטן אינעווייניק, און מען לאָזט מיך נישט צוריק. טראָג איך זיך אָפּ (איך — — דער פריץ...) און שטיי אויפן דעק, קוק אין דער שוואַרצער נאַכט אַריין; איך וואַרט אויף דעם ערשטן סיגנאַל פון דער יבשה, אַ בינטל שטראַלן פון אַ לייכט־טורם, וואָס דאַרף זיך באַווייזן קעגן עלף.

ס'איז קאַלט און ווינטיק, און עס געדויערט לאַנג, ביז מיין אויג, באַוואָפנט מיט אַ ווייט־קוקער, דערכאַפּט אַן אויפ־צאַפּלדיק ליכט פון דערווייטן.

איך קום אַריין אָנזאָגן די בשורה: דאָס ערשטע ליכט פון אַמעריקע...

און אַלע אויגן הויבן אויף צו מיר מיט אַ ציטער:

— וואָס? וואָס? וואָס??

און זיי זענען שרעקלעך אַנטוישט, ווען זיי דערוויסן זיך וועגן וואָס עס האַנדלט זיך:

אַ ליכט! ווע מען גייט דאָס אָן! שוין — געזען...

* *
*

ווער עס האָט געוואַכט די דאָזיגע נאַכט, ווער עס האָט געדרימלט, און געזען וויסטע חלומות — אין דער פרי, צוזאַמען מיטן גראָען פרימאָרגן, זענען אַלע געווען אויף די פיס. שיפן האָבן זיך באַוויזן אויפן ים. אַ שוואַרצער פּאַס פון אַ ברעג האָט זיך דורכגעטראָגן — אַמעריקע! אַמעריקע!

און ווידער איז דער ברעג פאַרשוואונדן. ניין, נאָך נישט. אונזער שיף גייט נאָך מיט פולן דאַמף, אָבער דער ים איז געוואָרן לעבעדיקער, באַוואוינט. שיפן, סיגנאַלן...

די לעצטע שעה האָט זיך אָנגערוקט.

די נעכטיקע דערשלאָגענע עמיגראַנטן זענען ווידער געוואָרן שרייענדיק, נערוועזש, רירעוודיק, און ווידער פאַרטומלען זיי זייער האַרץ-קלאַפּעניש. אָבער בלייך זענען זיי, גראָע און וואַקסענע פּנימער, און מידע אויגן, ביי אַ טייל זענען זיי רויטע. די וויסטקייט פון ים איז פאַרשוואונדן און די שוואַרצקייט פון דער בלינדער נאַכט. לעבעדיקע מענטשן מיט מיילער צום עסן און הענט צו אַרבעטן קלאַפּן איצט אָן ביי די טויערן פון גאָלדענעם לאַנד: לאָז אונז אַריין, גאָלדענע מדינה, מיר האָבן וויזעס, אָט-אָט האָבן מיר אַלע פּאַפּירן, וואָס מען האָט פאַרלאַנגט פון אונז, אַלץ, וואָס מען האָט געפאָדערט, האָבן מיר געטון. די בערד אויסגעקעמט, די אויגן אויסגעהיילט, אַלע אונזערע אברים זענען אָן פּסול און אָן מום, — צי דען האָט מען נישט אונז צען מאָל רעווידירט? און די וועש אויף אונזער לייב איז ריין, — איר קאָנט זען, אויב איר ווילט — — —

און אַ פּאַנאָראַמע פון דעם גרויסן וועלט-וואונדער, פון דעם ניו-יאָרק, הויבט זיך אָן אויסצעוויקלען אויפן האָריזאָנט. די שיף שטעלט זיך אָפּ און גייט ווידער. די באַאַמטע קומען אַרויף. שיפן, שיפן פון אַלע זייטן, און יבשה פון אַלע זייטן. און די וואָלקן-קראַצערס (וואָס נאָר פון וואַסער זעט מען זייער ריזיקייט אויפן פאָן פון הימל) שווימען אונז אַנטקעגן, לופטיק און גרינג זעען זיי אויס פון דאַנען, ווי זיי רוקן זיך און קערן זיך און פאַרבויגן אויף צוריק צוזאַמען מיט די באַוועגונגען פון אונזער שיף. ס׳איז שוין גרויסער טאָג, און אַ ווינטער-זון,

אַ קאַלטע אָבער ליכטיקע, קיניגט בהרחבהדיק איבער וואַסער און יבשה און איבער די ווייסע קאַסטנס מיט די אומגעצײלטע פענסטער...

קיינער פון די עמיגראַנטן האָט דאָס בילד נישט געזען: די אויגן האָבן געזען, אָבער דער מוח האָט נישט באַנומען.

איך האָב זיי אָנגעקוקט, ווי זיי זענען געשטאַנען אין רעדלעך און זיך געשושקעט:

— זיי עסן איצט.

(די עמיגראַציע־באַאַמטע האָבן צום ערשטן אָפּגעפּאַרטיקט די אַמעריקאַנער בירגער, און זיך גענומען אונטערלענען דאָס האַרץ).

און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זיי שטייען איצט נישט, נאָר זיי אַלע ליגן אויסגעשפּרייט אויף דער ערד, אין זייער שטויב און זינדיקייט און אונטערטעניקייט, און זיי בעטן שטו־מערהייט:

— גאָלדענע מדינה, האָב איינזען, מיר האָבן וויזעס, אָט האָבן מיר, און אויסגעקעמטע בערד, און ריינע וועש, אַך, אַך, גאָלדענע מדינה, האַר פון אַלע וועלטן — — —

די עמיגראַציע־באַאַמטע זענען געזעסן אַרום אַ טיש, באַ־דינט פון קעלנער, און האָבן רואיק געגעסן...

די געזעלשאַפט פון דריי קופים, אָבער נישט קו־קלוקס־קלען

אַלע צוויי וואָכן, דאָנערשטאָג אין אָוונט האָבן מיר געהאַט אַ צוזאַמענקונפט אין הויז פון אַ פריינט, אַ מענטש מיט אַ שיינעם קלוגן קאָפּ און מיט זילבער אין די האָר. אונזער פריינט איז געווען אַ ליבהאָבער פון וויסנשאַפט און פון אַלע שיינע קונסטן, און גאָר באַזונדער איז ער געווען אין דער קונסט פון געניסן דאָס לעבן. מיר פלעגן דאָרט עסן אָוונט־ברויט, און די אָוונט־ברויטן זענען געווען קליינע מייסטער־ווערק, צוזאַמענגעשטעלט פון אים אַליין. דער לעזער וועט זיך אַליין משער זיין, אַפילו ווען איך וועל אים דאָס נישט זאָגן, אַז דאָס שענע געשלעכט איז אויך געווען פאַרטרעטן אויף די צוזאַמענקונפטן.

מיר האָבן געהאַט אין אונזער געזעלשאַפט אַ מאַטעמאַטיקער, אַ היסטאָריקער, אַ כעמיקער, אַ מיידל פון אַן ערשט־קלאַסיקן מאָדע־מאַגאַזין, אַ פּיעסן־שרייבער א. אַ. וו. אַזוי, אַז די געשפּרעכן זענען געווען לופטיק און לייכט, און האָבן זיך געצויגן פון איינשטיינס טעאָריע ביז צו דעם לעצטן קאָליר, וואָס איז איצט מאָדע אין פּאַריז.

קריג איך איינמאָל פון אים אַ קאַרטל צו קומען נישט דאָנערשטאָג, נאָר מיטוואָך, און אַ חוץ דער געוויינלעכער פאַרבעטונג אויף אָוונט־ברויט, איז נאָך צוגעשריבן מיט זיין איי-

געגער האָט: „מיר וועלן זיך בּאַראַטן וועגן גרינדן די געזעל־שאַפט ק. ק. ק."

„די געזעלשאַפט פון די דריי קופים" — וואָס זאָל דאָס מיינען? איך בּין געווען זייער נייגיריק צו וויסן, און האָבּ איך נישט געקענט זיך דערוואַרטן בּיז אָוונט, האָבּ איך מיין פריינט אָנגעפרעגט טעלעפאָניש. האָט ער מיר געהייסן זיין געדולדיק — צי נישט „קו־קלוקס־קלען"? — אַ יידישער קו־קלוס־קלען?

איך האָבּ אים נאָר געהערט לאַכן דורכן טעלעפאָן. „ניין! האָט ער געענטפערט — ברענגט נישט מיט קיין דאַמען, מיר האָבּן צו בּאַהאַנדלען אַ וויכטיקן ענין".

מיין נייגיריקייט איז געוואַקסן. אַן עקסטרא־טאָג און אָן דאַמען־געזעלשאַפט — עס האָט שטאַרק אינטריגירט.

און אין אָוונט, ווען די איבעריקע פריינט האָבּן זיך פאַר־זאַמלט, האָבּ איך זיי אַלע געטראָפן פונקט אַזוי אינטריגירט און נייגיריק ווי איך בּין געווען. אָבּער אונזער פריינט האָט גע־האַלטן סוד, בּיז מיר האָבּן זיך געזעצט צום טיש עסן. ערשט בּיים ערשטן גלאָז לייכטן ווייסן וויין, האָט ער אָנגענומען אַן ערנסטע מינע (אָבּער די אויגן זיינע האָבּן געלאַכט) און איז צוגעטרעטן צום ענין.

— קודם־כּל — האָט ער געזאָגט — מוז איך פעסט־שטעלן, אַז אַלע אַכט אָנוועזנדע זענען געווען גלייך איבּער־ראַשט. אַלע האָבּן זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן, בּיז איך וועל דערציילן דעם ענין, און אַלע האָבּן געטראָפן דאָס אייגענע: „קו־קלוקס־קלען". דער עקספּערימענט איז מיר געלונגען. אַכט פּסיכישע אַפּאַראַטן זענען בּאַרירט געווען פון דעם אייגענעם קנעפּל, און אַלע האָבּן זיי רעאַגירט אויף דעם אייגענעם אופן. צווייטנס, איז דאָס נישט נאָר אַ וויץ, נאָר טאַקע אַ טעמע צו בּאַהאַנדלען. איך וויל גרינדן אַ געזעלשאַפט פון

קעמפער קעגן קונסט.

דער ערשטער פונקט פון אונזער קאָנסטיטוציע לייענט זיך אַט אַזוי:

יעדער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט „ק. ק. ק״ איז מחויב מיט אַלע זיינע מעגלעכקייטן צו באַקעמפן די קונסט אין אַלע אירע אויסערונגען; ער איז זיך מתחייב אָן שום מורא ביי יעדער געלעגנהייט, אַרויסצוטרעטן שאַרף און מוטיק קעגן דער פאַרהערלעכונג פון דער קונסט, אויסצולאכן אַלע, וואָס דינען צו דער קונסט, ביז דער קולט פאַר קונסט וועט אינגאַנצן פאַרשווינדן פון דער ערד״.

* *
*

אַרום אָט דעם פונקט האָט זיך פאַרוויקלט א געשפּרעך וואָס האָט זיך פאַרצויגן ביז צום גראָען באַגינען, און אָט וויל איך פּרואוון איבערצוגעבן עטלעכע זייער סאָלידע באמערקונגען (אָדער: געדאַנקען), וואָס זענען ביי גוטן וויין, ביי קאַווע און ליקער, געוואָרן אַרויסגעזאָגט אין יענער נאַכט.

די קונסט איז איצט געוואָרן א הייליקייט, אַן איבער־מענטשלעכקייט, א סודותפולע אומפאַרשטענדלעכקייט, א מין מזבח פאַר אַן אומבאַקאַנטן גאָט. ווער כאַפּט זיך אָן ביי די ראַנדן פון דעם מזבח? ווער האָט די נעגל דאָרט איינגעקריצט און לאָזט נישט אָפּ? ווער האַלט די אויגן פאַרגלייזט טאָג ווי נאַכט? ווער שטייט דאָרט אין דער פּאָזע פון אַן אויסדערוויילטן, פון א הייליקן, וואָס האָט די תאוות און קליינלעכקייטן פון דער זינ־דיקער ערד אונטער זיך? קיין פאַרנינפטיקן מענטש וועט איר נישט טרעפן אין דעם המון, וואָס ריינגלט אַרום דעם מזבח, און מאַכט משוגעדיקע באַוועגונגען און ווילדע יללות און אויס־געשרייען און קרימעונישן.

אָפּגערעדט שוין פון קינסטלער, פון דענקער — קאָנט איר אפילו קיין געוויינלעך ערנסטן מענטש מיט אַ דורכשניט־לעכן געשמאַק דאָ נישט געפינען.

אַזוי ווי אַרום אַלע מזבחות, פון זינט די מענטשן האָבן

האָבן געשאַפן קולטורן און קולטן און אָפּגאָט-דינערייען, וועט איר אויך ביי דעם מזבח טרעפן נאָר די נודניקעס, די פּוסטע און פּאַסניקעס. אַלע, וואָס שפּעקולירן אויף דער נאַרישקייט און לייכט-גלויביקייט פון די מענטשן.

און איך זע נישט קיין שום האָפענונג — האָט אונזער פריינט דערקלערט און ער האָט געמאַכט זיין שטים קלינגען אַביסל מעלאַנכאָליש — אַז דער מזבח זאָל קענען אָפּגערייניקט ווערן פון דעם קונסט-המון. זיי איז אוממעגלעך צו באַקעמפן; זיי פרוכפּערן זיך ווי די היישעריקן, און געמיין זענען זיי ווי די מאַרק-יידענעס, זיי קענען זיך שעלטן ווי די בעלי-עגלות— און וואָס קענען זיי נישט?

עס איז איצט דעריבער פאַראַן נאָר איין עצה: צו פאַר־ברענען דעם מזבח, און די חברה וועט זיך צעלויפן.

— אָבער, וואָס וועט זיין מיט דער קונסט?

— פאַר דער קונסט האָט נישט קיין מורא, — האָט אונ־זער פריינט געענטפערט קאַלט — זי איז אַ טייל פון דער שענער מענטשלעכער נשמה און קאָן נישט פאַרטיליקט ווערן.

די מזבחות ווילן מיר חרוב מאַכן. דאָס געצנדינעריי, קונסט מוז בלייבן אַ מענטשלעכע זאַך: פון די מענטשן, פאַר די מענטשן.

דאָס געמאָלטע בילד זאָל דערקוויקן אונזער אויג; די פּאָעזיע — זי זאָל ווערן דאָס שפּיל פון אונזערע איבערלע־בונגען אין אונזער פאַנטאַזיע; די מוזיק — זי זאָל אונז אַרויס־רייסן פון אונזער וואָכעדיקייט, און טראָגן לייכט און גליקלעך...

די מענטשלעכע קונסט וועט קיינמאָל נישט פאַרלוירן גיין — זאָרגט נישט!

*

*

דער היסטאָריקער האָט באַמערקט:

אַזוי האָט דאָס שטענדיק פּאַסירט. ווען די מענטשן האָבן צום ערשטן אָפּגערוט פון זייער אַרבעט, צי נאָך אַ יאַגד, צי

נאָך דעם שניט אין פעלד, אין די גאַר אַלטע טונקעלע צייטן, דעמאָלט פלעגט זיך דאָס מענטשלעכע אין זיי צעשפּילן און צעזינגען, און עס זענען געבוירן געוואָרן די ערשטע מיטן און לעגענדן. די געצן זענען צום ערשטן געווען פאַטעטישע שאַפונגען, אויסגעזוונגענע, אין שפּיל פון דער פאַנטאַזיע אויסגעפורעמטע. דערנאָך זענען געקומען אָט די, וואָס אונזער פריינט רופט נודניקעס און פאַסניקעס, אַלערליי פּריסטער און געצנדינער, און האָבן דערפון געמאַכט אַ קולט, און זיי האָבן געשפּייזט דאָס פאָלק מיט מורא, מיט נידערגעשלאָגנקייט; מיט איבערמענטשלעכקייט און איבערערדישקייט; די געטער, וואָס דער מענטש האָט געשאַפן אין פרייד. און ער האָט זיי געגאָסן אין פרייד, וואָס ביי זייער אַנדענקען האָט זיין שטים געקלונגען הילכיק אין אַלטן אורוואַלד, און זיינע אויגן האָבן העל געלויכטן — זיי זענען געוואָרן ערנסטע, שרעקעוודיקע, פאַרהוילענע.

און די מענטשן האָבן פאַר זיי געקניט, און די פּריסטער האָבן געקריגן באַצאָלט פאַר זייער פאַרמיטלונג צווישן די פורכטיקע איבערמענטשלעכע געטער און די אָרעמע מענטשן.

אָבער אונזער פריינט — אַזוי מיינט ער, דער היסטאָריקער — טרייבט איבער. נישטאָ אין אונזערע צייטן די מורא פאַר אַ געצנדינעריי. די וועלט איז איצט צו פיל דינאַמיש דערצו.

* * *

די געזעלשאַפט פון די דריי קופים איז געבליבן אַ נישט אויסגעפירטער פּראָיעקט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אונזער פריינט איז געווען אין אַ שלעכטער שטימונג, נאָכדעם ווי ער האָט באַזוכט אַן אויסשטעלונג, וואָס האָט שטאַרק אים דענערווירט. ער האָט נאָך דעם אָוונט אַ וואָך צייט אַרומשפּאַצירט אין די גרויסע מוזעומס און איז געהיילט געוואָרן פון זיין פעסימיזם בנוגע דער קונסט.

אָבער די געשפּרעכן פון יענער נאַכט זענען מיר געבליבן אין זכרון, און איך מיין אַז עס איז ווערט געווען זיי צו פאַרצייכענען.

ניו־יאָרק — פוּן דערווייטן געזען

ניו־יאָרק איז אַ גרויסע שטאָט, האָט זייער אַ גוטן קלימאַט, אַ מאַסע זוניקע טעג אין יאָר; ניו־יאָרק האָט זייער אַ גוטע און ביליקע קאָמוניקאַציע; ניו־יאָרק האָט זייער גוטע, היגיענישע אײַנגעריכטעטע וואוינונגען; דער מינדסטער אַרבעטער קאָן זיך פאַרגינען אַן אָנשטענדיקע וואוינונג מיט אַ באָד־צימער און אַ הייסע וואַנע יעדן טאָג; ניו־יאָרק איז רײַך, זייער רײַך, און ניו־יאָרק איז אפשר אַ שיינע שטאָט אויך (ווער ווייסט, וואָס שיין איז און וואָס מיאוס אין אַ לאַנד אָן טראַדיציעס, אין אַ לאַנד, וואָס הויבט אָן פוּן דאָס־ניי? —). אָבער די שיינקייט פוּן ניו־יאָרק — אויב אַזוינע איז פאַראַן — קאָן דער ניו־יאָרקער נישט זען.

כּדי צוּ זען זײַנע וואָלקן־קראַצערס וואָלט דער ניו־יאָרקער געמוזט פאַררייסן דעם קאָפּ אין אַ פּערפּענדיקולאַרער ליניע צום גוף. די אַלע ריזיקע בנינים, וואָס וועלן אפשר אין פיל טויזנטער יאָרן שפּעטער דערציילן וועגן דער אַמעריקאַנער קולטור, אַזוי ווי די פּיראַמידן דערציילן וועגן דער עגיפּטישער קולטור, קאָנען אין ניו־יאָרק גופא נישט געזען ווערן. עס פעלט די פּערספּעקטיוו. די פּיראַמידן זעט מען אין אַ ים פוּן זאַמד, אויף דעם הינטערגרונט פוּן מדבר. פוּן וואַנען און ווי אַזוי זאָלט איר איצט זען דעם 50־שטאָקיקן וואוּל־וואָרד־בילדינג? אַלץ איז פאַרמויערט און פאַרשטעלט. און דער מענטש האָט

קיין צייט נישט. כדי צו באַקוקן אַ וואָלקן־קראַצער, וואָלט זיך דער ניו-יאָרקער קודם־כּל געמוזט אָפּשטעלן אין מיטן גאַס, וואָס דאָס איז אַן אומזין, אַ ריין משוגעת אין ניו־יאָרק — צו בלייבן שטיין אויף דער בראָדוויי און גאַפן. אונזער איינער פאַרלעגט ביי אַזאַ געלעגנהייט ביידע הענט פון הינטן. אָבער די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געווען אין אַמעריקע, האָב איך נישט געזען אַ מענטש זאָל פאַרלייגן די הענט פון הינטן. די דאָזיקע מענטשלעכע פּאָזע איז אינגאַנצן אַרויס פון געברויך אין דער נייער וועלט. הייסט דאָס פאַררייסן דעם קאָפּ, אויסציען דעם האַלז. כדי — — וואָס? צו זען דעם וואול־וואָרד־בילדינג? וואָס איז? אַזוי ווייסט ער דען נישט, וויפיל שטאָק ער האַלט? —

ניו־יאָרק פאַרמאָגט גרויסע פּאַרקן. דער ניו־יאָרקער גרויסט זיך שטאַרק מיט זיינע פּאַרקן, פּונקט אַזוי, ווי מיט זיינע ריזיקע בנינים. נאָר איך מיין, אויך די פּאַרקן האָט ער נישט געזען, נישט געגאָסן. אפשר אין די שרעקלעכע היצן האָט ער זיך אַמאָל אין לעבן אַהין פאַרקליבן צו כאַפּן אַ ביסל לופט און צו ראַטעווען זיך פון אַ היץ-שלאַג.

דאָס, וואָס דער ניו־יאָרקער זעט און געניסט פון זיין „שיינקייט" — דאָס איז די בראָדוויי ביי די 40־סטע גאַסן, דאָרט וואו הונדערטער ריזיקע טעאַטער-בנינים שטייען און ביינאַכט פינקלען דאָרט מיליאָנען און מיליאָנען עלעקטרישע לאָמפּן, רויטע, גרינע. דער „מילך־וועג" — רופט דער ניו־יאָרקער דעם קוואַרטאַל מיט גרויס גאוה. אַרום אַכט קאָכט דאָרט און רוישט, און הונדערטער טויזנטער מענטשן, מיד פון דער אַרבעט פון טאָג, דורשטיק נאָך איינדרוקן, קומען אַהין געניסן פון „קונסט". די אויטאָמאָבילן לויפן דאָרט אַרום ווי קליינע ווערעמלעך, — אַזוי העל איז די באַלויכטונג, אַזוי שטאַרק איז דער דראַנג, אַזוי האַסטיק איז דאָס טעמפּאָ, אַז די אויטאָמאָבילן זעען אויס, ווי נישטיקע שפּילעכלעך. האַלט! אַ רויטער סיגנאַל האָט אויפגעבליצט אויפן טורם אין מיטן גאַס. האָט זיך אַזאַ סטאַדע שטאָלענע ווערעמלעך אָפּגעשטעלט מיט אַמאָל. טויזנטער און

טויזנטער מענטשן לויפן דורך די גאַס, ווערן פאַרשלונגען אין די טעאַטער־בנינים. אַ גרינער סיגנאַל — די סטאַדע לויפט ווײַ־טער, און טויזנטער מענטשן ווערן ווידער פאַרזאַמלט פון בײדע עקן גאַסן, וואַרטן אומגעדולדיק.

„ברויט און שפּיל" — דאָס טעגלעכע ברויט האָט פאַר־נומען דער טאָג; בײַנאַכט וויל די ריזיקע מאַסע האָבן דעם „שאָו" — דאָס שפּיל. עס זאָלן בליצן קאָלירטע פײַערן, אַ דזשאַז־באַנד זאָל באָמבאַרדירן די נערוון, אַ טענצערין זאָל ווײַזן שטיקער פון איר נאַקעטקייט, און זאָל אַקראָבאַטיש ברעכן דעם גוף. און — — אַ וויץ דערצו, אַ וויץ צום לאַכן. צום איבער־דערציילן. מאַרק טווען איז צו פּיין. מאַרק טווען האָט שוין צו פיל הומאָר, און הומאָר האָט אַ דאָזע טרויעריקייט. טרויעריק זײַן איז אַ טויט־פאַרברעכן אין ניו־יאָרק. דער ערנסטער באַנ־דיט זאָל גיין צו דער עלעקטרישער שטול, צי צו דער תּליה (אַ נײַע מעכאַנישע תּליה, זייער פּראַקטיש געמאַכט) פרײלעך און לוסטיק. טאָמער גייט ער טרויעריק, וועט אים ניו־יאָרק פאַראַכטן נאָכן טויט, און די תּליה, צי די עלעקטרישער שטול האָט נישט אויסגעקויפט זײַנע זינד.

כּדי דער ריזיקער קאָלאָסאַלער מענטשלעכער מוראַווייניק, וואָס הייסט ניו־יאָרק. זאָל קאָנען אויפגעשטעלט ווערן אין אַ קורצע צײַט, און כּדי ער זאָל זיך קאָנען דערהאַלטן, איז נוי־טיק געווען, אַז דער מענטש זאָל אַראָפּוואַרפן פון זיך יעדן איבעריקן באַלאַסט, וואָס קאָן נישט דירעקט אויסגענוצט ווערן. טראַכטן — מיט טראַכטעניש בויט מען נישט קיין שטאָט; גריבלערייען שטערן דאָס לעבן — און אַ טרויעריקער מענטש קאָן אָנבײַען ווײניקער קנעפּלעך אין אַ שעה, ווי אַ לוסטיקער, פרײלעכער מענטש. דער מענטש מוז זיך צופּאַסן, אויב נישט, ווערט ער אַרויסגעשליידערט ווי אַ נבלה, און ערגער ווי אַ נבלה. די מענטשלעכע אַרבעט ווערט זייער הויך געשעצט אין אַמעריקע — 6—7 דאָלאַר אַ טאָג איז דער לוין פון שוואַרצער אַרבעט. די מענטשלעכע עקזיסטענץ אָבער, די מענטשלעכע אינדיווידואַליטעט איז ווערט נול. ווײַל מענטשן זענען פאַראַן

מוראדיק פיל אין ניו־יאָרק. און אַלע זענען זיי גלייך, דאַרפן זיין גלייך, אַזוי איז די מאָראַל פון דעם לאַנד. וואָס־זשע קאָן זיין דער ווערט פון איין־איינציקן מענטש!

ניו־יאָרקער גלייכהייט איז נישט קיין פּאָליטישע דאָגמע, אַ פּרינציפּ, נאָר אַ פאַקט, איך וואָלט געזאָגט — אַ פיזישער פאַקט. פון טויזנט מענטשן, וואָס זענען פארביי מיינע אויגן אין וואַרשע, צי אין פּאַריז, האָב איך געזען, ד. ה. איך האָב אויף אַ סעקונדע נישט־ווילנדיק אָפּגעשטעלט מיין אויפמערקזאַמקייט אויף זיי — מינדסטנס עטלעכע צענדליק. איינער איז געווען געקליידט עפּעס אַזוי, אַז ס׳האָט אַרויסגערופן אויפמערקזאַמקייט; איינער האָט געהאַט עפּעס אַן אינטערעסאַנטע פיזיאָנאָמיע; אַ דריטער האָט געהאַט ליידן אין פּנים א. אַ. וו. אין בערלין איז די צאָל, וואָס מען זעט, קלענער; אין ניו־יאָרק האָב איך פון טויזנט פאַרבייגייער קיין איינציקן נישט געזען. אַלע טראָגן די זעלבע קליידער און די זעלבע שיך. אַלע האָבן זיי אַ באַשעפּ־טיקט־האַסטיקן אויסדרוק אויפן פּנים, און אַפילו די ליידן גע־הערן אַלע צו עטלעכע קאַטעגאָריעס. אין אַמעריקע ליידט מען נישט אינדיווידועל. אַ קלאַס פון מענטשן, וואָס זענען אָן אַר־בעט; וואָס די ווייבער האָבן זיי אַוועקגעוואָרפן א. אַ. וו. די ליידן זענען גלייך און די פריידן זענען גלייך. פאַראַן דריי פיר פאַסאָנען פון קליידונג, עטלעכע נומערן שיך, און עטלעכע אַרטן צרות. יעדע צרה האָט אירע צענדליק טויזנט.

ס׳איז דאָס מאַסן־לעבן אין גרויסן מאַסשטאַב, וואָס שלינגט איין דעם יחיד.

און דעריבער מוזטו דיך אין ניו־יאָרק פילן איינער פון אַלע, מיט אַלע, עסן וואָס אַלע עסן, קליידן זיך ווי אַלע און טראַכטן, וואָס אַלע טראַכטן.

האָט זיך מיר פאַרוואָלט זען ניו־יאָרק, האָב איך געמוזט ווי יונה הנביא „אַנטלויפן אויף אַ שיף״, זעצן זיך ביי דער סאָוט־פערי אויף אַ שיף, וואָס קורסירט צווישן ניו־יאָרק און סטייטען־אוילענד (5 סענט קאָסט אייך דאָס פאַרגעניגן). מען פאָרט אַ האַלבע שעה צייט אויפן וואַסער, און ביסלעכווייז שווימט

אַרום פאַר דיינע אויגן דאָס בילד פון ניו־יאָרק, אַרומגענומען פוןביידע זייטן מיט מעכטיקע וואַסער־אָרעמס. די וואָלקן־קראַצערס זעססו דעמאָלט אויפן פאָן פון הימל און וואַסער, און דו זעסט אַ נעסט פון מענטשן, אַ ציוויליזאַציע, וואָס קלעטערט, קלעטערט אין דער הויך און שלאָגט קיין וואָרצלען נישט אין דער ערד. די ריזיקע בנינים, ביי זייער גאַנצער מאַסיווקייט, זעען אויס ווי אַוועקגעשטעלטע קאַסטנס, וואָס היינט — מאָרגן וועט מען זיי איבעררוקן, אָדער גאָר אינגאַנצן צענעמען. אין אַרגענטינע, אין דער פּאַמפּאַ, שטעלט מען צוזאַמען 1־שטאָקיקע הייזער פון געוועלבטן בלעך. טויג די ערד נישט אויף איין אָרט, צענעמט מען דאָס הויז, און מען שטעלט דאָס אויף אַן אַנדער אָרט. די ניו־יאָרקער וואָלקן־קראַצערס, כאָטש זיי זענען אַזוי גרויס און ריזיק, מאַכן פּאָרט נישט דעם איינדרוק פון איינגעפונדעווועטקייט. 20—30—40 שטאָק — דו ציילסט און קאָנסט נישט דערציילן, ווייל דאָס אויג האָט זיך אין מיטן נישט אויף וואָס אָפּצושטעלן. דער וואָלקן־קראַצער איז אַ מאַטעמאַטישע ציפער, אַן איבערשטייגעניש, אַ „רעקאָרד". ער ווירקט ווי אַן אַבסטראַקציע, נישט אַרכיטעקטאָניש.

אָבער הערלעך און באמת אימפּאָזאַנט זענען די ניו־יאָרקער בריקן, אַריבערגעוואָרפן איבער דעם איסט־ריווער. די בריקן הענגען אין דער לופט, אָנגעצויגן אויף אייזערנע שטריק, אַריבערגעוואָרפן איבער די שטאָלענע טורמס פון ביידע ברעגעס. אין אַ פיינער עליפּסן־אַרטיקער ליניע זענען זיי אַריבערגעוואָרפן איבערן וואַסער, און צוזאַמען מיט די וויאַדוקטן פאַרנעמט אַזאַ בריק די לענג פון אַ צוויי קילאָמעטער. די קראַפט פון שאַפנדיקן בויענדיקן ניו־יאָרק קומט דאָ צום אויסדרוק. איבער אַזאַ בריק פאָרן באַנען, טראַמווייען, טויזנטער אויטאָמאָבילן מיט אַמאָל: זי האָט עטלעכע שטאָק, און די צענדליקער טויזנטער טאָן אייזן הענגען אַזוי לופטיק, אַזוי לייכט, אַזוי שפּילעוודיק אין שטח, גלייך ווי דאָס גאַנצע וואָלט נישט געהאַט קיין אַנדער ציל, ווי נאָר צו באַוועלטיקן די רויע מאַטעריע, צו דערקוויקן דאָס אויג, און כדי דער מענטש זאָל

ווייזן פאַר זיך און פאַר די קומענדיקע דורות, וואָס ער האָט געקאָנט.

עס ליגט אַ צוג פון גראָיסקייט, פון אַמעריקעס שטאַרקייט, אין די בריקן, געזען פון פערספעקטיוו.

ווען פון ניו־יאָרק וואָלט נישט מער פאַרבליבן, ווי נאָר די בריקן, וואָלטן ווי עדות געזאָגט פון אַ שטאַרקער, שטרעבנדיקער ראַסע, אַ ראַסע פון איבער־מענטשן, וואָס האָבן זיך געוואָרפן פון האַנט צו האַנט מיט בעלקנס אייזנס, אַזוי ווי מיר מיט גומענע פּילקעס, געוואָרפן און געכאַפּט אין אַ לוסטיקן שפּיל, און שפּילעוודיק צוזאַמענגעפּלאָכטן די אייזנס און אַריבערגעוואָרפן זיי איבערן וואַסער.

אַזוי זיך — ווייל ס׳האָט זיך געוואָלט, ווייל די כחות האָבן געבראַויזט, און דער אינסטינקט פון די געטער, דער דראַנג צום שאַפן, האָט זיי געטריבן דערצו.

אָבער וואָס ווייטער די שיף גייט, און מיר פאָרן דורך דעם אינזל פון פרייהייט און דעם טרויעריק באַרימטן עליסאיילאַנד, אַלץ אומזיכטיקער ווערט דאָס בילד. פון יענער זייט האָדסאָן, פון שטאָט ניו־דזשורזיי, שטייגן אויף וואָלקנס רויך פון די פאַבריקן. ניו־יאָרק מיט אירע וואָלקן־קראַצערס און בריקן ווערט אַרומגענומען מיט אַ נעפּל.

און אין מיטן דעם נעפּל — ווייס איך — וואוינען נישט קיין ריזן און קיין נפילים פון הימל, נאָר מענטשן, פּיל, פּיל, אָן אַ צאָל, מענטשן גלייכע איינער צום אַנדערן, אַזוי ווי די מוראַשקעס, שלעפן, וואַרפן, שמידן און האַמערן אין שווייס פון זייער פּנים פאַר ברויט און שפּיל...

ניו-יאָרק וואַקסט

ווייט אַרויסגערוקט, שטאָט-אַרויף (אַפּטאַאון), לאָזשיר איך די ערשטע נאַכט נאָך מיין אַראָפּקומען פון שיף.

די שטאָט ציט זיך, ציט זיך ווייט אַרויס. דער נאָמען פון מיין גאַס איז: צוויי הונדערט און פיר, און די שטאָט וואַקסט, דאַכט זיך, האַסטיק, פיבערדיק.

אין שכנות מיט אויסגעפלאַסטערטע גאַסן, מיט באַוואוינטע הייזער, איינגעאָרדנט מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, ליגן נאָך אַרום און פוסטעווען שטיקער נאַטור. אַ ווילדער שטיין קוקט אַרויס, רויע פעלזן. נאָך פון דער צייט, ווען די רויטפאַרביקע אינדיאַנער זענען דאָ אַרומגעגאַנגען, האָט דער שטיין נישט געענדערט זיין אויסזען.

אין דער נאָענט לויפט די ערדישע באַן, וואָס קריכט אויף דעם אָרט אַרויס פון אונטער דער ערד און לויפט אין דער הויך מיט אַ ווילדן גערויש.

מיינע חושים זענען נאָך נישט צוגעוויינט צו ניו-יאָרק.

ס'איז אַ שטאָט, וואָס פאָדערט אַנדערע חושים, אַנדערע נערוון.

גרעלע פאַרבן: שרייענדיק-רויט און בלוי און געל פון די רעקלאַמעס. דריי קוימענס, וואָס רויכערן שרעקלעך (אין אַמעריקע איז דעמאָלט געווען אַ קוילן-שטרייק און מען האָט

געהייצט מיט ווייכע רויכערדיקע קוילן) פון איין זייט. און אַ קאַלטער בייזער ווינט בלאָזט פון האָדסאָן.

שיין און הערלעך איז דאָ, דער האָדסאָן. אָבער ער ליגט פון דער צווייטער זייט.

מיר דאַכט זיך: ער געהערט נישט אַהער — צו דעם בילד פון דער שטאָט. ער איז דאָ אין דער פרעמד.

פאַרוואָס האָט מען זיינע וואַסערן נאָך נישט באַשמירט מיט גרעל רויט? און דאָס גרינע ביי זיינע ברעגן, וואָס טוט דאָ?

אומהיימלעך. איך האָב געהאַלטן מיינע הענט פאַרשטעקט אין מיין אייראָפּעיִשן פעלץ, וואָס האָט מיך אויסגעגעבן, אַז איך בין אַ גרינער. און אין מיין גערוימער טאַש האָט זיך געבײַלט מיין פויסט.

קעגן...

ניו-יאָרק מאַכט אויף מיר אַן אַטענטאַט. פינף צוואַנגען האָבן אָנגעכאַפּט מיינע פינף חושים און רייסן: הער! זע! פיל! חייל איך, איך ניו-יאָרק, וויל אזוי.

„פלעצער צו פאַרקויפן!" „פאַרב צו די ליפּן". „מעכאַנישע וויקעלעך פאַר קינדער". גאָט... הימלען... מיין ערשטע ליבע... ראַטעוועט!

לאָז מיך צורו, אומגעלומפּעטער ריז!

ניין! דו זאָלסט הערן און זען, וואָס איך, איך וויל. נישטאָ קיין אינדיווידועלער ווילן.

איך בין נישט געשלאָפן ביינאַכט, נאָר געלעגן אין האַלבן דרימל.

קראַך און קראַך! אזוי ווי אַן ערד-ציטערניש. די שויבן קלינגען. איך שפּרינג אַראָפּ פון בעט, לויף צו צום פענסטער און זע גאָרנישט. אויף בראָדוויי ברענען די עלעקטרישע לאָמפּן, דער אַספאַלט גלאַנצט, שטיל, רואיק.

— אַ קאָשמאַר?

אָבער ווידער און ווידער — קראַך און קראַך. איך בין איצט אינגאַנצן וואַך, און הער, ווי ס'דונערט, עקספּלאָדירט. דינאַמיט-אויפרייסן.

און אַלע אַרומיקע שלאָפן געשמאַק.

צומאָרגנס האָב איך געזען, ווי אַ שטיק פּלאַץ איז אָפּ־געריייניקט פון די רויע פעלזן. דאָס איז געמאַכט געוואָרן איינס־צוויי־דריי ביינאַכט.

אין עטלעכע וואָכן אַרום איז דאָרט געשטאַנען אַ באַ־וואוינט הויז מיט באָד־צימערן, מיט עלעקטרישע קיכן, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן.

און מענטשן האָבן דאָרט אָפּגערוט ביינאַכט פון דער אַר־בעט בייטאָג.

געשמאַק געשלאָפן. און האַרטע דונערן האָבן ווידער גע־קראַכט ביינאַכט און דער דינאַמיט האָט אויפגעריסן די רויע שטיינער.

נייע גאַסן ווערן אויסגעלייגט.

ניו־יאָרק טאָר נישט בלייבן שטיין, טאָר נישט אָפּרוען. ווייטער און ווייטער. ס'איז אַ גורל אַזעלכער. אַ קללה, צי אַ ברכה? ווער ווייסט דאָס?

די ניו־יאָרקער האָבן ליב ניו־יאָרק, אָדער — זיי מיינען, אַז זיי האָבן ליב זייער שטאָט. א פאַקט איז, אַז ערגעץ אַנ־דערש אויף דער וועלט וואָלטן זיי נישט געקאָנט לעבן.

ס'וואַקסט אַן אַנדער ראַסע, אַן אַנדער מין מענטש.

די זון אויף בראָדוויי*

בין איך אַמאָל אַזוי געגאַנגען (אָט איז עס דער אייראָפּעער, דער גרינער, וואָס גייט זיך אַזוי, גלאַט אַזוי) אין הינטערשטן טייל שטאָט (דאַנטאַון) אויף בראָדוויי, נישט ווייט פון די גרויסע צענטרען פון ביזנעס און פון באַרימטער וואָל-סטריט, וואָס האָט די שליסלען פון גאָר דעם גאָלד און דאָלאַרס, אויף וואָס די וועלט שטייט און מיט וואָס זי ווערט דערנערט.

אַזש ביז אַהער, איבער צענדליקער קילאָמעטער לויפט ער, דער בראָדוויי, און לויפט אַרויס צום ים צו, ער קאָן נישט ווייטער.

פעסט איינגעקלאַמערט איז דאָ דער בראָדוויי צווישן די וואָלקן-קראַצערס. דער „ברייטער וועג״ זעט זיך, דאָ אָן זייער שמאָל. ווען מען אַרט דאָס, שמאָל צי ברייט? מענטשן אָן אַ שיעור, אַזוי ווי אָנגעדרייטע מאַשינדלעך, לויפן אַהין און צוריק וואָס זעען אַ פּאָר אויגן? — גאָרנישט. צי איז אויבן דאָ אַ הימל. אַ הימל איבער בראָדוויי? דאַכט זיך, ס'איז היינט — אַ פּערוואָלקנטער טאָג, אפשר קריכן וואָלקנס אין דער הויך אפשר איז דער הימל לויטער... אין מיטן גאַס לויפן די אויטאָמאָבילן און שטעלן זיך צו געבן פּלאַץ פאַר די טויזנטער פאָר רעדער, וואָס קומען פון די זייטן־גאַסן. און מענטשן לויפן, לויפן ביז צום גאַס און שטעלן זיך אָפּ, ביז דער אַריבערגאַנג וועט ווערן פריי. אין פאַרלויף פון עטלעכע סעקונדעס פאַר-

זאַמלען זיך פון ביידע זייטן גאַס הונדערטער און הונדערטער און אַנדערע קומען אָן. אַלץ אַזוי ענלעך איינס צום צווייטן. מענטשן ווי הייזער, הייזער ווי רעדער, דער הימל אַזוי ווי אַספאַלט. וואָס איז היינט: קאַלט, צי וואַרעם, שיין צי טריב?

אָבער פון דער סאַוט-פערי, פון דאָרט, וואו דער בראָדוויי ענדיקט זיך, ווייל דער ים הויבט זיך אָן און ער קאָן נישט ווייטער — פון דאָרט, וואו כּוחות שטאַרקערע פון דעם ריין ניו-יאָרק — ים און וואַסער — האָבן אים געכאַפּט אַזוי ווי מען כאַפּט אַ ווילד גאַלאָפּירנדיק פערד פאַר די צוימען — פון דאָרט האָט אַ פרילינג-זון אַריינגעשאָסן אַזוי ווי מיט פייערדיקע ריטער, און דער אין בּיזנעס פאַרטונקעלטער בראָד-וויי איז געוואָרען העל באַלויכטן.

און אַלץ וואָס איז געלאָפן איבער דעם בראָדוויי, האָט פאַרזשמורעט די אויגן.

איך ווייס נישט, וואָס זי האָט געוואָלט דאָ די זון פון פרילינג...

ווייל זי האָט נאָר געקאָנט אַרויספירן די מענטשן פון זייער גאַנג אַזוי-ווי-אַלע, פון זייער זעלבסט-געפיל אַזוי-ווי-אַלע און פון זייערע מחשבות אַזוי-ווי-אַלע.

און די שעה און די מינוט איז דאָ גענוי באַרעכנט און אַלץ, וואָס דו האָסט צו טון, און אַלץ, וואָס דו האָסט צו פילן, און אַלץ וואָס דו האָסט צו טראַכטן.

און יעדע אומגעריכטע זאַך איז אַזוי ווי אַ שטיק האָלץ אין די רעדער פון אַ קאָמפּליצירטער מאַשין — שטערט.

און די וואַרעמקייט, וואָס איז געקומען צוזאַמען מיט די סנאָפּעס ליכט, איז געווען נישט נויטיק. מען האָט נאָך נישט געטראָגן די פרילינגס-קליידונג.

קיינער נאָך נישט.

אין ניו-יאָרק הויבן אַלע אָן מיט אַמאָל און ענדיקן מיט אַמאָל.

לויטן קאַלענדאַר.

אַלץ טוישט די קליידונג מיט אַמאָל. די צייט האָט גע-

געבן דעם סיגנאַל, אַזוי ווי דער פּאָליסמאַן אויף דער גאַס און מען מאַכט אויס ווינטער.

איז אָבער געווען עטלעכע טעג פאַרן סיגנאַל.

האָט די וואַרעמקייט ווי געטון, די גוטע פרילינגס-וואַרעמקייט, און די זון האָט געפּייניקט די אויגן, די נישט גע-בעטענע פרילינגס-זון.

מענטשן איילן, זענען פאַרטון. ווייטער ווייטער. די צייט יאָגט.

ווייל איבערן בראָדוויי הענגען עלעקטרישע דראָטן, און ווייטער אויבן אַ הימל? — אַ ליגן. קיינער האָט דאָס נישט געזען.

העכער איבער די דראָטן איז אַלץ פערשאָטנט פון די וואָלקן-קראַצערס מיט זייערע טויזנטער „אָפּיסעס" (געשעפט-ביוראָס) און אַ דונעריקער געשריי פּילט אויס דעם גאַנצן חלל:

מענטש! איילן! לויף!

מענטש מאַך אַ דאָלאַר! אַ דאָלאַר! אַ דאָלאַר!

מענטש! מאַך געלט!

אָדער דו ביזט פאַרלוירן, דו געסט אונטער.

ווי אַ עלעקטרישער שטראָם נעמט דאָס געשריי דורך אַלע מענטשן און ברענגט זיי אין באַוועגונג.

מאַך אַ דאָלאַר! מאַך אַ דאָלאַר! נישט שטעל זיך אָפּ.

אַזוי האָט עס געדונערט פון אויבן איבער דעם בראָד-וויי אין דעם צו-פרי-געקומענעם פרילינגס-טאָג.

די פינפטע עוועניו

ד די פינפטע עוועניו איז אַמאָל געווען דער שבת פון דעם וואָכעדיקן ניו-יאָרק — זיין נשמה יתירה.

נישט א י י ן נשמה, נאָר פיל קליינע נשמהלעך צונויפגענומען פון אַלע עקן וועלט, האָבען דאָרט אַרומגעשוועבט.

פלעגט אַמאָל, אין די צייטן פון פאַר דער מלחמה און אַמעריקאַנישער מיליאַרדער פאָרן קיין אייראָפּע, און מיטן בעדעקער אין דער האַנט האָט ער אָנגעקוקט אירע באַרימטע אַנטיקע געביידעס, די דאָמען, די רענעסאַנס-געביידעס.

באַוואונדערט האָט ער זיי נישט. די וואָלקן-קראַצערס זענען העכער. און ווי לאַנג האָט געדויערט דאָס בויען פון מילאַנער דאָם? עטלעכע הונדערט יאָר. אייראָפּע קען נישט אַרבעטן, — האָט ער געטראַכט. און ער האָט געהאַט אַ פּאַטריאָטישן שטאָלץ, צו ווייזן, וואָס אַמעריקע קען.

געקומען אַ היים, האָט ער געלאָזט רופן דעם אַרכיטעקט.

— קאָנסט מיר מאַכן אַ מילאַנער דאָם?

— מ׳קען.

— ער וועט זיין פּונקט אַזוי שיין געמאַכט, ווי דער מילאַנער?

— פונקט אַזוי שיין. אַ גענויע קאָפּיע, נאָר קלענער, געטיילט אויף אַכט.

— וויפיל וועט עס דאַרפן קאָסטן?

— אַכט מאָל הונדערט טויזנט דאָלאַר.

— אָלרייט. ווי לאַנג וועט עס געדויערן?

— 5 חדשים.

— אָל רייט.

און ער האָט אונטערגעשריבן אַ טשעק.

אין פינף חדשים אַרום איז געשטאַנען פיקס און פאַרטיק אַ קאָפּיע פון מילאַנער דאָם.

איז געקומען אַ צווייטער און האָט זיך געהייסן מאכן דעם פּאַלאַץ פון די דאָזשן און ווענעדיג, — געטיילט אויף פיר.

אונטערגעשריבן אַ טשעק — און אין עטלעכע חדשים אַרום האָט די שיינקייט פון ווענעדיג גערוט אויף דער פינפטער עוועניו.

און עס איז געוואָרן. אַ מאָדע ביי די גרויסע גבירים פון אַמעריקע צו בויען זיך קליינע פּאַרטיקע קונסט־געביידעס אויף דער פינפטער עוועניו.

האָסטו דאָ געהאַט פון אַלע סטילן אויף דער וועלט. גריכנלאַנד, גאָטיק, רענעסאַנס, אַראַביש־שפּאַניש. מיט וואָס נאָך האָט אייראָפּע צו שטאָלצירן, אַז מיר האָבן אַלץ דאָ?

אויף דער פינפטער עוועניו האָט דער עלעווייטער (די הויך־באַן) נישט גערוישט אין דער הויך. אויף די פינפטער עוועניו האָבן די ביזנעס געשוויגן. מען האָט געקאָנט אַרויסזען שטיקער הימל.

אויף דער פינפטער עוועניו האָט אַמעריקע געוויזן, אַז אויב זי וויל נאָר, קאָן זי איבערשטייגן אייראָפּע מיט אַלע אירע בערימטקייטן. נאָר זי וויל נישט. עס לוינט נישט.

אויף דער פינפטער עוועניו האָבן פאַרבענקטע „גרינע“ שפּאַצירט. דאָרט האָט אַ מענטש געקאָנט גיין אַזוי־זיך, אָן ציל — אָנקוקן.

אָט איז ראָקפעלערס פּאַלאַץ, אָט איז מאָרגאַנס, אָט איז דער קעלנער דאָם, און אָט איז דער טעמפּל עמנואל.

און דער אויסגעגרינטער האָט איינגעטענהט מיטן גרינעם: אָט נאָ־דיר, גאַנץ אייראָפּע האָבן מיר אויף איין גאַס. אין אונ־זער לאַנד קאָנסטו אַלץ געפינען. נישטאָ אַזאַ לאַנד ווי אַמעריקע.

איז אַמאָל אויף דער פינפטער עווענין דורכגעגאַנגען אַ יידל פון לאָדזש, און אין מוח ביי אים האָט אויפגעבליצט אַ געדאַנק—אַזאַ גרויסער געדאַנק, אַז ער האָט אַזש פאַרקנייטשט דעם שטערן און פאַרזשמורעט די אויגן.

דער געדאַנק איז געווען אַזוי גרויס, אַז דאָס יידל פון לאָדזש איז געבליבן שטיין איבערראַשט.

און ווי אַלע געניאַלע געדאַנקען, איז אויך דער גע־דאַנק געווען אַ פשוטער.

אָפּקויפן אַזאַ מיליאָנערישן פּאַלאַץ, אונטעררייסן אים, אויף זיין אָרט אויפשטעלן אַ וואָלקן־קראַצער.

ער האָט געמאַכט די קאַלקולאַציע — אַ גאָלדן גע־שעפט.

דער באַנקיר, וואָס האָט פינאַנסירט די אונטערנעמונג, האָט נישט געפרעגט, צי וועט דער מיליאָנער וועלן פאַרקויפן זיין פּאַלאַץ. אַזוינע פראַגן פרעגט מען נישט אין אַמעריקע, אַלע זאַכן זענען צו פאַרקויפן. נישטאָ אַזאַ זאַך אויף דער וועלט, וואָס מען קאָן נישט קויפן. עס איז נאָר אַ פראַגע פון פּרייז.

— מיסטער ווייט, איך וויל קויפן אייער שלאָף־צימער...

— וועט ער דיר זאָגן: אַ מיליאָן, פינף מיליאָן, צען מי־ליאָן דאָלאַר — אָבער אַ פּרייז וועט ער דיר זאָגן.

— מיסטער ווייט, איך וויל קויפן אייער פּאַלאַץ אויף דער פינפטער עווענין...

— דאָס איז אַ קונסט־געביידע, אַן איטאַליענישער אַרכי־טעקט איז עקסטרא אַראָפּגעקומען צו מיר... פון צוועלפטן יאָרהונדערט...

— איך ווייס וויפיל קאָסט דאָס?

אין פאַרלויף פון אַ מעת־לעת איז דער קאָנטראַקט געווען אָנגעשריבן. אין פאַרלויף פון אַ וואָך איז די אייראָפּעיִשע שייגקייט אָפּגערוימט געוואָרן. אין פאַרלויף פון עטלעכע חדשים איז דאָרט געשטאַנען אַ הויכער פירעקיקער קאַסטן מיט צוויי־הונדערט דריי און צוואָנציק אָפּיסעס אין אים.

דער לאָדזשער יונגערמאַן האָט דערגרייכט דעם ערשטן מיליאָן, און ער איז אַריין אין אַזאַרט.

פון דער פינפטער עוועניו פאַרשווינדן איינס נאָכן צווייטן אַלע נאַרישע צאַצקעס פון פאַרשימלטן אייראָפּע.

די פינפטע עוועניו קריגט צוריק איר אַמעריקאַנישן כאַראַקטער.

מיסטער ווינטער — אַזוי איז זיין נאָמען — איז אַ גרויסער גביר, דערגרייכט שוין צען מיליאָן, און האָט געגעבן אויפן „קרן היסוד" פינף און צוואָנציק טויזנט דאָלאַר, און אַזוי פיל אויך פאַרן „דזשאָינט".

ער איז דער פּרעזידענט פון די פּוילישע יידן. און ער טוט אַ פּאַטריאָטישע אַרבעט: מאַכט רייכער אַמעריקע. געשטאַנען אַ פינפטע עוועניו אַ רייכטום פון אַ מיליאַרד דאָלאַר און האָט געפּוסטעוועט. מיט אייראָפּעיִשן „שימל" איז זי געווען באַוואַקסען, אַזוי ווי אַ גאָלד־מינע, וואָס איז פאַרזומפּט. האָט ער אויסגעגראָבן די עשירות — פאַר זיך צום נוצן, פאַר דעם אַמעריקאַנערטום — צום רום.

און אויף דער פינפטער עוועניו האָט אויפגעהערט צו שפּאַצירן דער פאַרבענקטער „גרינער". זי איז פעסט אַריינגעפּרעסט צווישן וואָלקן־קראַצערס, פאַרשוואונדן זענען די קליינע נשמהלעך, און איין גרויסער גייסט, דער גייסט פון ביזנעס, שוועבט איבער איר.

„דער טאָג פון די מיידלעך״

מיטוואָך איז דער טאָג פון די מיידלעך (גוירלס דעי).

ניו־יאָרק פאַרמאָגט אַ מיליאָן פריילידיקע יונגעלייט, אַזוי פיל אויך — מיידלעך.

איינמאָל אין וואָך — זונטאָג — רוט מען, אָבער עס ווערט געמאַכט אַ „פּאַרטי״. אין דער פאַמיליע טרעפן זיך די פּאָרלעך.

איז דאָ אַ באַשטימטער טאָג פאַר אַלע, ווען זיך צו טרעפן — מיטוואָך.

עס איז נישטאָ קיין צייט און קיין געדולד, אַליין אויסצוקלערן אַ טאָג זיך פריער אָפּצורעדן.

מיטוואָך ווערט אין ערגעץ נישט געאַרבעט קיין איבערשטונדן.

מיטוואָך וואַרט דער בחור אָפּ דאָס מיידל, ווען זי גייט אַרויס פון אָפיס.

היינט דאַרף מען צו פאַרברענגען. מיטוואָך דאַרף דער בחור „אַרויסנעמען״ דאָס מיידל און געבן איר אַ „גוד טיים״ (אַ לעב־טון).

און אין די שעהן, ווען די יונגע פּאָרלעך טרעפן זיך, שטעלט זיך אַנידער אין מיטן דער גאַס אַן אָפּטיילונג פון דער „רעטונגס־אַרמעע״ (סאַלוויישאָן אַרמי) אין אוניפאָרמען,

מיט מוזיק, זינגען און שפּילן פרום־קריסטלעכע לידער, און האַלטן קליינע פּריידיקטן, אַז דער איינציקער וועג איז דער וועג פון גאָט, און אַלע זינד שטאַמען פון מענטשלעכער פאַר־בלענדקייט, און אַז מענטשן דאַרפן זיך באַדענקען און אומקערן.

די רעטונג־אַרמעע טרעט אַרויס צו באַקעמפן דעם יצר־הרע, וואָס האָט איצט אַ שליטה אין די גאַסן.

בלייכע פּנימער, די געזיכטס־ליניעס ווי דראָטן אָנגע־צויגענע, אויגן אָן גלאַנץ, און אומגעהויער מוראדיק ערנסטע.

אָבער באַוועגונגען מילדע, הכנעהדיקע, און די שטימען קלינגען פרעמד און וויסט.

די רעליגיעזיטעט פון אַמעריקע איז פּונקט אַזאַ אויס־געהאַלטענע, גאַנצע, ווי איר ביזנעס־גייסט.

וואָס אַ מענטש איז דאָרט, איז ער אינגאַנצן.

אַ קורצע פּריידיקט, אַ קליינע געשיכטע. און די מוזיק שפּילט, און מען זינגט אַ ליד צום לויב פון גאָט און דער אומזינדיקייט פון דער וועלט.

די פאַרלעך גייען און גייען. רייען נאָך רייען שמייכ־לען, בליקן, דערוואַרטונג... קיינער הערט נישט, קיינער זעט נישט די רעטער.

נאָר די קליינע יידישע שול־יינגלעך פון דער יידישער בעגנט האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום, און האָרכן און קוקן זיך צו.

ס'איז אַ נייעס פאַר זיי — אָט דאָס, וואָס ס'איז אַנ־דערש ווי דער אַרום. קינדער זענען פילאָזאָפישער, ווי די דערוואַקסענע, אונטערשיידן בעסער.

דעד ערנסט פון דער רעטונגס־אַרמעע שטילט זיי איין—די ניו־יאָרקער גאַסן־קינדער.

און איינער, אַ יידיש יינגל, אַ ברונעטל מיט פינקלדיקע אויגן, כאַפּט זיך אַרויס און הויבט אָן מיטצוזינגען דאָס ליד צום לויב פון קריסטוס.

אַ דערוואַקסענער, זיין פאָטער צי ברודער, לויפט צו און הייסט אים שווייגן.

אָבער דאָס יינגל האָט זיך פאַרגלוסט צו זינגען.

בעהמט ער, דער דערוואקסענער, און שטאָפּט אים צו
מיט געוואַלט דאָס מויל.
ער לאָזט אים נישט זינגען.
אויף דעם פּונקט זענען אַמעריקאַנער יידן זייער שטרענג.
און די פּאַרלעך מאַרשירן, אָן צאָל. בליקן, וואונקען,
שמייכלען, דערוואַרטונג...

איז אַמעריקע מוז מען זיך טויגן

ר ויטע פולע באַקן, און עס גייט פון זיי נישט אַראָב קיין שמייכל. פאַרוואָס זאָל ער אויפהערן צו שמייכלען אַז ס'איז אים גוט און ער האָט אַלע אין דער ערד? — מען דאַרף זיך טויגן, און ער האָט נישט געטויגט.

אַמעריקע איז אַ לאַנד, וואָס מען דאַרף איינבייסן. אַ האַרטע נוס, אָבער די יאָדרע איז געשמאַק.

שמייכלען די אויגן, אַ ביסל חוצפהדיק, אָבער גוטמוטיק. ער איז יונג און האָט אַ גוטן אַפּעטיט. עס האָט אים אָפּגעגאָלטן. עס גילט אים אָפּ. און עס וועט אים אָפּגילטן, ווייל ער איז דערגאַנגען דעם סוד.

אַן „אָלרייטניק" הייסט דער טיפּ אין אַמעריקע. אָבער צווישן די „אָלרייטניקעס" מוז מען נאָך אונטערשיידן פאַרשידענע מינים. צום ערשטן: אַ נייעם ערשט געוואָרענעם „אָלרייטניק", און אַן אַלטן. דער לעצטער איז גענויגט צו פּעסימיזם, ווייל ער האָט זיך געוויינלעך, שוין איבערגעגעסן און האָט אַ פאַרדאָרבענעם מאָגן. דער נייער איז בכלל מער אַ סימפּאַטיש באַשעפעניש. „וואָס איך האָב געוואָלט, האָב איך אויסגעפירט", זינגט עס פון אים אַראָפּ. זיין פּנים שפּראָצט מיט געזונטקייט, אַזוי ווי דער רויטער „סטייק", וואָס ער פאַרצערט, שפּראָצט מיט בלוט.

גייס צו מיר צו אַזאַ יונגערמאַן, ווען איך זיץ אין קאַפּע „ראָיאַל״, און גיט מיר אַ קלאַפּ אויפן אַקסל:

— העלאָ! איר דערקענט מיך נישט? (אַראָפּבויגנדיק זיך צו מיר און קיקנדיק מיר גלייך אין די אויגן אַריין) אַנו, פּרוּאווט אייך צו דערמאָנען...

זאָל מיך גאָט נישט שטראָפן פאַר מיין קורצן געדעכע־ניש צו מענטשלעכע פיזאָגנאָמיעס! איך האָב זיי געזען אַזוי פיל אין פאַרשידענע פלעצער און צייטן, אַז איך געפין מיך זייער אָפט אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט, בשעת אַ מענטש נעמט זיך מיט מיר פרייען, און איך ווייס נישט, ווער דאָס איז.

— אַ, יאָ, איר זענט מיר זייער באַקאַנט, זייער און זייער באַקאַנט... און איר רוף דערביי מיין קורצזיכטיקייט צו הילף אויף מיין אַנטשולדיקונג.

זיצט ער דער יונגערמאַן ביי מיין טיש און נעמט מיך „טריטן״ (מכבד זיין). „טריטן״ אין אַמעריקע, באַצאָלן פאַר אַ „סטייק״ צי פאַר אַ קאַווע, דאָס איז דער אויסדרוק פון סימ־פּאַטיע און אויפמערקזאַמקייט צו אַ מענטש. ס׳איז דעמאָקראַ־טיש און פּאַלקסטימלעך. און עס האָט די (אַמעריקאַנישע) מעלה, וואָס די געפילן באַקומען אַזוי אַרום אַ קאָנקרעטן אויסדרוק אין באַר געלט. ס׳איז מאַטעמאַטיש באַשטימט און קלאָר און בלייבט נישט הענגען אין דער לופט, אַזוי ווי די באַציאונגען אין אייראָפּע.

אָבער ווען דו ביזט אַן אייראָפּעער, און אַ „גאַסט״ דערצו, און דו האָסט אַ סך באַקאַנטע, ווערט דיר דאָס „טריטן״ שרעקלעך איבערדריסיק און פיינלעך.

איך ווייס אַליין נאָך נישט, ווער דער יונגערמאַן איז, אָבער איך האָב אים שוין אָנדערציילט אַ לאַנגע מעשה וועגן מיין נישט געשטויגענער, נישט געפלויגענער קראַנקייט, צו־ליב וואָס איך קאָן איצט, 4 שעה פאַרן שלאָף, נישט עסן, נישט טרינקען, נישט זיפן, נישט נאַשן — גאָרנישט טאָר איך.

— אפשר אַ ציגאַר, אַ גוטע האַוואַנאַ, „קאָראָנאַ״?

און ער הייסט געבן אַ גאַנץ שאַכטל און באַצאָלט 10 דאָלאַר.

צי איז דאָס נישט רירנד, אַז די אַמעריקאַנישע ברייטע האַנט? און וואו נעמט מען אַ האַרץ אָפּצוזאָגן זיך פון דעם פּולן, זאַפטיקן אַראָמאַט פון האַוואַנאַ־ציגאַרן?

זיצן מיר און רעדן.

סך־הכל איז ער מיר דאַנקבאַר. צוליב מיר האָט ער געמאַכט דאָ די קאַריערע. מיט צען יאָר צוריק האָט ער מיך געזען אין ווילנע. האָב איך אים געראַטן, ער זאָל זיך אויסלערנען יידיש, איידער ער פאָרט אָפּ קיין אַמעריקע. ווייל מיט בלויז רוסישע לידער אין דער רוסישער שפּראַך וועט אים שווער זיין זיך דורכצושלאָגן אין ניו־יאָרק. ער האָט מיך געפאָלגט, און איז אַהער געקומען מיט יידישע פאָלקס־לידער. גוט. מען דאַרף נישט בעסער.

— איר זענט אַ זינגער פון יידישע פאָלקס־לידער? — האָב איך פאַרוואונדערט געפרעגט, ווייל אויסער איזאַ קרעמער, איז מיר נישט באַקאַנט געווען, ווער ס'זאָל האָבן געמאַכט אַ קאַריערע מיט פאָלקס־לידער.

— ע — דערקלערט ער מיר — איר זענט אַ גרינער אין לאַנד. דאָ באַדאַרף מען זיך טויגן און אַז מען טויג זיך איז אַלץ רייט.

דאָס האָט ער נאָר אַ סטודיע פאַר יידישע פאָלקס־געזאַנגען, און נישט דאָס איז זיין הויפּט־פּרנסה.

שבת דאַוונט ער אַלס חזן אין אַן אָרטאָדאָקסישער שול און ווערט גוט באַלוינט.

זונטאָג זינגט ער אין טעמפּל ביי די רעפאָרמירטע יידן — נאָך בעסער באַלוינט.

דינסטאָג איז אַ גאָט־דינסט אין אַ קאַטוילישער פּראָווינציעלער קירכע, טוט ער אָן אַ שוואַרצן קיטל, הענגט אויף איבערן האַרץ אַ צלם, — און קריגט אַ שיינעם געהאַלט.

מיטוואָך — רו־טאָג, אַרבעט אין דער סטודיע, יידישע פאָלקס־לידער.

דאָנערשטאָג און פרייטאָג זיגגט ער מיט אין דער פּוי־לישער אָפּערע...

אין דער פּוילישער? — פרעג איך פאַרוואונדערט.

— וואָס? איך בין נישט פון ווילנע?

פון ווילנע איז ער, און ווילנע איז פּוילן, און ער איז אַ פּאָליאַק, ווען מען באַדאַרף... אין אַמעריקע דאַרף מען זיך טויגן, און אַז מען טויג זיך, איז גוט.

דער יונגערמאַן מאַכט פון 500 ביז 700 דאָלאַר אַ וואָך.

און ער לאַכט פון די אַלע מוזיקער און זינגער, וואָס טשאַפּטשען זיך אַזוי ווי ווערעם אין קרויט, און קאָנען זיך צו גאָרנישט דערשלאָגן. מען דאַרף זיך טויגן, אַזאַ לאַנד איז אַמעריקע.

ער האָט ליב באַרימטקייטן, קלינגענדיקע נעמען. ער האָט אַ שוואַכקייט צו יעדן נאָמען, וואָס באַווייזט זיך אָפט אין די צייטונגען מיט אַ פעטער שריפט.

זיין שוואַכקייט צו מיר, פאַרוואָס ער האָט באַצאָלט מיט 10 דאָלאַר, און צוליב וואָס אין מיין קאָפּ שטייט אַזאַ לייכ־טער, מאַט־גרינער רויש פון די האַוואַנאַ־ציגאַרן, — איז נישט אַזוי ווייט פון דער גוטער עצה, וואָס איך האָב אים געגעבן אין ווילנע, ווי צוליב דעם, וואָס די לעצטע עטלעכע טעג האָבן צוויי צייטונגען שטאַרק רעקלאַמירט מיין נאָמען און גערופן דעם עולם אויף אַן אָוונט צו מיין ליטעראַרישן כבוד.

ווייל איך און ער — מיר ביידע טויגן זיך. ער — וואָס ער מאַכט פון 500 ביז 700 דאָלאַר אַ וואָך און קאָן שרייבן אַ טשעק אויף צען טויזנט דאָלאַר, אָט דאָ זיצנדיק ביים טיש מיט מיר; איך — וואָס איך בין אַ באַרימטקייט אין אַ שטאָט פון זעקס מיליאָן מענטשן.

און דערצו דאַרף מען זיך טויגן. ניו־יאָרק איז נישט ווילנע.

דאָס אַלץ איז געשען עטלעכע טעג פאַר מיין אָוונט.

אָבער מיין אָוונט איז געווען אַ דורכפאַל, דער ניו־יאָר־

קער עולם איז נישט געקומען (זאָלן זיך פרייען אַלע מיינע שונאים, און זאָל זיי די שמחה וואויל באַקומען).

איך בין ווידער געזעסן אין „ראָיאַל" און געראויכערט אַ האַוואַנאַ, און האָב זייער שיין פאַנטאַזירט, מיין קאָפּ איז געווען פיין אָנגערעגט, און מחשבות זענען געקומען און אַוועקגעפלויגן אַזוי ווי די טויבן אויף דעם פּלאַץ פון הייליקן מאַרקוס אין ווענעדיג.

איך האָב געטראַכט וועגן אַמעריקע און איר וואונדער-לעכער עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע; וועגן דער רויער אינערלע-כער קראַפט פון אירע מענטשן, מאַשינען; ווען זיי וואָלטן גע-רעדט, וואָלטן זיי גערעדט מיט אַזאַ אָפנהאַרציקן עגאָיזם, וואָס פאַרקירצט צייט און פאַרשפּאָרט רעדעניש און לאָזט נישט אי-בער קיין נאָכהענגעדיקע צווייטן.

איך האָב געטראַכט און האָב מיך נישט געקאָנט דער-טראַכטן? וואָס איז אין אַמעריקע? איז עס אַ סוף פון אַ קול-טור צי אַ אָנהויב? צי איז דאָ די נייע ציוויליזאַציע פון מאַ-שינען און קאַפּיטאַל דערגאַנגען צו איר העכסטער אָנשטרענגונג און וועט מיטאַמאָל פּלאַצן פון גרויס איבערשפּאַנונג, אָדער האָט דאָ זיך אָנגעהויבן אַ נייע ציוויליזאַציע, ריין פון אַלע אייראָפּעי-שע איבערבלייבענישן און העמענישן פון דורות און אַ נייע מענטשהייט ווערט געבוירן. אַ נייע ראַסע, אַ נייע וועלט-באַנע-מונג, אַ נייע קולטור און לעבן-אינהאַלט? —

עס טראַכט זיך זייער גוט פון אַזעלכע פראַגן ביי דעם רויך פון האַוואַנאַ-ציגאַרן, בפרט ווען מען איז אַ געניטער רוי-כערער.

מען שטערט מיר וויניקער, מען „טריטעט" מיך נישט אַזוי ווי פריער, טייל פון מיינע קאָלעגן-שרייבער דערזעען מיך נישט.

ס'איז גוט...

און מיין באַקאַנטער יונגערמאַן, דער פון ווילנע, וואָס זיין פּנים שמייכלט און ווערט נישט מיד צו שמייכלען, איז דורכ-געגאַנגען.

איך האָב אים געוואָלט אָפּשטעלן און דאַנקען פאַר זיינע ציגאַרן.

אָבער ער איז דורך און האָט מיך נישט באַמערקט.

אָפּגעווענדט פון מיר זיינע אויגן און זיין שמייכלדיק פּנים האָט ער!

ווייל — — ווייל איך בין נישט געווען מער זיינס גלייכן. אין אמעריקע מוז מען זיך טויגן. און איך האָב מיך נישט געטויגט.

אין אַמעריקע, האָט צו מיר געזאָגט דער מענטש אין שיף־געשעפט, בשעת ער האָט מיך געלערנט פאַרבינדן די שנוראָ־וואַדלעס, ביי אונז אין אַמעריקע ווערט אַלץ געמאַכט אויפן קורצסטן און פּשוטסטן אופן...

און די לאָגיק איז אַ קורצע און פּשוטע:

ער האָט זיך געטויגט, צי ער האָט זיך נישט געטויגט...

„אכציק מיליאָן דאָלאַר“

די „סאָסייעטי אַנשי בני פ“... האָט מיך פאַרבעטן, איך זאָל קומען צו איר „מיטינג“, אין אַ פּריוואַט הויז, אַזוי ווי איך בין אירס אַ לאַנדסמאַן.

מען האָט געוואָלט זיין ליבנסווירדיק צו מיר און אָנטון מיר כבוד, האָט מען מיך געפירט אין אַ פּריוואַטן אויטאָ.

דער יונגערמאַן, דער בעל־הבית און פירער פון אויטאָ (אַ זעקס־פּלאַציקער לוקסוס־אויטאָ), האָט נישט באַוויליקט אַריינ־צוקומען צו מיר אין וואוינונג, נאָר ער האָט געוואַרט אויף דער גאַס. ער און זיין יונג ווייבל. זיי רעדן ביידע ענגליש און האַלטן זיך פון דער גאַנצער חברותא אַביסל פון דערווייטנס.

עס אינטערעסירט זיי דער גאַנצער ענין מיט דעם „דזשו־איש רייטער“ (יידישן שרייבער) נישט אויף קיין האָר.

ער איז ערשט נישט לאַנג רייך געוואָרן, דעם אויטאָ האָט ער געקויפט מיט אַ וואָך צוריק, איז אים מסתמא אינטערע־סאַנט אים צו באַווייזן.

דער עולם, מיינע באַגלייטער, פאָרן זיך שטאַרק אַרום מיר. ס'איז אַ קליינע „סאָסייעטי“ און אַ דערשלאָגענע, און איך בין זייער אַן אָנגעלייגטער גאַסט.

וויל דער יונגערמאַן, ער און זיין שיין ווייבל דווקא אַרויס־ווייזן זיין קאַלטקייט און גלייכגילטיקייט, כדי אונטערצושטרייכן דעם אָפּשטאַנד פון זיך צו די איבעריקע.

ער געהער נישט מער אַהער — הייסט עס — נישט מער, ער האָט געטון אַ טובה.

זאָל גאָט איינעם באַהיטן אין אַמעריקע פון צו זיין אַ באַליבטער גאַסט אויף אַ שעה דריי ביי יידן, וואָס ווילן דיר אָנטון פאַרגעניגן.

מען פירט דיך פון רעסטאָראַן צו רעסטאָראַן און מען פּאַשעט דיך!

די „פאַרגעניגנס" אין אַמעריקע זענען פּרימי־טיוו: טרינקען אַ קאַווע, עפּעס איבערבייסן, אַ עס געבן און ווידער אַ קאַווע און ווידער איבערבייסן. צום סוף מואווינג־פּיקטשערס", קינאָ און שפּיל.

און די רעסטאָראַנען זענען גרויסע „פעקטאָריס" — פּאַ־בריקן צו פיטערן מענטשן.

קום, עס און גיי דיין וועג. הינטער דיר שטייען הונדער־טער און טויזנטער.

די ערשטע צייט ווען איך בין נאָך נישט געווען צוגע־וויינט, האָב איך געהאַט יעדעס מאָל, ווען איך פלעג באַזוכן אַזאַ מאַסן־רעסטאָראַן, אַ מאָדנעם איינדרוק. מיר האָט זיך גע־דאַכט, אַז די עס־מאַשין האָט מיך אַ כאַפּ געגעבן, איין נעגער האָט מיר צוגעהאַלטן דעם קאָפּ, אַ צווייטער האָט אויפגעריסן מיר דאָס מויל, אַ דריטער האָט דאָרט אַריינגעשיבט ס'באַשטעל־טע עסן, אַ פערטער האָט פון מיר צוגענומען די עטלעכע סענט, און די מאַשין האָט מיך אויטאָמאַטיש אַרויסגעשטופּט אויף דער גאַס. איך בין אָפּגעפּאַרטיקט.

„נעקסט"! (דער נאָענטער).

ס'איז אָבער אויף דער נאַכט. עס איז נישט אַזוי פול אין די רעסטאָראַנען און מען קאָן געמיטלעכער זיצן.

מען האָט מיך כסדר אַרומגעפירט, ווייל די „אנשי בני פ"... האָבן זיך פויל צוזאַמענגעקליבן, און מען האָט געוואַרט אויף אַ טעלעפאָנישע ידיעה, אַז דער מיטינג וועט זיך שוין אָנהויבן.

זיצן מיר און רעדן. פון וואָס רעדט מען מיט אַ יידישן

שרייבער? פון יידישע פראגן, פון יידישע צרות, פארשטייט זיך.

מיין יונגערמאַן ווייזט נישט אַרויס דעם מינדסטן אינ־טערעס. ער רעדט מיט זיין ווייבל. דער אויטאָ ווערט צו שנעל אָנגעהיצט... אין די נייע דאַרף מען נישט קיין וואַסער...

פילסודסקיס איבערקערעניש ווערט דעבאַטירט. צי וועט עס גוט זיין פאַר יידן צי שלעכט — מיין יונגערמאַן דרייט אַפילו דעם קאָפּ נישט אויס צו אונז.

דערנאָך איז מען אַריבער צו דער קרימער קאָלאָניזאַציע. צום באַיקאָט אין פוילן, גראַבסקיס אויסראָטונגס־פּאָליטיק — יידן זענען זייער טשעקאַווע צו וויסן, וואָס ס׳הערט זיך מיט זייערע ברידער אויף יענער זייט ים.

דער יונגערמאַן און זיין ווייבל איז אַ וועלט פאַר זיך. עס גייט אים נישט אָן.

גערעדט און גערעדט, האָט מען זיך דעררעדט אַזש ביז אַרגענטינע און פון דער דאָרטיקער יידישער קאָלאָניזאַציע, פון דער יק״א...

איך האָב באַמערקט: ס׳איז אַ שרעק, ווי אַזוי די גרויסע אונטערנעמונג פון באַראָן הירש איז געמאַכט געוואָרן צו קליין געלט דורך די אויספירער פון זיין ווילן...

דער יונגערמאַן הערט אונז נישט, זעט אונז נישט. ער שפּילט זיך מיטן שליסל פון זיין אויטאָ.

ביי דעם ענין פון יק״א בין איך נישט גלייכגילטיק און איך פאַרצי דעם שמועס מיט אַביסל טעמפּעראַמענט.

— אַזאַ ריזיק פאַרמעגן האָט ער איבערגעלאָזט... וואָס וואָלטן טיכטיקע באַאַמטע געקאָנט דערמיט אויפטון.

דער יונגערמאַן האָט ביי די ווערטער אויף אונז געוואָרפן אַ בליק און באַלד אים ווידער אָפּגעווענדט.

דאָס איז דאָך נישט קיין קלייניקייט: 400 מיליאָן פראַנק האָט אַ מענטש איבערגעלאָזט.

דער יונגערמאַן האָט אַ רוק געגעבן זיין שטול און האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו אונז.

אײראָפּעיִשע מיליאָנען... — האָט ער באַמערקט.
אָבער איך בין אַרײַנגעטריבן געװאָרן אין אַמביציע.
— ניין, גישט אײראָפּעיִשע פּאַפּיר־מיליאָנען, 400 מיליאָן גאָלד־פראַנק, גאַנצע 80 מיליאָן דאָלאַר...
דערהערט די װערטער „80 מיליאָן דאָלאַר" איז געקומען אויף אים אַן איבערקערעניש. אויף אים און אויף זײַן יונג װײַבל.
איך בין ריזיק אויסגעװאַקסן אין זײערע אויגן. די יונגע דאַמע האָט באַװיליקט מיך צו פרעגן, װי לאַנג איך בין שוין אין לאַנד און, באַקומענדיק אַן ענטפער, האָט זי שטאַרק געלויבט מײַן ענגליש רעדן.
און ער האָט זיך גענומען אויף ערנסט אינטערעסירן מיט די 80 מיליאָן דאָלאַר, אין װעמענס רשות זײ געפינען זיך, און צי איך װיל זײַן דאָרט אַ דירעקטאָר, און װאָס איך האָב בדעה אויפצוטון.
ער האָט זיך איבערגעקוקט מיט זײַן װײַבל מיט בליקן פון חרטה: פאַר װאָס ער האָט מיר ביז איצט נישט געשענקט זײַן אויפמערקזאַמקייט.
אַכציק מיליאָן דאָלאַר — דער קלאַנג פון די װערטער האָט דעם אַמעריקאַניזירטן יונגענמאַן אַרויסגעריסן פון זײַן גלײַכגילטיקייט, האָט אויסגעגלײַכט זײַן פּאַרריסענע נאָז, און ער האָט גענומען רעדן אַ מאַמע לשון, אַז ס'איז געװען אַ מחיה צו הערן.
און דאָס יונגע װײַבל, האָט זיך אַרויסגעװיזן, רעדט יידיש און מיט אַ ליטװישן אַקצענט דערצו...

ווי אַזוי יידן בויען

קליוולענד, דעטראָיט, שטעט פון אַ מיליאָן איינוואוינער, וואַקסן ווי אויף הייוון.

אין אַמעריקע קאָנט איר זען דאָס וואונדער, ווי עס וואַקסט אַ שטאָט, אַזוי ווי אַ ווילדע פלאַנץ אין אַ טראָפּישן לאַנד.

פון ניקל פון דער שטאָט, פון צענטער אַרויס, וואָס עס בלייבט דער ביזנעס־פּונקט, וואַקסן אויס גאַנצע קוואַרטאַלן אַרום און אַרום, אויף צענדליקער קילאָמעטער.

דאָס כאַראַקטעריסטישע פון די קוואַרטאַלן איז, וואָס זיי באַשטייען פון קליינע הייזלעך, פאַר איין, מאַקסימום — פאַר צוויי פאַמיליעס, און זענען אייגס צום אַנדערן גלייך, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער.

גאַסן נאָך גאַסן שטייען זיי, די הייזלעך אַזוי ווי ביימער אין אַ וואַלד, אָדער אַזוי ווי מצבות אויף אַ בית הקברות. ציילט זיי און איר וועט זיי נישט אָנציילן.

אַלע באַקוועמלעכקייטן האָט איר אינעווייניק. וואַנעס, עלעקטרישע קיכן, בעטן, וואָס רוקן זיך אין וואַנט אַריין אויף בייטאָג, איין הייזל שטייט נישט צו צום צווייטן. פאַראַן אַ ליידיקער פלאַץ פאַרן אַריינפאָר פון אויטאָמאָביל.

יעדער איינוואוינער פאָרט אין דער פרי מיטן אויטאָ אין צענטער אַריין, פאַרנאַכט קומט ער צוריק.

איז שטיל אין די קוואַרטאַלן אַ גאַנצן טאָג. דער פאָטער איז אין געשעפט, די קינדער — אין שולע. די מוטער גרייט צו דעם „סאַפּער״ (אָוונט-ברויט) אין דער היים.

אויב זי טוט דאָס, אַמעריקאַנער בעל-הביתטעס זענען פויל צו מאַכן די בעל-הבתישקייט.

מען וויל וואָס ווייניקער קאָכן, כּדי וואָס ווייניקער צו האָבן צו רוימען.

מען עסט אין קיך. גרייטן אַ טיש אין וואוין-צימער איז צו פיל פּאַראַד: מען זעצט זיך אין קיך און מען עסט אָפּ.

ס'איז רואיק אין די גאַסן. די הייזער רעדן גאָרנישט און דערציילן גאָרנישט.

וואָס האָבן זיי צו רעדן, אַז זיי זענען ענלעך איינס צום צווייטן? וואָסער אונטערהאַלטונג קאָן זיין צווישן אַבסאָלוט גלייכע צווישן זיך?

זיי קענען נאָר צוקוקן, ווי נייע שטיקער גרין פעלד ווערן אָפּגערוימט און עס וואַקסן נייע הייזלעך; הייזלעך, הייזלעך אָן אַ שיעור.

אין אַרגענטינע, אין דער ווייטער פּאַמפּאַ, קאָנסטו אַמאָל זען ברייטע שטחים מיט אָנגעוואָרפענע בערגלעך ערד, אַלע פון איין מוסטער און שניט. דאָס איז דאָס ווערק פון די מוראַשקעס, וואָס האָבן דאָ אָנגעוואָרפן די געביידעס, כּדי אין פאַל פון אַ וואַסער-איבערשוועמונג זיך צו קאָנען ראַטעווען.

אָט אַזוי זעען אויס די הייזער מיט אַלע באַוועמלעכקייטן.

מיט דעם אונטערשיד, וואָס דאָס ווערק פון די מוראַשקעס איז געבויט אויף הונדערטער יאָרן, אַנטשטאַנען אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן; די הייזלעך אָבער האָבן קוים פינף צי זיבן יאָר, דערנאָך רייסט מען זיי אַרונטער און מען בויט אַנדערע.

אַזאַ הייזל מערסטנס פון האָלץ געבויט, איז אויסגערעכנט אויף אַ באַשטימטע צאָל יאָרן, נישט קיין הויז פאַר דער אייביקייט.

איר צאָלט איין טויזנט דאָלאַר און איר קויפט אַזאַ הויז.

ביז איר האָט עס אויסגעצאָלט, וועט איר אַליין (צי אַן אַנדע־רער) עס אַרונטעררייסן און בויען אַ צווייטס.

ס׳איז אַ באַוועגלעכע זאַך געוואָרן — די הייזער אַ משא־ומתן.

און דאָס איז דאָס ווערק פון אַחינו בני ישראל.

זיי האָבן אויסגעבויט די אַלע קוואַרטאַלן.

טויזנטער פאַמיליעס זענען פאַרנומען דערביי.

אַ ייד באָרגט ביים צווייטן 500 דאָלאַר, קויפט אַ פּלאַץ, גיט האַנט־געלט און שטעלט זיך בויען. אויפגעבויט דעם פונ־דאַמענט, גייט ער אין באַנק אַריין און פאַרמשכּונט דאָס הויז מיטן פונדאַמענט. אויפגעבויט דעם ערשטן שטאָק. קריגט ער ווידער געלט אין באַנק און ווי דער דאַך איז אַריבערגעצויגן, האָט ער עס פאַרקויפט.

אַזוי דרייט מען דאָס רעדל, מיט גאָרנישט, מיט ליידיקע הענט, בויט מען אויף אַ גאַס, קוואַרטאַלן.

די ריווחים זענען קליינע. די פּראָצענטער עסן אויף. דער־ווייל לעבט מען דערביי, און עס דרייט זיך אַ דאָלאַר אין טאַש.

דער עיקר איז — צו האַלטן זיך אויף די פיס, דאָס רעדל זאָל זיך דרייען נישט אָפּשטעלן.

האַלב דעטראָיטער יידן — בויען. דאָס זעלבע—קליוולענד.

פאַראַן אויך אַ גרויסע צאָל יידישע אַרבעטער ביי דעם פאַך — סטאָלאַרעס און די נעבן־פאַכן.

מען דרייט אַזוי לאַנג, ביז מען דרייט אויס פאַר זיך אַ הויז.

אָבער זאָל גאָט נישט געבן די שעה, ווען דאָס רעדל פאַרהאַלט זיך.

ווען איך בין דאָרט געווען, איז געווען אַ פאַרצויגענער שטרייק פון די בוי־אַרבעטער.

זענען די בוי־מייסטער און אונטערנעמער, וואָס האָבן זייער „אייגנס" (מישטיינס געזאָגט!) גאַנצע גאַסן, געפאַלן אַזוי ווי שטרוי אונטער דער קאָסע.

נעכטיקע גבירים, מיט אייגענע אויטאָס, קוואַרטאַלן־בויער

זענען אַרומגעגאַנגען אָן אַ סענט אין טאַש, מ'האָט געבאָרגט איינער ביים אַנדערן אַ פּינפּערל.

ס'האָט געהאַלטן ביי אַ גרויסן קראַך, ביי אַ וועלט-אוני-טערגאַנג.

ווען נישט, וואָס די גרעסטע לייט פון שטאָט האָבן זיך אַריינגעמישט אין ענין, און מען האָט דעם שטרייק ליקווידירט.

און עס איז ווידער אַוועק אַ גאַנג.

און שוין זענען אָנגעקויפט געוואָרן נייע פּלעצער, אויף צוויי קילאָמעטער ווייטער.

און ווען מען פאָרט אַזוי איבער צענדליקער באַבויטע קילאָמעטער, מיט אויסגעלייגטע גאַסן. און הייזער, און הייזער, און הייזער, — וואָלט דיר נישט איינגעפאַלן, אַז דאָס האָבן יידישע קעפּלעך, טאַקע בלויז מיט זייערע קעפּלעך, אויסגעבויט, אָן קאַפּיטאַלן, אָן זאַכקענטעניש.

און ריזיקע שטעט זענען אויסגעוואַקסן..

מנחם מענדל ביי אונז האָט העכסטנס געקאָנט דערלעבן צו ווערן אַ קאָמישער טיפּ ביי שלום-עליכמען; אין אַמעריקע בויט ער שטעט.

ניו־יאָרק זינגט איר ליד

(וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע)

איך קאָן נישט טראַכטן וועגן אַ שרייבער און נישט טראַכטן דערביי וועגן זיין היים, זיין הימל און זיין ערד, זיין געגנט, וואו ער איז געבוירן. מענטשן זענען שטיקער לאַנדשאַפט, און מענטשלעכע געדאַנקען און געפילן זענען שטיקער לאַנדשאַפט, דאָס, וואָס ס׳הענגט אין דער לופט, קאָן זיין אַזוי און אַט־אַזוי איז נאָך אַנדערש קאָן עס זיין. דאָס איז דאָס ווײַטע קיניג־רייך, פון דער צופעליקייט, און די צופעליקייט איז די פּאַר־קערטע זייט פון דער קונסט, אַלץ, וואָס ס׳איז ווערטפול, איז פאַרוואָרצלט און פאַרקניפּט, און קאָן נישט זיין אַנדערש ווי עס איז.

די מעלאָדיע פון רוסישן פאָלקס־ליד איז דעריבער אַזוי רייך און שטאַרק, ווייל אין איר קלינגט דאָס עכאָ פון אַ ווייטן סטעפּ און איר הערט דערין, ווי די וואָלגע קייקלט אי־רע וואַסערן. און די אָרעמקייט פון דער יידישער פאָלקס־מע־לאָדיע ליגט דערין, וואָס איר לאַנדשאַפט אין אַ פאַרמאַכטע שטוב, פיר ווענט, נאַסע און שאָטנדיקע.

איך קאָן דעריבער נישט טראַכטן, למשל, וועגן שלום־עליכמען און נישט זען אים אין פּאָדאָליע, וואו טביה דער מילכיקער דערציילט זיין מעשה, אָדער אין קיעוו, וואו מנחם

מענדל פלאַטערט אַרום. פּרץ איז געבוירן אין זאַמאָשטש צווישן צוויי אַמאָליקע וועלטן, דער עק פון רוסלאַנד און סלאַ־ווישקייט, און דער אָנהויב פון מערב־אייראָפּע. אַשן מוז איך זען אין קוטנער געגנט, וואו די תּבואה געראָט און די מענטשן וואַקסן הויך, און די פויערטעס טראָגן אַזוינע שיינע קאָלירטע טיכער.

פּערזענלעכקייט? וועלט איינשטעלונג? אויך דאָס איז נישט מעגלעך אָן אַרומיקע הימל און ערד און וואַלד, און טייך. בודאַ איז אוממעגלעך צו דענקען אין אַ קאַלטער געגנט. נאָר אין הייסן אינדיע, וואו די ברענענדיקע זון נאָגט אויס די ענערגיע און לענקט די באַטראַכטונג און שטעלט די אָן אויף דעם „איך", האָט אַזאַ פּרוכט געקאָנט געדייען.

*
*

דערפון איז צו זען, אַז אונזער קריטיק האָט אַ רייך פעלד און אַ שווער פעלד צו באַאַרבעטן. אַ וואַנדער־פאָלק און אַ פאַרשפּרייט פאָלק טראָגט אין זיין נשמה אַלע מעגלע־כע לאַנדשאַפטן. די יידישע פּסיכע האָט איינגעזאַפּט אין זיך אין פאַרלויף פון דורות, אַלערליי הימלען. פון אַ מדבר שבט ביי די ברעגעס פון מיטללענדישן ים, דורך שפּאַניע, פראַנק־רייך, דייטשלאַנד, ביז צו די ווייסע שנייען אין צפון. וואָכערע פאַרשידנאַרטיקייט!

ס׳איז אונזער רייכקייט און אָרעמקייט צוזאַמען. ווייל אונזער נשמה איז געוואָרן אַזוי ווי אַ געשליפן גלאָז, וואָס שפּיגלט אָפּ אַלע פאַרבן און שעמערירט, און עס פעלט דערין סטאַבילקייט, געזעצטקייט. אונזער ווין איז נישט געקלערט.

ביי אונז איז דאָס מעגלעך, אַז ס׳זאָל פעלן אַ נאַציאָ־נאַל געמיט, אַ גרונט־שטימונג, וואָס זאָל דאָמינירן. דער אויס־געלאַסענער היינע און דער פרומער שפּינאָזאַ זענען ביידע אונזערע טיפּישע זשעניען. איר קאָנט זאָגן, אַז אין יעדער יידישער נשמה ליגט אַ קליין שפּינאָזעלע, וואָס נעמט די

וועלט בלוטיק־ערנסט, און מיט דער זעלבער מאָס פון אמת אין אייערע רייד קאָנט איר זאָגן, אַז יעדער ייד איז אַ שטיק היינע, אַ שפּעטער און אויסלאַכער, וואָס באַנעמט דאָס לעבן אין די ראַמען פון עטלעכע צענדליק קלאָגעדיקע יאָרן, דורכגעשטופּטע און אָפּגעמאַטערטע.

* *
*

ניו־יאָרק, דאָס וועלט־וואונדער און דאָס יידישע וואונדער מיט איר יידישער באַפעלקערונג פון אַנדערהאַלבן מיליאָן יידן אַ קיבוץ, וואָס יידן האָבן נישט געהאַט אין זייער גאַנצער געשיכטע! גיט די נייע לאַנדשאַפט אַ ניי געמיט.

דאָס איז דאָס מערקווירדיקסטע, וואָס איך האָב געפונען אין דעם לאַנד, נאָכדעם ווי איך בין 13 יאָר דאָ נישט געווען.

ווייל לאַנדשאַפט דאַרף נישט פאַרשטאַנען ווערן סענטימענטאַל, אַזוי ווי דאָס ווערט פאַרשטאַנען פון שלעכטע מאָלער און באַנאַלע שרייבער: אַ זון־אונטערגאַנג, אַ טייך, אַ בוים און אלע איבעריקע זיסע צי טרויעריקע צודאַטן פון אַ „לאַנדשאַפט". איך האָב שוין געזאָגט: די פיר נאַסע יידישע ווענט מיט דער מאַמע, וואָס וויגט דאָס קינד אונטער אַ פאַרפעדערטער דעק, זענען פונקט אַזוי לאַנדשאַפט, אַזוי ווי דאָס רוסישע „אונטן ביי דער מאַמען וואָלגע" — אַלץ, וואָס דאָס אויג און אויער פאַרנעמט פון דעם אַרום, דער ריטם און טעמפּאָ פון די באַוועגונגען, די פאַרבן און קלאַנגען — אַלץ דאָס איז לאַנדשאַפט, אַלץ דאָס צוזאַמען גיט דעם גרונט־שטריך פון אַ מענטשלעכן געמיט, און דערפון ערשט וואַקסן אַרויס די געפילן און געדאַנקען. די וועלט אָנשויאונג, די פּאָעזיע.

איך האָב מיך דעמאָלט פאַר 13 יאָר, פאַרוואונדערט אומגעקוקט אין אַלע זייטן און געזוכט די נייע לאַנדשאַפט, דאָס נייע געביט, און נישט געפונען. איך דערמאָן זיך, אַז איך האָב דעמאָלט אָנגעשריבן אַן אַרטיקל, באַטיטלט מיט דער פראַגע: „וואו איז די פּריירינז", וואו ס'איז אפשר שלעכט אויס־

געדריקט געוואָרן מײַן באַגער צו זען אָט דאָס נײַע געמיט, אָבער ס'איז אוודאַי גוט געמיינט געווען. די „פּרײַרי" איז געווען נישט מער ווי אַ סימבאָל, און אפשר אַ נישט געלונגענער, פון דעם, וואָס איך פּרוּוו דאָ בעסער אַרויסצוזאָגן, *עמיגראַנטן* האָבן דעמאָלט געזונגען און דערציילט און געמאַכט די ליטעראַטור, נישט קיין ניו-יאָרקער. דער נײַער ריטם האָט געפעלט. וואָס מען האָט דעמאָלט געשריבן דאָ, האָט מיט דעם זעלבן ריטם געקאָנט אָנגעשריבן ווערן אין וואַרשע, צי אין ווילנע, צי אין קיעוו. די לאַנדשאַפט האָט זיך אָבער דערבײַ אַזוי ראַדיקאַל געענדערט, דאָס טעמפּאָ פון אַרומיקן לעבן, די פאַרבן און קלאַנגען פון דעם ווערק ניו-יאָרק, וואָס איז דאַכט זיך, געשאַפן פון ריזן, נישט פון מענטשן, און וואו עס ראָיען זיך מאַסנווייז, דאַכט זיך, מוראַשקעס, נישט קיין מענטשן, — דאָס אַלץ איז דאָך אַזוי אַנדערש ווי דאָרט, וואו די אַלטע לידער זענען געזונגען געוואָרן!

נאָר נאָך שוואַך קלינגענדיקע און פאַרקלינגענדיקע עכאָס פון דעם אַלטן ניגון און נוסח, איבערגעלאָזענעם אויף יענער זייט אוקינוס, האָבן זיך געהערט אין צייט. די עמיגראַנטן האָבן זיך נאָך נישט געהאַט „אויסגעגרינט", און די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע (און אַז איך רעד פון דער ליטעראַטור מיין איך דערעיקרשט די *פּאָעזיע*, וואָס קומט דאָ, אַזוי ווי אין יעדער נייער ליטעראַטור, *צום ערשטן*), האָט זיך נישט געהאַט „אויסגעגרינט". ס'איז נישט געווען קיין איין זאַך, וואָס מען זאָל קאָנען זאָגן דערויף: אָט דאָס איז נוסח ניו-יאָרק, אָט אַזאַ זאַך האָט געקאָנט נאָר דאָ באַשאַפן ווערן, אָט פון אַזאַ שטימונג און פון אַזאַ באַציאונג האָט אַ מענטש געקאָנט באַהערשט ווערן נאָר צווישן די מויערן פון דער שטאָט, וואָס זינגט איר ווילדע, נאָך נישט פאַרשטענדלעכע מעלאָדיע אין דער וועלט אַריין.

שטעלט מען זיך אָבער *איצט* די פראַגע, מוז מען קומען גאָר צו אַנדערע באַשלוסן.

פאַראַן אַ יידישע ליטעראַטור אין אמעריקע, נישט

קוואַנטיטאַטיוו מיין איך דאָס, נאָר קוואַליטאַטיוו, נישט נאָר, וואָס דאָ זענען פאַראַן איצט שרייבער פון באַדייטונג, נאָר אַמעריקאַנישע שרייבער.

נישט שרייבער, וואָס געפינען זיך צופעליק אין ניו־יאָרק. דאָס וואָלט נישט געקאָנט ערנסט אינטערעסירן. העכסטנס קאָן דאָס זיין אַ טעמע פאַר אַ געשפרעך אין דער קיבעצאַרניע. צי זיי דאָרטן שאַפן מער, צי מיר דאָ. און ווען קומט די קרוין א. אַ. וו. נאָר שרייבער, וואָס זענען אויסגעוואַקסן פון באָדן אַרויס, וואָס טראָגן די אָפּשפּיגלונג פון דער היגער לאַנדשאַפט אין זיך, וואָס די קללה אויף זייערע ליפּן (מ. ל. האַלפּערן, למשל) איז אַ ניו־יאָרקישע, די באַציאונג זייערע צו זאַכן און מענטשן (משה נאַדיר, למשל), איז אַ ניו־יאָרקישע, און דער אופן פון אויסנוצן די יידישע פאַרגאַנגענהייט דער פּורים־שפּיל פון דעם מאַריאָנעטן־טעאַטער, למשל) איז ניו־יאָרקיש.

(למען השם! זאָל זיך קיינער פון די ניו־יאָרקער קאָלעגן נישט געפינען באַליידיקט, וואָס איך דערמאָן נישט דאָ זיין נאָמען. איך בין בנאמנות נישט אויסן מער, ווי צו אילוסטרירן מיין געדאַנק).

עס איז ניי געמיט, וואָס האָט זיך דאָ אויסגעוויקלט פון דעם עמיגראַנטישן כאַאָס אַרויס, און וואָס נאָר דאָ און נישט ערגעץ אַנדערש איז עס געמאָלט.

וואָס איז דאָס פאַר אַ געמיט? וואָס איז דאָס פאַר אַ באַציאונג? וואָס איז פאַר אַן איינשטעלונג צו זאַכן און מענטשן אָט דאָס נייע, דער נוסח ניו־יאָרק?

וועגן דעם קאָן מען נישט רעדן אין די ראַמען פון איין אַרטיקל, און נישט אַפילו פון עטלעכע אַרטיקלען. דער נוסח פון ניו־יאָרק, אָט די נייע לאַנדשאַפט, דאָס נייע געמיט, קאָן געבן געניג שטאָף פאַר אַ באַדייטנדיקער און אין אַ זייער גרויסער מאָס אינטערעסאַנטער אַרבעט. ווייל דער אויסגאַנגס־פּונקט וועט זיין נישט די פּאָעזיע, וואָס איז דאָ געשאַפן געוואָרן, נאָר ניו־יאָרק און די איסט־סייד, אַלס אַ טייל פון איר. וואָס דער פאַרשטאָרבענער און נאָך אַלץ צו־ווייניק אָפּ־

שאַצטער בעל־מחשבות האָט געטון מיט זיין אַרבעט וועגן שלום־עליכמען, דאָס וואָלט געקאָנט געטון ווערן מיט דער אַמעריקאַנישער פּאָעזיע. בעל מחשבות האָט אין זיין אַרבעט געגעבן די לאַנדשאַפט צום ערשטן. דעם גאַנצן קנויל פון באַציאונגען, דעם קלאַנג און פאַרב פון אַלטן יידישן שטייגער, פון וואַנען שלום עליכם איז געקומען, און מיר האָבן דערזען דעם מייסטער, ווי אַזוי ער האָט זיך אַרויסגעוויקלט פון דער סטיכיע אַרויס.

די אַרבעט אָבער, וואָס איך ווייז אויף איר אָן, איז פיל שווערער. אין אַלטן יידישן שטייגער האָבן מיר זיך אַלע געבאָדן ביז איבער די אויערן לאַנגע דורות; צו אילוסטרירן דעם שטייגער און אָנצווייזן די פעדעם, וואָס פאַרקניפּט אים מיט דעם שאַפנדיקן גייסט, האָט זיך גרינג געקאָנט איינגעבן.

דער הינטער־גרונט — ניו־יאָרק, איז אַ שווערע נוס איינצובייסן.

אפשר וועט די אַרבעט אויך מוזן אויספאַלן אויף דעם גורל פון אַ ניו־יאָרקער, פון אַן „אויסגעגרינטן".

דער פאַקט אַליין אָבער לאָזט זיך פאַרצייכענען מיט זיכערקייט; אונזער נשמה איז רייכער געוואָרן מיט נייע הימלען. אַ נייע לאַנדשאַפט שפּיגלט זיך אָפּ אין אונזער גייסט און נאָך אין אַ נייעם געמיט האָבן מיר זיך געפונען — דאָס יידישע ליד אין ניו־יאָרק דער שטאָט.

נאָך איין פּנים. דאָס געשליפענע גלאָז שעמערירט מיט נאָך איין פאַרב...

צווייטער טייל

רייזע אין יאָר 1912

אינהאַלט פון צווייטן טייל:

	זייט:
ווער איז שטאַרקער? . . .	7
אויף עליס איילאַנד . . .	11
ניו־יאָרק	15
די אַגיטאַציאָנס־בודע . . .	21
צוויי דורות	25
אין „קאַר"	33
אין הכנסת אורחים . . .	36
פון דער אַרבעט . . .	40
אויסגעגריבט	45
דער מאַרקסיסט . . .	51
אין קוני איילאַנד . . .	58
פּראָפעסאָר פון פילאַנטראָפּיע . .	63
שבת צונאַכטס	68
די הייליקע שטאָט . . .	73
סליחות	79
פּיראָש	83
די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין ניו־יאָרק	89
וואו איז די פּריירי? . . .	96
רוזוועלט	100
מיסטער ברייען	107
יידן זענען „אָל־רייט" אין אַמעריקע .	113
יַהודים	119

ווער איז שטאַרקער?

דער לעצטער גרוס פון דער יבשה.

פון אינזל ליזאַק, אויפן שפּיץ פון ענגלאַנד, ווינקט אונז צו דער לייכט-טורם, און בענטשט אונז אויפן וועג. מיר פאָרן אַרויס אויפן אוקינוס דעם ים.

עס איז אַ פינסטערע נאַכט, און די שיף שאָקלט זיך שטאַרק. אַ העלפט פון אונזערע קלאָגן זיך שוין אויף ים-קראַנקייט. דורך די דריי טעג, וואָס מיר פאָרן אַרום די ברעגן פון בעלגיע, האָלאַנד, פראַנקרייך און ענגלאַנד, האָבן זיך די פּאַסאַזשירן שוין באַקאַנט צווישן זיך. טוט ווער דער קאָפּ וויי, פאַרבענקט זיך ווער אַהיים, האָט ער פאַר וועמען דאָס האַרץ אויסצוגיסן.

נאָך עטלעכע שעה, מיר האָבן שוין דעם קאַנאַל לאַ-מאַנש הינטער זיך. דער לייכט-שטורם איז פאַרשוואונדן, און דער ווינט האָט זיך צעשפּילט. עס שאָקלט. די שיף וויגט זיך אין דער לענג און בויגט זיך אויף די זייטן. טיילמאָל הויבט אָן צו שווינדלען אין קאָפּ, די ווענט סקריפּן און זיפּצן שווער, און דער ווינט יאָגט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

דער אַלטער זיידע אוקינוס האָט אונז מקבל פּנים געווען מיט פּאַראַד און זייער פייערלעך. ער האָט אונז אויפגעשפּילט אַ ווילדע מוזיק און געהייסן די פּאַליעס לאָזן זיך אין טאַנץ. דער טאַטע ווינט, מיט צעשויבערטע פייכטע קאָלטונעס, מיט

רויט אַנטצונדענע אויגן, שטייט דאָרט ערגעץ אויפֿן עק האָר זאַנט און בלאָזט אין פּייפֿל.

— הו־הו הו־הו... איר זענט געקומען... הו־הו... עס איז די גרויסע חתונה און שפּיל פֿון ווייטקייט און פֿינסטערניש און טויט.

קראַך — טרר... אַ כוואַליע האָט אויפֿגעהויבן די שיף, אַראָפּגעשליידערט צוריק, און איז אַליין צעשפּרונגען און האָט דאָס וואַסער צעשפּריצט הויך — הויך. ווי אַ גאָס רעגן האָט אָנגעשלאָגן אָן די שויבן.

די שיף קראַכט און סקריפּעט אַלץ מער און מער. די פּאַסאַזשירן ווערן נערוועזיש, ס'איז אָן אימה צו בלייבן אַליין אין קאַיוטע. אַ פּנים זוכט אַ פּנים, אַ בליק זוכט אַ בליק, און מיר זיצן אַלע אין גרויסן זאַל, שאָקלען זיך מיט דער שיף און מאַכן קאָמישע באַוועגונגען. נאָר ווען גייט עס אין קאָפּ אַריין איצט צו לאַכן?

עס שמייכלען נאָר די מאַטראָסן און די דינער צווישן זיך, זיי האָבן עס אַזוי ליב צו שפּאַסן, פֿון די אָרעמע פּאַסאַ־זשירן און צו לייגן זיי שטיינער אויפֿן האַרץ.

„אָ, איצט האָבן מיר אַ גוט וועטער" — ענטפֿערט אייך יעדער פֿון זיי, דאָס שווערע, הייסט עס, דאַרף ערשט קומען.

מיר וועלן האָבן אַ לאַנגען וועג און אַ שווערן וועג. די שיף איז אָן אַלטער קליינער קאַסטן. פֿאַר צען טעג וועלן מיר נישט קריגן צו זען אַ שטיקל יבשה, און ביי שלעכטן וועטער... יאָ, דאָס קאָן שוין זיין פֿאַרשידן... ביי ניו־פֿאַונדלאַנד איז פֿאַר עטלעכע יאָר אַ שיף אונטערגעגאַנגען, און קיין איינציקער האָט זיך נישט געראַטעוועט.

נאָר גענוג שוין די מעשיות פֿון די מאַטראָסן. מיר פֿאָרן, אמת, מיט אַ קליינער שיף, אָבער דאָך זיכער מיטן לעבן זענען מיר... נאַרישקייטן, נאָר ס'איז אַזוי נישט היימלעך.

איך האָב געפּרוּווט אַרויפֿצוגיין אויבן אויפֿן דעק. איך האָב מיך געמוטשט פֿעסט אָנהאַלטן מיט די הענט, כּדי דער ווינט זאָל מיך נישט אומוואַרפֿן. עס הויבט מיך אין דער לופֿט

ארויף און אראָפּ, אַהין און צוריק; די מאַסטן בויגן זיך טיף־טיף, און דער ים — איך זע נאָר אַ שוואַרצע צעהוליעטע מאַסע, באַשפּריצט מיט ווייסע לויפנדיקע פלעקן. דאָס שוימען די פּאַליעס. אַ נאַסע געזאַלצענע פּאַרע שלאָגט מיר אין פּנים און ברענט אויף די ליפּן.

און אַרום און אַרום, ווייט און ברייט, קיין איין פייערל, קיין וואונק, קיין צייכן. מיר זענען אַליין געבליבן, קליינע ווערימלעך אין אַ גוס־שאַל, וואָס וויגט זיך צווישן די שוימענדיקע קאָכעדיקע וואַסערן.

אינסטינקטיוו לויף איך אַראָפּ צוריק אין זאַל, מאָדנע קומט עס אויס, דער זאַל מיט דער עלעקטרישער באַלייכטונג, מיט דער פּיאַנע, וואָס שאָקלט זיך אײַנגאַנצן און וויגט זיך און קראַכט און סקריפּעט.

נאָר אָט האָט ווער געבעטן ביים סטיוואַרט (דער דינער) דעם שליסל פון דער פּיאַנע. אַ קליין דאַר באַשעפעניש, אַ צאַרט מיידל מיט אַ בלאַס פּנים און פאַרשלאָפענע אויגן גייט צו צו דער פּיאַנע און לייגט אירע דאַרע לאַנגע פינגער אויף די קלאַווישן. עס רייסן זיך אָפּ דערשראָקענע פאַרציטערטע טענער און ווערן דערטרונקען און פאַרשלונגען אין דעם גערויש פון דרויסן, און דעם פייפעריי פון ווינט, און דעם סקריפּן פון די ווענט; נאָך איין לויפן מיט די הענט איבער די קלאַווישן און אַ ריי טענער, ווייכע און געבונדענע, צעטראָגן זיך אין זאַל, די מעלאָדיע, דער גייסט פון גאָט, דאָס שאַפנדיקע אין דער נאַטור, וויקלט זיך אויס. עס איז אַ יונגע ווייסע טויב אין כאַאָס, און זי פלאַטערט אַרום אונז. ביסלעכווייז — ביסלעכווייז נעמט זי איין דאָס ווילדע גערויש פון דרויסן, דאָס כאַאָטישע פייפעריי, און באַהערשט עס.

ס'איז אַ פאַרליבט ליד, און עס דערמאָנט אַ בליענדיקן מאַי, לבנה־ליכט, אַ שטיל גערויש פון בלעטער, טרעלן פון אַ שפּיל־פויגל און אַ געבעט פון הארץ...

וואָס מיר דעם ים! וואָס מיר ווילדער כוח, כאַאָטיש גערויש, זיגלאָז קראַכן און סקריפּן!

דאָס איז נאָר נאַטור.

נאָר דאָס שוואַכע צאַרטע באַשעפענישל הייסט מענטש און האָט אַ קליין ביסעלע גייסט.

ווער איז שטאַרקער?

עס צעשפּילט זיך דער ים אַלץ שטאַרקער, און די פּאַליעס האָבן זיך צעהוליעט און שפּרינגען און רוישן און שוימען אַלץ מער און מער.

נאָר לאַנגע דאַרע פינגער שפּילן אַ מעלאָדיע, און זיי נעהערן אַ מענטשן־קינד.

אויף עליס איילאַנד

עליס איילאַנד „אינזל פון טרערן״, — צי וועל איך דיך זען?

איך האָב געזען די צוריקגעשיקטע פון דעם דאָזיקן אינזל אין ברעמען, זיי האָבן שוין קיין טרערן אין די אויגן נישט געהאַט. איך מיין, ווען ס'האָט נאָר איין מאָל אין לעבן באַטרעטן עליס איילאַנד, דער וועט שוין אַזוי גיך נישט וויינען, נישט זיפצן צון בכלל נישט אַרויסווייזן קיין אָנצייכן פון מענטשלעכער באַוועגטקייט און נשמה־ליידן. ווייל — נמשל כבהמות נדמו, דער מענטש איז דאָ אַ נומער, איין איינציקער נומער פון אַ צאָל, וואָס באַטרעפט הונדערט־טויזנטער און מי־ליאָנען, און מער גאָרנישט, ווי אַ נומער.

אַ נומער דאַרף נישט זיפצן, אָדער וויינען, אָדער בעטן, אָדער טענות האָבן, מען זאָל אים אויסהאָרכן און אַריינגיין אין זיין לאַגע. מיט אַ נומער ווערט נאָר גערעכנט, מען קאָן אים איבערשטעלן, איבערפירן, אַרויסוואַרפן, אָדער צוזאַמענרע־כענען. איך בין נאָר צוויי שעה אין מיין לעבן געווען אַזאַ נומער, נאָר געדענקען וועל איך עס לאַנג.

ווי אַזוי קום איך אויף עליס איילאַנד?

איך בין, איינגנטלעך, געפאָרן צווייטן קלאַס, געפאָרן זענען מיר לאַנג, 14 טעג, די לעצטע נאַכט, אַז מיר זענען צוגעקומען צו ניו־יאָרק, איז געפאַלן אַ געדיכטער שניי. אַזוי ווי ביי אַ שניי איז שווער צו זען, האַלט די שיף אין איין פייפן או

סיגנאַליזירן, כּדי צו וואָרנען די שיפן וואָס קומען אין וועג אַריין. מיט אומגעדולד וואַרט מען אויף דעם ערשטן סימן פון דער יבשה. קיין אויג, פאַרשטייט זיך, צומאַכן איז נישט מעגלעך. נערוועז איז מען געגנוג פון דער לאַנגער רייזע, די שיף שטעלט זיך אָפּ. עס קומט אונז צונטקעגן צופאָרן אויף אַ שיף דער מאַן, וואָס דאַרף די שיף אַריינפירן אין האַפן; אין דרויסן איז נאָך פינסטער, נאָר פון אַלע זייטן ווינקען צו אונז ליכטלעך. אַ פרייִלעכקייט נעמט אַרום און צוזאַמען דערמיט אַ צערייצטקייט און אַ נערוועזישקייט. קוים באַוויזן אויסצוטרינקען אַ טאַסע קאַווע. דער דאָקטאָר שטייט שוין אין גרויסן זאַל און נעמט רעווידירן די פּאַסאַזשירן. דער ערשטער יענקע, וואָס איך האָב געזען, דאָס מוז איך מודה זיין, האָט ביי מיר שטאַרק אויסגענומען: אַ הויכער, שיינער יונג, מיט אַ רוי, אָבער אינטעליגענט פּנים. איך האָב אויף אים אויסגעשטעלט מיינע אויגן און גענומען אים גאַנץ גענוי באַאָבאַכטן. אַ גרוס דיר, יענקע, פון אונזער אַלטער איראָפּע...

אַזוי טראַכטנדיק, האָב איך גאָר נישט באַמערקט, ווי מיין ריי איז אָנגעקומען. איך שטיי פאַר אים. ער קוקט מיך אָן, איך — אים נישט ווייניקער. איין גאָט ווייסט, אַז קיין שלעכטס האָב איך פון דעם פיינעם דזשענטלמען נישט געטראַכט. אדרבא, ער איז מיר נישט-קשהדיק געפעלן. אים אָבער איז די שטומע סצענע פאָרגעקומען פאַרדעכטיק; נישט אַנדערש — איך האָב אַ קלעפּקע אין קאָפּ, איך בין אַ אידיאָט, צי אַ חסר דעה, צי גאָר אַ משוגענער, אָדער אַן אַלקאָהאָליקער.

און ער האָט גענומען רעווידירן מיינע נערוון. אַזוי ווי ער האָט נישט פיל צייט, האָט ער מיך אָפּגעשיקט אויף עליס איילאַנד, מען זאָל מיך דאָרט עקזאַמענירן.

אָט אַזוי האָב איך זוכה געווען צו באַטרעטן דעם אינזל פון טרערן, וואו איך האָב פאַרבראַכט צוויי שעה. און איך באַדויער עס כּלל נישט. עס לוינט אַמאָל אין לעבן צו זיין אַ נומער.

די דאָקטוירים, וואָס האָבן מיך עקזאַמענירט, האָבן מיר פאָרגעלייגט טיפּזיניקע פראַגן:

— וועלכן חודש האָבן מיר היינט?

— יאַנואַר. ענטפער איך אַלס אָפּגעשטאַנענער אייראָפּעער.

— צי איז יאַנואַר אין אָנהויב יאָר, צי צום סוף?

— דאַכט זיך, אין אָנהויב יאָר.

— וויפיל איז עלף און פינף?

— אַן ערך 16, ליבער הער דאָקטאָר, אויב נאָר איך האָב קיין טעות נישט.

בקיצור: איך האָב די קאָמיסיע איבערצייגט, אַז איך קאָן רעכענען, וויפיל 5 און 11 איז, און אַז אינגאַנצן משוגע בין איך נישט. נאָר דערמיט איז נאָך נישט געענדיקט. איצט ערשט בין איך געוואָרן אַ נומער.

נישט קיין וואָרט צו רעדן, ווייזט מען מיר אָן מיטן פינגער אויף אַ צימער. אַהין גיי.

— אַלזאָ, וואָס איז? — פּרואוו איך פרעגן.

— קיין צייט צו ענטפערן, — זאָגט מען מיר בקיצור.

אין דעם צווייטן צימער באַקום איך אַ נומער, און ווי־דער מיטן פינגער. גיי איך אַהיים? בין איך פאַרפאַלן? — פרעג איך ביי דער טיר.

גראָב און אומפאַרשעמט שטויסט מען מיך אָפּ. גיי! אַ נומער דאַרף נישט פרעגן און נישט ענטפערן.

פון דריטן צימער פירט מען מיך מיט אַלע אויף מיטאָג איך האָב נישט קיין חשק צו עסן. עס העלפט נישט. אַ נומער מוז גיין מיט אַלע און מאַכן מיטן מויל מיט אַלע צוזאַמען.

אין האַרצן בין איך געווען רואיק. איך האָב געהאַט מיינע דאָקומענטן, אַז איך פאָר פון דער רעדאַקציע פון „היינט" און דערצו נאָך אַן „עמפּעלונג" צו דעם ה׳ ליפשיץ, דעם ראש פון יידישן קאָמיטעט, וואָס געפינט זיך אויף עליס איילאַנד, כדי צו העלפן די פאַרהאַלטענע. נאָר איך האָב מיינע דאָקומענטן נישט געוואָלט אויסנוצן. אַנו, לאָמיך אָקאָרשט פריער זען, ווי מען עסט דאָס, אַט דאָס עליס איילאַנד.

אָט אַזוי האָב איך מיך בּכבודיק אַרומגעפירט פון צימער צו צימער אין עליס איילאַנד, און איך האָב אָן מי בּאַקומען די געלעגנהייט בּאַלד ביים אָנקומען צו זען די אַמעריקאַנער רויקייט.

נאָר איך בּין געוועז מיד, נערוועז, און די סצענעס פון די נידערגעשלאָגענע עמיגראַנטן, וואָס וואַרטן אויף זייער גורל, אָן צו קאָנען זיך עפּעס דערוויסן, האָבּן מיך שוין צו פיל אַרויסגעבּראַכט פון געדולד, די גראָבּע בּאַהאַנדלונג; דאָס אומ-מענטשלעכע בּאַנעמען האָט שוין צופיל אויפגערעגט. איך האָב אַריינגעשיקט מיין וויזיט-קאַרטע צום ד״ר ליפּשיץ, האָב בּאַוויזן מיינע פּאַפּירן, און אין פאַרלויף פון צען מינוט בּין איך גע-ווען פריי.

איך בּין געפאָרן מיט אַ קליינער שיף פון עליס איילאַנד קיין ניו-יאָרק. מיך האָט מקבּל פּנים געווען די סטאַטוע פון פרייהייט, וואָס שטייט אין מיטן ים. נאָר פון דער צווייטער זייט האָט זיך אָפּגערוקט דאָס טרויעריקע אינזל מיט די טויזנ-טער אומגליקלעכע, וואָס זענען דאָרט פאַרבּליבּן.

וואָסער פרייהייט איז דאָס, וואָס די אַמעריקע גיט? איז דאָס נישט די פרייהייט וואָס זאָגט: „נישט מיין דאגה, שלאָג דיר קאָפּ אין וואַנט!״?

ניין, מענטשן פון עליס איילאַנד פאַרשטייען נישט קיין אמתע פרייהייט, ווייל צו אמתער פרייהייט איז נויטיק מענטשלעכקייט, איז נויטיק אַכטונג צו אַ מענטשלעכער פּערזאָן, און דאָס גראָד האָב איך געזען אין אזא קליינער מאָס, וואָס קאָן זיך מעסטן אפשר נאָר מיט דער מענטשלעכקייט פון אונזערס אַ „גאָראָדאָוואָי״.

ניו-יאָרק סוף יאַנואַר 1912

ניו־יאָרק

פון ים געזען, מאַכט ניו־יאָרק אַ שײנעם און שטאַרקן אײנ־דרוק.

מײן װעג האָט מיך געפירט דורך דער סטאַציע פאַר אימיגראַנטן אויף עליס אײלאַנד. דאָס איז אַ קלײן אינזל אין ים־אויסגוס פון ניו־יאָרק, מער װי די געבײדעס פאַר אי־מיגראַנטן געפינען זיך נישט אויף אים, און עס איז ענג, קײן פּלאַץ אויף קײן נײע געבײדעס איז נישטאָ. דאָס גאַנצע אינזל פאַרנעמט נישט מער, װי דעם שטח פון עטלעכע הײזער. פון עליס־אײלאַנד פירט אײך אַ קלײנע רעגירונגס־שיף אומזיסט צו דער „סאָוט־פעררי", דעם שפּיציקן עק פון ניו־יאָרק, װאו דער טײך האָדסאָן קומט זיך צוזאַמען מיטן שמאָלן כאַס ים, דעם איסט־ריװער, װאָס ליגט אויף מזרח־זײט פון דער שטאָט.

און האַרט בײ דער „סאָוט־פעררי" ליגט דאָס האַרץ פון ניו־יאָרק, דער האַנדלס־טײל פון דער שטאָט, די גרעסטע קאַנ־טאָרן און געשעפטן. דאָס איז די אַלטע שטאָט, דער „דאַון־טאַון" (די חינטערשטע שטאָט), װי מען רופט עס דאָ. געבױט אָן פּלאַן איז דער טײל שטאָט, מיט שמאָלע און קרומע גאַסן, און בשעת דאָס נײע ניו־יאָרק, דער „אַפּ־טאַון" איז אויסגעבױט, װי אַ שאַך־ברעט, מיט רעגלרעכטע קעסטעלעך, און אַנשטאָט נעמען, האָבן די גאַסן נומערן, אַזוי אַז איר קאָנט קײנמאָל נישט בלאָנדזשען און דאַרפט כמעט קײנמאָל נישט פרעגן קײן

גאַס, — איז דאָס אַלטע ניו־יאָרק קאַפּריזנע געבויט און גאָר נישט אַמעריקאַניש, דאָס מיינט מען, נישט פּראַקטיש און נישט באַקוועם. די באַרימטע „וואָלסטריט“, די גאַס פון די גרויסע מיליאַרדן־בענק, וואָס אין אירע הענט ליגט די ממשלה איבער אַמעריקע, איז נישט מער, ווי אַ שמאָל ענג געסל, וואָס זעט קיינמאָל נישט אָן אַ ליכטיקן שטראַל פון דער זון. הויכע „וואָלקן־קראַצער“ (דער אַמעריקאַנער רופט זיי הימל־קראַצער — די וואָלקן זענען אים ווייניק) שטייען, ווי שווערע, פינסטערע בערג פון ביידע זייטן, און עס גלוסט זיך אייך אַפילו נישט צו פאַררייסן דעם קאָפּ, כדי זיי אָנצוקוקן ביז אין דער הויך. עס איז טונקל, און דאָ און דאָרט זעט איר אין מיטן טאָג אַן עלעקטרישע לאָמפּ אַרויסשייַנען פון אַ פענסטער. דער „עלע־וויטאָר“ (די הויך־באַן) שניידט דורך דעם טייל שטאָט אין משונהדיקע זיגזאַגן, און דאָס געקלאַפּ און גערויש פון די רע־דער, דאָס פינסטערע, פאַרזשאַווערטע אייזן־געשטעל, איבער וועלכן די צוגן לויפן — אַלץ צוזאַמען איז זייער וייט פון צו מאַכן אַן עסטעטישן איינדרוק.

אָבער פון ים געזען, באַקומט זיך גאָר אַן אַנדער בילד.

נאָך אַ לאַנגער רייזע אויפן ים, שטענדיק באַוועגט, שטענדיק געשאָקלט, קוקסטו מיט פאַרגעניגן פון וויטן אויף די שטיינערנע ריזן, וואָס שטייען אַזוי פעסט און סאָליד דאָרט, אויפן ברעג, וואו עס הויבט זיך ענדלעך אָן די זיכערע יבשה, דער אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

אַמעריקע! — אָט איז עס, דאָס וואונדערלאַנד.

און די שטיינערנע ריזן ווערן נענטער און נענטער. איר נעמט ציילן די שטאָקן: איינס, צוויי... צען, עלף, און איר זענט אייך טועה, און הויבט אָן אויפסניי. אַרום אייך לויפן קלענערע און גרעסערע שיפן, וואָס האַלטן אין איין פייפן און סיגנאַלי־זירן, הינטער אייך האָט איר די געביידעס פון דער וועלט־תפיסה, פון דער וועלט פּרואוועניש — עליס־איילאַנד, און אָט פאָרט איר דורך די באַרימטע „סטאַטוע פון פרייהייט“, אַ ריזיקע פרויען־פיגור, וואָס געפינט זיך אויף אויף אַ באַזונדער אינזל,

נאָך אַ קלײנערס, ווי עליס איילאַנד. די דאָזיקע געטין פון פריי־
הייט שטייט ביי דעם טויער פון אַמעריקע; זי איז אַ געשאַנק
פון דער פראַנצויזישער רעפובליק צו דער שוועסטער־רעפובליק
פון דער צווייטער זייט אוקינוס. מען האָט זי פיל באַזונגען,
יעדער ניו־יאָרקער, אַז ער איז מקבל־פּנים דעם „גרינעם", ווייזט
אים אָן אויף איר: נאַ, זע! ביי אונז איז נישט, ווי אין איי־
ראָפּע, ביי אונז איז פרייהייט. זעסט, ווי זי שטייט דאָרט מיט
דער פריי אויסגעשטרעקטער האַנט! דאָס הייסט — דערקלערט
ער אים באַלד, כדי מקיים צו זיין די מצווה פון „אויסגרינען
אַ גרינעם": „דהי סטאַטשו אָוו ליבערטי". און ער קוקט דער־
ביי מיט שטאָלץ און זעלבסטצופרידנהייט דעם אָנגעקומענעם
אין די אויגן אַריין.

אָבער איך מוז בעטן מחילה ביי דעם פּאַטריאָטיזם פון
דעם אַמעריקאַנער יידישן בירגער, אויב די סטאַטוע פון פריי־
הייט האָט ביי מיר נישט אַרויסגערופן קיין שום אַנטציקונג.
איינמאָל בין איך געפאָרן קיין אַמעריקע זען לעבעדיקע מענטשן
און לעבעדיק לעבן, נישט קיין סטאַטועס און נישט קיין סימ־
באָלן, נישט אַפילו קיין געדאַנקען און פרייהייטס־אידעען, וואָס
איך, ווי יעדער אינטעליגענט, ברענגען מיט זיך מיט פון איי־
ראָפּע אַ גאַנצן באַגאַזש. צווייטנס, בין איך אַ סקעפּטיקער בטבע
און גלויב נישט אין קיין צוזאָגן אַפילו פון אַ קופּערנער געטין
אין מיטן ים, און דריטנס... בין איך דאָך געפאָרן פון עליס
איילאַנד, פון דעם דאָזיקן אינזל פון טרערן, וואו איך האָב
אויסער זיפצן, דאַכט זיך, גאָר נישט געהערט, און אויסער יאוש
און קבר־פאַרצווייפלונג, דאַכט זיך, גאָר נישט געזען; וואו
מענטשן ווערן באַהאַנדלט, ווי די שאָף, וואו מען הייסט דעם
אימיגראַנט זיך אויסטון דאָס העמד און מען באַטאַפּט אים די
מוסקולן, ווי ווען ער וואָלט געוועזן אַ פערד צו פאַרקויפן...
אין מיין נאָז האָט נאָך געקלעפּט דער ריח פון קאַרבאָל, מיט
וועלכן דאָס גאַנצע קליינע אינזל, דאַכט זיך, איז באַגאָסן;
פאַר מיינע אויגן האָט נאָך געשוועבט דאָס בילד פון אַ יונג
פאָרפאָלק (גראָד דייטשן), מיט בלאַסע פּנימער, מיט רויטע

נישט אויסגעשלאָפענע אויגן, זי אָנגעלענט דעם קאָפּ אויף זיי'
אקסל, ער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ: אַכט דאָלאַר האָט זיי
אויסגעפּעלט צו דער גויטיקער סומע; זיי האָבן אָנגעגעבן, אַז
זיי װעלן פאָרן קיין שיקאַגע, זענען זיי שוין דאָ פאַרהאַלטן
אין די ביינאַכטיקע שטייגן זעקס טעג, און װאַרטן, װאַרטן
אויף אַ קרוב, אַ גואל...

און אַט, דער איינדרוק פון די דאָזיקע און הונדערטער ענלעכע לעבעדיקע בילדער איז געװען שטאַרקער פון דעם איינדרוק פון דער קופּערנער געטין. און די באַציאונג פון די באַאמטע אויף דעם אינזל! עס שטייט אפילו געשריבן װייס אויף שװאַרץ אויף געדרוקטע פּלאַקאַטן, אויפגעהאָנגען ביי די טירן, אַז די אימיגראַנטן דאַרפן מענטשלעך באַהאַנדלט צו װערן. אָבער װיפיל איך האָב געזוכט צו באַמערקן די „מענטשלעכקייט”, האָב איך זי נישט געפונען. ניין! נישט דאָ, אויף עליס איילאַנד איז דאָס אָרט צו זוכן מענטשלעכקייט. אַ קליינער ביישפּיל: איך האָב געװאָלט אַריינשיקן מיין קאַרטע צו ד״ר ליפשיץ, װאָס זיצט דאָ, אין דעם יידישן אימיגראַנטן־ביוראָ אויף עליס איילאַנד. איך האָב מיך געװענדט צו יעדן באַאַמטן, װאָס איך האָב געזען, ער זאָל מיר די קאַרטע באַזאָרגן, אָט דאָ, צום צװייטן צימער. קיינער האָט מיך נישט געװאָלט אויסהערן, עט־לעכע האָבן מיך נאָך גראָב מיט דער האַנט אָפּגעשטויסן פון זיך.

אַז מען רעכנט איבער, אַז די באַאַמטע זענען נישט מער, װי מענטשן, אַז דורך זייערע הענט גייען דורך טאָג־איין טאָג־אויס טויזנטער אימיגראַנטן, און זיי װערן געװױנט צו זייער מלאכה, װי אַ קרבן צו מתים, איז דערקלערלעך, װי אַזוי דער מענטשלעכער מאָמענט פאַרשװינדט אינגאַנצן ביי זיי, און זיי הערן אויף צו זען אין די אימיגראַנטן מענטשן, און זעען נאָר נומערן. יאָ, דערקלערלעך, אָבער נישט צו אַנטשולדיקן. דער צוזאָג פון דעם ניי־געװיילטן פּרעזידענט װילסאָן, אַז ער װעט זען, די אימיגראַנטן זאָלן באַהאַנדלט װערן מענטשלעך, איז דעריבער גישט אָן באַדייטונג.

פרייהייט! — דאָס איז, אייגנטלעך, אַזאַ אומבאַשטימטער באַגריף. די באַרימטע פרייהייט פון דער שווייץ, האָט מיר איינער אַ געניטער רייזנדער דערקלערט, איז די פרייהייט פון געסט אין אַ קאַפּע־הויז, ווייל דאָס גאַנצע לאַנד באַטראַכט זיך פאַר אַ גרויסן פּענסיאָן, און די פרייהייט איז געמאַכט נאָר צו באַקוועמלעכקייט פון די געסט, ווי לאַנג זיי צאָלן. אין תּוך אַריין אָבער איז דער שווייצער זייער ענג־האַרציק צו דעם פרעמדן, און דער פּרינציפּ פון פרייהייט, אַלס אַ מענטשלעך געהייליקט רעכט, וועט ער צו אים נישט אָנווענדן.

און אַז עטלעכע טעג נאָך מיין אָנקומען קיין ניו־יאָרק האָט מיך דער רעדאַקטאָר פון דער „פרייע אַרבעטער־שטימע" גענומען אויפן פאַרהער, דאָס הייסט אינטערוויואירן, כּדומה למשל: ווי איך „גלייך" אַמעריקע? — האָב איך מיך וועגן דער פרייהייט אויסגעדרוקט גראָב, נישט מיט גרויס אַנטציקונג:

— אייער פרייהייט? — דאָס איז די פרייהייט פון „שלאָג דיר קאָפּ אין וואַנט, נישט מיין באָבעס דאגה", אָבער נישט די פרייהייט, וואָס שטאַמט פון אַ העכערער מאָראַלישער באַציאונג צו דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט און אירע רעכט. די ריכטיקע פרייהייט שטעלט זיך אָפּ פאַר דעם מענטש, ווי פאַר אַ ווירדיק וועזן, מיט רעספּעקט, און איידער זי גייט צו צו אים, באַלייגט זי עס זיך גוט; ביי אייך קוקט מען אַוועק פון מענטשן מיט גלייכגילטיקייט און טעמפּן געפיל: „זאָל ער לויפן און ברעכן דאָס געניק. אויך מיר אַ וועזן!".

די ווערטער, איך מוז מודה זיין, זענען געווען אַביסל צו שאַרף געזאָגט, און געוויינלעך האָב איך מיך מיט דער צייט צוגעוויינט צו דער אַמעריקאַנישער פרייהייט, און זי האָט מיר גאַנץ גוט געשמעקט. עס איז דאָך סוף־כּל־סוף אָנגענעם דורכצושלאָפן רואיק אַ נאַכט, וויסנדיק, אַז איך וועל פון קיינעם נישט זיין געשטערט; איינצוקוואַרטירן דעם זינדיקן גוף, וואו די ווילסט, און דערביי נישט אָנמעלדן דער פּאָליציי; צו הערן אַ פאַרזאַמלונג אין דער גאַס א. א. וו.

פונדעסטוועגן, וואָס אָנבאַלאַנגט די פרייהייטס־באַגריפן פון

דעם דורכשניטלעכן ניו־יאָרקער (און דאָס הייסט נאָך נישט דער אַמעריקאַנער, ווייל געבוירענע אַמעריקאַנער ציילט ניו־יאָרק נישט קיין העלפט פון איר באַפעלקערונג) זענען מיינע ווערטער נישט אַזוי ווייט פון אמת. אַ ראיה: דער זעלבער רעדאַקטאָר, אַלס אַן עקסטער ראַדיקאַל, האָט צו מיין מיינונג מסכים געווען, און האָט אין זיין צייטונג מיך רעקלאַמירט, אַלס אַ גאַסט אויף אַ ווייל, וואָס זעט אויף אַ מייל.

די אַגיטאַציאָנס-בודע

אַ ביידל פּאָרט אויף דער עסעקס-סטריט, אין סאַמע געדיכטן פון יידישן צענטער, צוגעשפּאַנט צו אַ קליאַטשע. דאָס ביידל האָט נאָר צווי גרויסע ווענט, פון הינטן און פון פאָרנט איז עס אָפן, און קיין דאַך איז נישטאָ, די ווענט זענען באַשריבן מיט גרויסע יידישע אותיות:

— „העלפט די בעקער אין זייער קאַמף, דען זייער קאַמף איז אייער קאַמף, און זייער זיג איז אייער זיג".

אין דער הויך איז דאָס ביידל באַהאָנגען מיט אַ רויטער פון, און די פּאַפּירענע לאַמטערנס, וואָס לייכטן, זענען קאָפּיעס פין דער „יוניאָן-לייבל".

אַ „יוניאָן לייבל" איז בסך הכל אַ קליין שטיקל פּאַפּיר, מיט דעם צייכן פון דער „יוניאָן" (געווערקשאַפט); דאָס ווערט אויפגעקלעבט אויף יעדן ברויט, אַלס אַ צייכן, אַז דאָס ברויט האָבן געבאַקן אָרגאַניזירטע אַרבעטער. דריי „באָסעס" (באַלעבאַטים, אונטערנעמער) האָבן זיך דעם ווינטער צעבונטעוועט, און ווילן בשום אופן דאָס „יוניאָן-לייבל" נישט צוקלעבן. מיט אַנדערע ווערטער הייסט דאָס: די דאָזיקע „באָסעס" אָנערקענען נישט די יוניאָן און וואַרפן זיך איר נישט אונטער. אַ גאַנצן ווינטער קאָכט עס שוין מיט דעם שטרייק; טאָג-איין טאָג-אויס ווערט אין „פּאָרוועטס" אַגיטירט; די דריי „באָסעס" ווערן יעדן טאָג אָנגערופן מיט זייערע כשרע נעמען אַזוי, אַז איך

קאָן די נעמען שוין פון אויסנווייניק, ווי, למשל, די ווערטער: „שתו יין כרמל", די „באָסעס" זענען איינגעשפּאַרט און האָבן זיך, קענטיק, פאַרגענומען צו קעמפן מיט אַלע מיטלען, כדי צו צעברעכן די מאַכט פון דער יוניאָן. די אַרבעט ווערט געטון דורך „סקעבס" (שטרייק-ברעכער), און מיר אויפן אויער האָט איינער איינגערוימט, אַז די דאָזיקע „סקעבס" דאָס זענען קיין אַנדערע נישט — ווי די זעלבע בעקער, וואָס האָבן אין די בעקערייען געאַרבעט ביז פאַרן שטרייק. זיי האָבן נישט געוואָלט, אָדער נישט געקאָנט פאַרלירן זייער פּרנסה. סיי-ווי-סיי, דער קאַמף איז אַ האַרטער, די דריי „באָסעס" זענען שוין באַפאַלן מיט פּאָליסלייט און „דעטעקטיווס" (געהיים-פּאָליציי) דעם לאָקאַל פון דער יוניאָן, זוכנדיק אַן אַרבעטער, וואָס האָט צעשלאָגן אַ „סקעב". ס'איז אַרויסגעקומען אַ געשלעג מיט די פאַרזאַמלטע, און דאָס געריכט האָט די אַרבעטער פרייגעשפּראָכן. פון דער זייט פון די אַרבעטער ווערט האַרטנעקיק, אַגיטירט, דער עולם זאָל נישט עסן קיין ברויט אָן „יוניאָן-לייבל".

און צו דעם צוועק שלעפּט זיך דאָס איצט די אַגיטאַציאָנס-בודע אויף דער איסט־סייד.

זי שטעלט זיך אָפּ פאַר דער נייער צוועלף-גאָרנדיקער געביידע פון דער יידישער סאָציאַליסטישער צייטונג „פאָרווערטס", אויף דער איסט-בראָדוויי.

אין ביידל וועט איר זען פינף מענטשן: דריי רעדנער און צוויי כלי-זמרים, איינער אויף אַ פידל, דער צווייטער אויף אַ טראָמפּייט. פון די רעדנער טראָגט איינער אַ סאָלידן צילינדער, איינער זעט אויס, ווי אַ רוסישער אינטעליגענט, אַ דריטער זעט אויס צו זיין אַן אַמעריקאַנער „באָי" (יונג): ראַזירטע וואָנסעס, שטאַרק געבויט, אַ גלייכער קערפּער.

דאָס ביידל שטעלט זיך אָפּ, די כלי־זמרים שפּילן אויס די „מאַרסעליעזע".

ס'איז אַכט אַזייגער ביינאַכט, דער עולם איז שוין לאַנג צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, האָט שוין געגעסן וועטשערע

און שפּאַצירט אַרום אין די גאַסן: בחורים מיט מיידלעך און סתם ליידיקגייער.

די פּאַרלעך זענען פאַרנומען און שענקען דעם ביידל קיין האָר אויפמערקזאַמקייט נישט. דער ליידיקגייער קומט צו פויל און פאַמעלעך און קראַצט זיך הינטערן אויער. די קינדער זענען פאַרנומען מיט צינדן פייערן אין מיטן די גאַסן, פון פּאַפּירן, ברעטלעך א. ד. גל., וואָס זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אין פאַרלויף פון גאַנצן טאָג אויפן גאַס. דאָס איז זייער מלאכה דאָ יעדן אָוונט, און קיינער וואַגט נישט זיי צו שטערן.

אַפילו נישט דער פּאָליסמען, וואָס איז אין דער מדינה א גרויסער תקיף, טאַקע דערפאַר, וואָס ער איז א געזונטער יונג, מוז וועגן אַן ערך 200 פונט, און האָבן שטאַרקע מוסקולן, ער זאָל קענען ברעכן א ביין.

פאַרן פּאָליסמען, פאַר זיין האַנט, הייסט עס, האָבן אַלע מורא, אויסער קינדער און טראָגעדיקע ווייבער. די דאָזיקע צוויי מינים זענען אין אַמעריקע אַזאַ קדושה, וואָס מען דאַרף נישט אויפהויבן אויף זיי קיין האַנט.

וואָס דאַרפט איר מער? — ביים גרויסן לאָוריענסער שטרייק, וואָס גאַנץ אַמעריקע האָט מיט אים געקאָכט, האָבן טראָגעדיקע ווייבער און קינדער זייער פיל געהאָלפן צום נצחון פון די אַרבעטער: מען האָט גענומען די שטרייקערס קינדער און צעשיקט זיי אויף קעסט אין אַלע שטעט, אַזש ביז ניו-יאָרק. אין יידישע הייזער אַריין האָבן דערגרייכט קליינע איטאַליענערלעך. און דאָס האָט געמאַכט א שטאַרקן איינדרוק. און די טראָגעדיקע ווייבער האָבן זיך געשטעלט אַלס „פּיקעטס" (א וואַך) און לאָוריענס גופא, אָפּצוהיטן די „סקעבס" און זיי צו מוסרן. די פּאָליסלייט און דאָס מיליטער האָבן געזען און געקריצט מיט די ציין.

קורץ: די קינדער האָבן עפּעס וויכטיקערס צו טון. אָבער פון ליידיקגייער און „גרינע" אַליין מאַכט זיך א רעדל אַרום דעם ביידל, פון וועלכן די מוזיק קלאַפּט אַרויס.

אָפּגעשפּילט די „מאַרסעליעזע", נעמט דער מיטן צילינדע

אַ סיפאָן סאָדע־וואַסער, וואָס מען פירט מיט אין ביידל אַ האַלב סיץ, טרינקט און נעמט רעדן.

ער רעדט אין דער גאַס אַריין, דאָס רעדל מענטשן ווערט גרעסער.

זאָל איך איבערדערציילן די דרשה? — עס לוינט נישט. פאַר עטלעכע יאָר, אין די הייסע טעג, האָט איר אַליין גענוג אָנגעהערט אַזעלכע דרשות. דער עולם דאָ איז אויך שוין צו־געוווינט צו די רייד. מען הערט דעם רעדנער נישט אַזוי אויפ־מערקזאַם; ווען נישט זיין געזונטע ברוסט צו שרייען הויך, און די סיפאָנעס סאָדע־וואַסער, מיט וועלכע ער שווענקט דעם האַלז, וואָלט ער גאָר קיין איינדרוק נישט געמאַכט.

אַז ער ענדיקט, גיט ער אַ צייכן די כּלי־זמרים אויפצושפּילן די מוזיק.

עס קלינגען אין דער גאַס די פרייע שטאַרקע טענער פון דעם פראַנצויזישן רעוואָלוציאָנערן ליד, נאָר דער עולם כאַפּט נישט אונטער.

דער עולם איז נישט גענוג אָנגעוואַרעמט, דער מיטן צי־לינדער פאַרשטייט, קענטיק, אַז ער האָט געהאַט אַ טעות, און הייסט דער מוזיק אָפּהאַקן אין מיטן.

דער יונגערמאַן מיטן שוואַרצן בערדל, וואָס האָט דעם אויסזען פון אַ רוסיש־יידישן אינטעליגענט, פאַרנעמט זיין פּלאַץ אין דער בודע, ער האָט נישט קיין גאָר געזונטע ברוסט און שווענקט נישט אַזוי פיל דעם האַלז, דערפאַר אָבער רעדט ער צו דער זאַך, אַ שיינע, געלאַסענע און ערנסטע רעדע וועגן דעם קאַמף פון די אַרבעטער בכלל, וועגן דער לאַגע אין אַמע־ריקע, וועגן אַמעריקאַנער געריכטן, וואָס די רייכע מאַגנאַטן האָבן אויף זיי אַזאַ גרויסע ווירקונג א. אַ. וו. איך ווייס נישט, ווי די רעדע האָט אויסגענומען ביים עולם, מיר איז זי געפעלן געוואָרן, און איך האָב זי געהערט אויפמערקזאַם.

אַז ער האָט געענדיקט, האָבן זיך געהערט איינציקע „בראַוואָס”, די מוזיק האָט ווידער אויפגעשפּילט, אינגאַנצן צוויי־דריי פון עולם האָבן שטיל אונטערגעכאַפּט די מעלאָדיע.

דער עולם איז אַלץ נאָך נישט אונטערגעוואָרעמט, ווי געהעריק.

„סטאָפּ!“ די מוזיק ווערט ווידער איבערגעריסן אין מיטן. איצט מוז דער דריטער ראַטעווען די לאַגע.

דער געזונטער „באָי“ מיט אַ פּנים, וואָס דריקט אויס אַ שפּאָר ביסל חוצפּה, גייט אַרויס אויף דער פּלאַטפאָרמע מיט אַן אַרויסגערוקטער ברוסט, און מיט די הענט פאָרויס, ווי ער וואָלט זיך גרייטן צו „פייטן“ (שלאָגן זיך אויף פויסטן).

שרייען קאָן ער, און דערצו מיט אַ וויינענדיק קול, און אַ חוצפּה האָט ער צו רעדן פאַר פייער און פאַר וואַסער, און אַ וואָרט צו אַ וואָרט זאָל זיך נישט קלעבן. ער האַקט, ווי אין קרויט אַריין:

לאָוריענסער שטרייק, „בייביס“ (פּיצעלעך קינדער) געהרגעט, עופּעלעך געשאָכטן, געראַבעוועט, צעקיילט, צעבלוטיקט, טייכן אין די גאַסן, צעריסענע קישנס, צעטראָטענע קערפּער, אָפּגע־ריסענע גלידער, קישינעוו, פּאָגראָמען, סיביר...

ווי אַזוי ער איז פאַרפאָרן פון בעקער־שטרייק און פון לאָוריענס אַזש קיין קישינעוו און סיביר, צי דורך קאַנאַדע, צי דורך דעם אָקינוס, זיצנדיק אין דער דאָזיקער בודע, צוגע־שפּאַנט צו דער קליאַטשע, וואָס איז נעבעך געשטאַנען פאַר־שעמט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ — דאָס איז אַ רעטעניש.

און אַז ער האָט געענדיקט, איז דער עפעקט געווען גע־וואַלטיק גרויס. דער גאַנצער פּלאַץ אַרום און אַרום האָט גע־הילכט פון די בראַוואָס.

און די כּלי־זמרים האָבן אויפגעשפּילט די מוזיק, און דער עולם האָט אונטערגעכאַפּט און געזונגען הויך אויפן קול.

די קליאַטשע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

„וויאָ!“ און די דעמאָנסטראַציע, זינגענדיק, האָט זיך גע־לאָזט גיין ווייטער.

צווײ דורות

עס איז אויף דער איסט־סײד, אַז איר גײט דורך די פּילעני־סי, גרענד־סטריט, באָרפּאַלק, עסעקס א. א. ח. זײער ײדיש און ײדישלעך.

שרײענדיקע שילדן מיט גרויסע ײדישע אותיות: „מקוה כשרה לכל בנות ישראל", „בית המדרש הגדול", „מואָווינג פּיק־טשערס" (קינעמאַטאָגראַף) און אין מיטן דערין ד"ר זשיטלאָווסקיס אַ פאָרלעזונג, וויסאָצקיס טײ, כרמל־װײן, ײדישע צײטונגען, קראָמען, בילדלעך, טישלעך און ײדישע שוך־פּוצערס.

ײדן האַנדלען און װאַנדלען און יאַרידעווען.

די טישלעך זענען פול מיט אַלערלײ ײדישע סחורות: קעמלעך, מעסערלעך, שנוראָװאַדלעס, העמדער און טיכלעך, אַלץ, פאַרשטײט זיך, בחצי־חנם, און אויב איר װאַרפט אַן אויג אויף אַזאַ טישל, װעט ניט לאַנג געדויערן, ביז מען װעט אים אָנכאַפּן פאַרן לאַץ. ײדענעס קריגן זיך און שטעלן זיך, און — ניט קשה: אַמעריקע איז טאַקע אויף יענער זײט אוקינוס, און פונדעסטװעגן, אַז ײדישע װײבער קומען דאָ אַרײַן אין כעס רײסן זײ זיך פאַר די האָר ניט ערגער װי אין שניפּישאָק, אין דער פּאָליסמען שטײט אין דער זײט און קוקט — ניט זײן דאגה. אַז מען פרעגט אים ניט, ענטפערט ער ניט.

עס איז דאָס האַרץ פון דער יידישער געטאָ. די מענטשן וואָס וואוינען דאָ האָבן זיך איינגעריכטעט אַ שניפּישאָק און אַן איישישאָק, האָבן זיך זייער „סאָסייעטי", וואָס שטיצט זיי אין פאַל פון אַ קרענק, וואָס פאַרזאָרגט זיי ביים לעבן מיט אַ חזן אין שול און נאָכן טויט — מיט אַ שטיקל קרקע. און די דאָזיקע „סאָסייעטי" (חברה) פון „אַנשי בני האָצעפּלאָץ", אָדער „אַנשי בני יריהאָמאָווקע אינדעפּענדענט" (אומאָפּהענגיק) האָט אַ גבאי ראשון און אַ גבאי שני, נישט מער, וואָס דאָ הייסט דער גבאי ראשון — פּרעזידענט, דער גבאי שני — וויס־פּרעזידענט, און זיי קיניגן ביידע צוזאַמען אויף דעם „ספּעשעל־מיטינג" (ספּעציעלע פאַרזאַמלונג). עס איז פיל מער אָרדענונג ווי אויף אונזערע אַסיפות. און די דאָזיקע „סאָסייעטיס" הערשט אַביסל צערעמאָניאַל, וואָס איז אַהער איבערגעטראָגן געוואָרן פון די אָרדנס. דער „ברודער פּרעזידענט" זיצט אויף זיין שטול אין דער הויך אויף אַן עסטראַדע און פאַר אים — אַ קליין טישל אין אַ האַמער; אַנטקעגנאיבער, אויף דער צווייטער זייט זאַל, זיצט ברודער „וויס־פּרעזידענט" אויך אויף אַ כסא־שלמה, הויך איבערן עולם. ווערט אַביסל אומרואיק, גיט דער פּרעזידענט אַ קלאַפּ מיטן האַמער און רעדט אַריבער אויף דייטשמעריש.

„ברודער וויס־פּרעזידענט! קענטען זי נישט האַבען די אָרדנונג אין אירען ווינקעלע האַלטען קענען וואָלען?"—

רופט זיך אָן דער האַמער פון דער צווייטער זייט זאַל און דורך דעם רויך פון די סיגאַרן טראָגט זיך דורך די שטים פון ברודער וויס־פּרעזידענט.

„ברודער פּרעזידענט! איך האַבע די ברודער צום אָרדנונג גערופען אין מיינעם ווינקעלע געטהאַן".

און עס איז שטיל, און מען רעדט צו דער זאַך, מען ברעכט זיך אַביסל די צונג אויף דייטשמעריש, צום סוף אָבער פאָרט מען אַרויס אויף מאַמע־לשון.

אויף דער גאַס איז מען אָבער נישט פייערלעך. יידן קיין עין־הרע, איז דאָ אַסך, און גאָט זיי דאַנק, מען מאַכט

אַ לעבן. יאַרידעוועט מען און מען קאָכט זיך, נישט נאָר מיט יידיש לשון, נאָר מיט אַלע יידישע תּנועות, פּוילישע און גאַליציאַנער זינגען אונטער, ליטוואַקעס סווישטשען מיט דער „סמך", און עס גייט אַ גאַנג.

דער דאָזיקער מין יידן, וואָס איר זעט דאָ, צווישן פּילענסי און איסט־בראָדוויי, האָבן זיך פיל נישט געענדערט. נישט אינערלעך, נישט אויסערלעך.

און אויף נאָרפאָלק־סטריט, אָט דאָ אין סאַמע רעכטן געדיכטן, שטייט אַ ריזיקע געביידע — די „פּאָבליק סקול" (די פּאָלקס־שול), און דריי אַזייגער, ווען איר גייט דאָ דורך, וועט איר זען, ווי עס שיטן זיך אַרויס יידישע יינגלעך און מיידלעך, קליין און גרויס, און איר וועט זיי בשום אופן נישט דערקענען, אַז דאָס איז דער צווייטער דור פון אָט די יידענעס און יידן.

געזונטע „באָיס" (יינגלעך) און „גוירלס" (מיידלעך) מיט מוסקולן מיט אויפגעהויבענע קעפּ, האַרטע פּנימער און פרעכע פרייע אויגן, און עס רעדט ענגליש־אַמעריקאַניש.

די „פּאָבליק־סקול" — דאָס איז דאָס שטאַרקסטע און סאָלידסטע, וואָס דער שטאַט האָט דאָ באַשאַפן. גוט אַוועקגעשטעלט, אומזיסט, אַפילו ביכער ווערן געגעבן בחנם, עכט דעמאָקראַטיש לויטן גייסט, מיט אַ גרויסער ליבע צו קערפּערלעכער דערציאונג. אויב אַמעריקע איז אַ שמעלץ־מאַשין פאַר פעלקער און ראַסעס, וואו זיי ווערן איבערגעקאָכט און איבערפאָרמירט, איז די „פּאָבליק־סקול" די פאָרם, וואו אַהין דאָס צעשמאָלצענע מענטשן־מאַטעריאַל ווערט אַריינגעגאָסן און קומט אַרויס מיט אַ אַן אַמעריקאַנער צורה.

אָט דאָס יונגוואַרג לאָזט זיך אַרויס אויפן „סאַוּרד־פּלעס", וואו מען שפּילט פוטבאָל און מען לויפט און מען פייט, און אַרום שטייען די עלטערן און קוקן, ווי יענע הון, וואָס האָט אויסגעבריט ענטישע אייער, בשעת זי האָט געזען אירע קינדערלעך אָפּשווימען אויפן וואַסער.

איך וויל די לעזער נישט מאַכן פּעסימיסטיש, דער צוויי-

טער דור יידן איז גאנץ ווייט פון אסימילאציע. קודם-כל, אן ערך 75.000 יידישע קינדער אין ניו-יאָרק, ווי מיך האָט פאַרזיכערט אַ מענטש, וואָס שטייט נאָענט צו דער „קהלה", וואָס האַלט זיך ערשט ביים אָרגאַניזירן — באַזוכן „תלמוד-תורות" נאָכמיטאָג. די ראַדיקאַלע קרייזן, פון דער אַרבעטער-מאַסע, וואָס שיקט נישט די קינדער אין די תלמוד-תורות, אסימילירן זיך אויך נישט. אַזאַ אַמעריקאַניזירטער בחור וועט צעשלאָגן דאָס פנים דעם ערשטן בעסטן איירישן, וואָס וועט שימפן יידן. ער ווייסט אַז ער איז אַ ייד, און שעמט זיך וויניקער דערמיט, ווי ביי אונז, אָבער דאָס זענען אַנדערע יידן. עס איז גאָר אַ נייער טיפ, אי אויסערלעך, אי אינערלעך, און וואָס דער דור וועט זיין — דאָס קאָן שוין קיינער נישט פאָרויסזאָגן.

על פי רוב גאָר ווערט דער אַמעריקאַניזירטער בחור אָדער מיידל צוריק אַריינגעשלעפּט אין יידישן לעבן אריין, גאָך דעם ווי ער ענדיקט די „פּאָבליק-סקול", אָדער גאָר די „היי-סקול", (העכערע שול), דער כוח פון דעם גרויסן יידישן קיבוץ ציט אים צו זיך, ער לעבט צווישן יידן און רעדט אַפילו יידיש, כאָטש מיט אַן ענגלישן אַקצענט און מיטן ענגלישן סינטאַקסיס.

עס איז מיר אויסגעקומען צו רעדן מיט אַזוינע עקזעמפּלאַרן יידיש. די אינטעליגענץ ווייסט דאָ נישט פון דער נאַרישער געוויינהייט צו שעמען זיך מיט יידיש, דער דעמאָקראַטיזם פון לאַנד און די פרייהייט האָבן געבראַכט דערצו, אַז איר וועט אייך טרעפן מיט דאָקטוירים, אינזשיניערן, וואָס פאַרנעמען גרויסע רעגירונגס-שטעלעס, מיט „דזשאָדזשס" (ריכטער), און איר וועט מיט זיי אָפּפלוידערן גאַנצע שעהן יידיש. און אָט דאָס האָב איך געהערט פון די אַמעריקאַניזירטע, וואָס זענען געבוירן און דערצויגן אין דעם לאַנד, פראַזן, וואָס האָבן מיר אויסגעזען ווילד: „איך בין גייענדיק", „אַלע די קינדער" „איך וויל צו גיין". אַנשטאָט „איך גיי", „אַלע קינדער", „איך

וויל גיין", די ענגלישע שפּראַך איז דאָ שולדיק, פון וועלכע די פּראַזן זענען ווערטלעך איבערזעצט.

אָט אַזוי אומגעקערט איז די לאַגע איצט. דער נייער דור איז ווייט־ווייט פון דעם ערשטן, האָט אַנדערע געוווינ־הייטן, אַן אַנדער לשון אין מויל און אַן אַנדער פּנים אפילו. אויב מען זאָל גלויבן אַן אַמעריקאַנער אַנטראָפּאָלאָג־סאָציאָלאָג ענדערט זיך אַפילו דער גאַנצער טיפּ, ווי די אויסמעסטונגען פון די קעפּ זאָלן דאָס האָבן באַוויזן, אָבער — "וואָס מיר, זענען, זענען מיר, אָבער יידן זענען מיר", דאָס איז אַ נייער טיפּ פון אַ ייד, מענטשלעך זייער געזונט, קערפּערלעך ווי גייסטיק, נאַציאָנאַל — אַ גרויסע פראַגע־צייכן.

די קומענדיקע צענדליקער יאָרן וועלן אפשר קענען אַן ענטפער ברענגען אויף דעם פראַגע־צייכן....

* * *

צום ענד אַ קליינער אַנעקדאָט, וואָס וועט אייך אילוסטרירן דעם דאָזיקן תהום, וואָס ליגט צווישן די צוויי דורות.

איך האָב אַ באַקאַנטן דאָקטאָר־מעדיצין, וואָס איז אויך אַ יידישער ליטעראַט, אַ ייד פון יידנלאַנד, אַ ייד מיט דער יידישער פראַגע, וואָס איז געווען שוין אין ארץ־ישראל און האָט ליב העברעיש און איז אַ גרויסער אַפּיקורוס — קורץ, איינער פון אונזערע.

און ער האָט אַ בן־יחיד פון 14 יאָר, וואָס איז איצט אין דער היי־סקול. אויף דער נאַכט זיצט זיך דער פאָטער ביי זיינע יידישע "פּייפּערס" (צייטונגען), אָדער לייענט גאָר דאָס נייע ביכל "השלוח"; דער בן־יחיד לייענט די פערטע זייט פון ענג־לישן "פּייפּער", נייעס פון ספּאָרט, פון שווימען, לויפן, פוט־באָל און "פייט". איינער מישט זיך נישט אין צווייטנס "ביז־נעס". עס איז דאָך אַמעריקע, און עס איז דאָך אַזאַ מין פריי־

הייט, וואָס עלטערן האָבן די קינדער קיין דעה נישט צו זאָגן. ווערט דעם בן־יחיד לאַנגווייליק, וואַרפט ער אַוועק די צייטונג און קוקט זיך אום אין שטוב, צי איז נישטאָ ווער, מיט וועמען די מוסקולן צו פּרובירן. ער געפינט קיינעם נישט, דער פאָטער איז קיין בעלן נישט אויף אַזוינע זאַכן, גייט ער צו צו דער מאַמע און וויל איר ווייזן, ווי מען „פייט". די מוטער איז אויך אַ יידיש ווייבל, אָבער פאַרט אַ מאַמעס האַרץ, טוט זי אים צוליב און „פייט" מיט אים. עס איז קאָמיש, צום סוף ציט זיך דער בן־יחיד אויס אויף דער קאַנאַפּע מיט דער מינע פון אַ גרויסן פילאָזאָף, נעמט די פיס אין די הענט און מאַכט פון זיך אַ קנויל.

איינמאָל קומט דער בן־יחיד אַהיים מיט אַ פריילעך פּנים און איז גלייך צוגעלאָפן צום טאַטן. מיר האָבן גראָד געהאַט דעבאַטירט וועגן יידיש—לשון־הקודש.

דער בן־יחיד האָט אַרויסגענומען אַ גאָלדענעם מעדאַל און ווייזט דעם פאָטער, דאָס האָט ער היינט באַקומען אין „סקול".

דער בעסטער לויפער געווען אין אַ געיעגעניש פון די ניו־יאָרקער היי־סקולס. ער האָט געזונגען, פלינקע פיס, מזל־טוב דיר, טאַטע!

אין אַ ווײַלע אַרום זענען אָנגעקומען די גרויסע ענגלישע אָוונט־צייטונגען, און אונזער בן־יחיד איז דאָרט אויסגעמאָלט און זיין ביאָגראַפיע איז באַשריבן — איינער פון די העלדן פון טאָג.

דער פאָטער האָט געלייענט און געצויגן מיט די אַקסלען, און באמנות, ער האָט נישט געוואוסט, צי לאַכן, צי פרייען זיך. צי אפשר אָפּזיפצן: „בנים גדלתי".

ער האָט נאָר איצט אַזויפיל געוואוסט, פאַרוואָס צוויי טאָג נאָכאַנאַנד איז אַ שרעקלעכער ריח געשטאַנען אין שטוב, דאָס האָט זיך דער זון זיינער געשמירט די מוסקולן מיט אַזאַ זאַלב.

און איצט, צי וועט איר גלויבן, אַז דער דאָזיקער פאַר־

פרעמדטער בן-יחיד, וואָס קען קוים אַ יידיש אות, עסט פּסח נישט ביי זיין פאָטער אין הויז, ווייל דאָרט איז נישט פּסחדיק-כשר? — עס איז אַ פאַקט.

דער דאָזיקער קליינער ספּאָרטסמען איז פרום רעליגיעז, און קיינער ווייסט אפילו נישט, פון וואַנען עס איז אים געקומען.

ניו-יאָרק, אפּריל 1912.

אין „קאַר"

איך האָב מיך שוין אויף אַזוי פיל „אויסגעגרינט", אַמעריקאַניזירט הייסט עס, אַז ווען איך גיי איצט אין יידישן קוואַרטאַל און וויל פרעגן אַ גאַס, גיי איך גלייך צו צום פּאָליסמען און פרעג אים טאַקע אויף מאַמע-לשון. זעלטן האָב איך אַ טעות און טרעף אָן גראָד אויף אַ גוי, וואָס פאַרשטייט דערצו קיין וואָרט יידיש נישט. מערסטנטייל טרעף איך אויף אַ ייד, און אַ ליטוואַק דערצו, וואָס ענטפערט מיר גאַנץ בכבודיק אויף יידיש, וואו איך זאָל גיין.

היינט גיי איך אַריין אויף גרענד-סטריט אויף דער פּאָסט און קויף מאַרקעס אויף יידיש.

דעם פאַרגאַנגענעם פסח בין איך געווען איינגעלאַדן צום סדר אויף „עליס-איילאַנד", וואו די חברה „הכנסת-אורחים" האָט געמאַכט אַ פסחדיק מאָלצייט פאַר די 135 עמיגראַנטן, וואָס זענען פאַרהאַלטן געוואָרן אויף דעם טרויעריקן אינזל, בין געזעסן מיט אַ יידישן „דזשאָדזש" (ריכטער) און גערעדט יידיש.

אין ליטעראַטן-קלוב שפּיל איך שאַך מיט אַ געוועזענעם „אַסיסטענט דיסטריקט אַטאָרני" (אַ געהילף-פּראָקוראָר) און אַ איצטיקן רעדאַקטאָר פון אַ יידיש טאָגבלאַט.

ס'איז דאָ לעכערלעך דאָס שעמען זיך מיט יידיש. אַפילו די אַמעריקאַניזירטע מיידלעך זענען נישט אויף אַזוי פיל נאַריש צו מאַכן אָנשטעלן, אַז זיי פאַרשטייען קיין יידיש נישט, ווי

דאָס האָבן ליב צו טון אונזערע וועלט־באַרימטע וואַרשעווער פּאַננעס.

נאָר דאָס איז געווען באַלד נאָך מיין אַהערקומען, ווען אַלץ האָט מיך פאַרוואונדערט, איבערראַשט, און אויסגעזען אַזוי משונה־ווילד.

אברהם רייזין איז מיין פירער און וועג־ווייזער און האַלט מיך אין איין אויסגרינען.

מיר זיצן אין שלומס קאַפע־הויז (ניו־יאָרקער „קאָטיק”), און עס איז שוין, געלויבט צו גאָט, דריי אַזייגער נאָך האַלבער נאַכט.

גייען מיר צו ביז צום וויאַרסטן־לאַנגען ווילאַמס־בריק, וואָס פירט קיין ברוקלין, און מיר נעמען די „קאַר” (טראַמוויי).

אויפגעזעצט זיך, קלמט צו דער קאָנדוקטאָר.

רייזין שטעקט אַריין די הענט אין הויזן־קעשענע, שאַרט און נעמט אַרויס אַ „פּעני”, שאַרט אין דער צווייטער און נעמט אַרויס אַ ספּינקע, אַ קנעפּל און נאָך אַ פּעני, זוכט אין וועסטל־טעשל, אין פּאַלטן, אַ צרה! פאַרגעסן אָנצוגרייטן צען סענט פאַר דעם קאָנדוקטאָר. וואָס טוט מען?

איך בין אָקאָרשט ערשט אַראָפּ פון שיף און געהאַט ביי זיך סך־הכל עפּעס דייטשיש געלט.

קיין גרויסע בריות אויף ענגליש זענען מיר ביידע נישט דערצו. רייזין איז אַזש בלאַס געוואָרן.

ערשט דער קאָנדוקטאָר שמייכלט און עפנט אויף זיין כשר מויל און רופט זיך אָן אויף מאַמע־לשון:

— עס מאַכט נישט אויס, איך קען אייך. איר זענט אברהם רייזין.

עס איז אונז ליכטיק געוואָרן אין די אויגן.

רייזין האָט אים גענומען אויף דער אַרבעט — אַגיטירן פאַר יידיש.

געמאַכט אים פאַר אַ „סובסקרייבער” (אַבאָנענט) פון זיין צייטונג — „דאָס נייע לאַנד”. האָט אים פאַרשטיין געגעבן,

אז מען דאַרף ראַטעווען דאָס יידישע פאָלק, די יידישע ליטעראַטור.

אז די ציוניסטן טויגן אויפן פייער, און די העברעיִסטן זענען נישט ווערט, וואָס די ערד טראָגט זיי.

און אַ גליק אויף אַ גליק: דער קאָנדוקטאָר האָט אין דער היים אַ שוועסטער, אַ מיידל, אַ שיינע, לעזט זי רייזינגס לידער.

פון דעמאָלט אָן איז דער וועג קיין ברוקלין פריי, עס מאַכט נישט אויס — מען קאָן זיך זיצן אין קאַפע ביז דריי אזייגער, און אַהיימפאָרן מיט דעם יידישן קאָנדוקטאָר — אַ לעזער פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט דערצו אַ שיינע שוועסטער.

איז „הכנסת אורחים“

נאָך אויף דער שיף זייענדיק, ווען איך בין אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק, זע איך אַרייַנקומען אין צימער, וואו דער דאָקטאָר און דער אינספּעקטאָר מושטירן די אָנגעקומענע, אַ יוגענטמאַן אין אַ היטל מיט אַ בלעכענער אויפשריפט.

וואָסער „טשינאָווניק“ זאָל דאָס זיין?

ער קומט צו נענטער, לעז איך אַראָפּ די בלעכערנע אותיות — יידישע. „יידישער קאָמיטעט“.

דער ערשטער קבלת־פּנים איז דאָס געווען פון דעם יידישלעכן ניו־יאָרק.

דאָס איז געווען אַ באַאַמטער פון די איצט פאַרייניקטע חברות: „הכנסת אורחים“ און „עמיגריישאָן סאָסייעטי“, צו העלפן די עמיגראַנטן, וואָס באַגעגנען שוועריקייטן ביי זייער אָנקומען.

אין אַ הויז אויף „איסט בראָדוויי“ (ניו־יאָרקער נאַלעווקעס) איז דער „אָפיס“ (ביוראָ) פון דעם אַנשטאַלט.

איך פאַרקער איצט גאַנץ אָפט, כמעט יעדן טאָג זעט איר דאָרט אַ ניי־אָנגעקומענע פּאַרטיע; איר הערט אייך אָן מעשיות וועגן די אַגענטן, און נישט אזוי ווייט וועגן די אַגענטן, ווי וועגן די קאָנטראָל־סטאַציעס אין דייטשלאַנד, וואָס זענען סאַנקציאָנירט און געשטיצט פון דער דייטשער רעגירונג, צו באַראַבעווען די עמיגראַנטן און צו שינדן פון זיי די הויט.

מען לערנט שטענדיק עפעס, ווען מען באַגעגנט זיך מיט ניי־אָנגעקומענע. נאָר וואָס קומט אַרויס פון דעם לערנען? — העכסטנס קאָן מען אָנשרייבן אַן אַרטיקל און שרייען — אין דער וועלט אַריין.

נאָר אַז מען איז אָפּ אַ פּאָר חדשים אין דעם דאָזיקן לאַנד פון „ביזנעס" און פּראַקטישן מענטשלעכן פאַרשטאַנד (וואָס אונז פעלט), פאַרפאַלט דער אַפּעטיט אויף צו שרייען גלאַט אין דער וועלט אַריין.

אָט רעדן מיר פיל, זייער פיל, וועגן עמיגראַציע, וועגן אַגענטן און קאָנטראָל־סטאַציעס, (די אַגענטן זענען, ליידער, אַן אומפאַרמיידלעכע אינסטיטוציע אין דער רוסישער מדינה, וואו אַן אָרעמאַן מוז צאָלן 25 רובל פאַר דעם רעכט אַרויסצופאָרן פון די געבענטשטע גרענעצן, בשעת די קאָנטראָל־סטאַציעס זענען פּשוטע שינדערײַ פאַר די אינטערעסן פון די שיף־גע־זעלשאַפטן און פאַר אַ גאַנצער באַנדע אויסוואורפן). טייל רעדן צוליב זייערע „טעאָריעס", טייל — האָבן באמת אין זין די אינ־טערעסן פון די עמיגרירנדיקע. אָבער וואָס האָבן מיר געטון?

אָט נאָט אייך אַ קליין בילד פון דער טעטיקייט פון דער דערמאָנטער יידישער חברה: „הכנסת אורחים". דער נאָמען קלינגט אַזוי וואָכעדיק, קליי־שטעטיש. נישט וואָר?

אין פאַרלויף פון לעצטן יאָר 1911 זענען אָנגעקומען אין ניו־יאָרקער האַפן בסך הכל 63,800 יידן. פון זיי זענען פאַר־האַלטן געוואָרן אויף עליס־אײַלאַנד און באַשטימט געוואָרן צוריק־געשיקט צו ווערן 3.739. די חברה האָט אַראָפּגענומען דורך אַפּעלאַציעס קיין וואַשינגטאָן און דורך אַנדערע מיטלען (פאַר־שטייט זיך כשרע) — 2924.

צוריקגעשיקט זענען געוואָרן בלויז 797.

אַלזאָ, אַן ערך 3000 יידן זענען געראַטעוועט געוואָרן פון דעם שרעקלעכן אומגליק צוריקגעשיקט צו ווערן.

איצט ווייטער —

9086 אימיגראַנטן זענען דורך דער חברה אָפּגעפירט געוואָרן צו זייערע קרובים.

2934 אימיגראַנטן, וואָס האָבן געדאַרפט פאָרן ווייטער אין לאַנד אַריין, זענען פון דער חברה אויפגעהאַלטן געוואָרן דורכשניטלעך 5 טאָג יעדער.

פאַר 1303 אימיגראַנטן האָט די חברה אויסגעפונען אַרבעט אין ניו-יאָרק.

4677 לאַנג אָנגעקומענע, וואָס זענען שוין פינף יאָר אין לאַנד, האָט די חברה געהאָלפן צו ווערן בירגער. 318 צוריק-געשיקט אַהיים. זיי האָבן דאָ נישט געקאָנט מאַכן אַ לעבן, האָט מען זיי באַזאָרגט מיט רייזע-קאָסטן צוריק.

1416 פאַרלוירענע געפעק האָט די חברה אויפגעזוכט און אומגעקערט.

אָט דאָס זענען ציפערן, וואָס רעדן פאַר זיך.

איך וויל דערצו צוגעבן, אַז די דאָזיקע חברה האָט די בעסטע סטאַטיסטישע ציפער געזאַמלט וועגן אַלע באַדייטנדיקע פלעצער אין אַמעריקע און די צאָל יידן אין זיי, זי אָרדנט איין פאָרלעזונגען פאַר אימיגראַנטן און האָט אין פאַרלויף פון יאָר אַרויסגעגעבן 68,989 מאָלצייטן.

און די באַאַמטע דאָרט שרייען נישט, געוואַלטעווען נישט, און בלאָזן זיך נישט, כדי איבערצושרעקן דעם עולם, אַזוי ווי דאָס האָבן ליב צו טון אַלערליי באַאַמטע פון אַלערליי אינסטי-טוציעס פאַר אימיגראַנטן אין אייראָפּע.

אינזער איינער, אַז ער באַקומט אַ שטעלע און עפּעס אַ חברה, איז די ערשטע עובדה זיינע — צו שרייען: „למען ישמעו וייראו".

נאָר דאָס געהער נישט אַ הער.

איך האָב נאָך געוואָלט דערציילן אַ מעשה פון „הכנסת-אורחים", וואָס איך אַליין האָב בייגעוואוינט.

עס קומט אַריין א קליין רירעוודיק יידל, מיט אַ בערדל און אַ פאַרבומלט פנים, און פון מויל פילט זיך דער ריח פון בראָנפן, איך מיין — פון „וויסקי". ער פירט ביי דער האַנט אַ גרויסן הויכן גוי.

— דאָ איז די „מיגריישן"? (עמיגראַציאָנס-געזעלשאַפט).

— דאָ — ענטפערט אים דער סעקרעטאַר — וואָס האָט איר געוואָלט?

— איך האָב אייך געבראַכט אַ גוי מגייר צו זיין, אָט ער וויל ווערן אַ ייד, וואָס וועל איך באַקומען פאַרן וועג?

מיר האָבן זיך צעלאַכט, און דאָס האַלב־שיכור יידל האָט זיך גענומען קראַצן הינטערן אויער — פון אַנטוישונג.

מילא, דאָס יידל ווי דאָס יידל, ער האָט באַקומען אויף אַ טרינק בראָנפן און איז זיך געגאַנגען זיין וועג — נאָר אויפן גוי איז געווען אַ רחמנות. ער איז גראָד געווען ניכטער.

ער איז געווען אַ פּאָליאַק, און ער האָט דערציילט, אַז ער בידעוועט דאָ אין ניו־יאָרק, אַז יידן העלפן איינער דעם אַנדערן, איז ער וויל ווערן אַ ייד.

פאַרשטייט זיך, מען האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער זאָל דאָס נישט טון.

ער האָט באַקומען אַ מאָלצייט, און דער סעקרעטאַר האָט אים געגעבן אַ בריוו צום קאַטויילישן גלח, און האָט אים אַוועקגעשיקט בשלום.

פון דער אַרבעט

אויב איר ווילט וויסן דעם סוד פון דעם אַמעריקאַנער רייכ־טום, קוקט אייך צו, ווי מען אַרבעט דאָ. נישט די מיליאַרדערן נישט די גרויסע באַנקירן מאַכן אויס דאָס עשירות פון דעם לאַנד, נאָר די סומע אַרבעט, וואָס דאָ ווערט געטון.

יעדע האַנט, וואָס אַרבעט, וואָס פּראָדוצירט, באַשאַפט עשירות. אויב פון אַ קופּע שטיינער און צעמענט איז אויפגע־שטעלט געוואָרן אַ הויז, אָדער פון אַ שטיק לעדער איז גע־מאַכט געוואָרן אַ פּאָר שיך, איז פאַרגרעסערט געוואָרן דער ווערט פון די זאַכן, איז דאָס רייכטום פון דער מדינה צוגע־וואַקסן. אָט דער דאָזיקער כּלל פון דער עקאָנאָמישער וויסענ־שאַפט, מוז אָנגעווענדט ווערן, כּדי צו באַגרייפן ריכטיק, פאַר וואָס אַמעריקע איז רייך.

געוויינלעך, עס זענען פאַראַן נאָך אורזאַכן. דער רייכער, פעטער באָדן, די נאַטירלעכע אוצרות, וואָס ליגן באַהאַלטן אין דער ערד, די פרייהייט פון לאַנד, די קלענערע הוצאות אויף מילי־טאַריזם; אָבער די הויפּט־אורזאַך ליגט אין דער אַרבעט, וואָס אַמעריקע שאַפט.

אַלע אַרבעטן דאָ, און יעדער שאַפט עפּעס, און געדענקט דערצו, אַז די אַרבעט ווערט דאָ געטון לויט די נייסטע מע־טאָדן, אַז די אַרבעט אַליין איז אינטענסיוו, גייט שנעל, אַז דער מענטש האָט דאָ בכלל נישט ליב קיין שלעפּעריקע זאַכן, אַז

די גאַנצע אַטמאָספּערע אַרום רייצט די נערוון און יאָגט זיי אונטער, און דערצו נאָך געדענקט אַז לײדיקגייער זענען דאָ פאַראַן ווייניקער, ווי ערגיץ וואו.

אַמעריקע איז רייך מיט איר „ביזנעס״־וועלט־אַנשויאונג, און יעדער פרעמדער, וואָס קומט אַהער, מוז זיך באַלד צופּאַסן צו איר, יעדער מענטש, וואָס פאַרמאָגט אַביסל ענערגיע, ווערט אויפגעפּאָדערט זי אָנצווווענדן, אויסצונוצן שנעל, ראַש. דאָס איז אַ גרויסע פּרעס־מאַשין, דאָס דאָזיקע אַמעריקע, וואָס נעמט אַריין דעם מענטש און פּרעסט פון אים אויס יעדעס ביסל טויג־לעכס און נוצלעכס, וואָס איז אין אים פאַראַן.

די גרויסע מאַסע מענטשן פאַרמאָגט איין־איינציק נוצלעכע זאַך — די קראַפט פון די מוסקולן, די אָנשטרענגונג פון די נערוון. און אַלע זיי ווערן איינגעשפּאַנט אין וואָגן צו שלעפּן.

נישטאָ קיין מיוחסים! האָסטו נישט עפּעס אַנדערש אין דיר, ווי דיין מוסקולן־קראַפט, גיי און אַרבעט. פאַרגעס, וואָס דו ביסט געווען אין דער היים, נישט קרום זיך און נישט באַ־קלאָג זיך — עס איז נאַריש, און קיינער וועט דיך נישט הערן. אַזוי ווי דאָס לידל זאָגט:

וואַרף אַוועק די נאַרישע חכמות,
אַ מענטש זאָל מען זיין.

* *
*

איך האָב אַמאָל שפּאַצירט אַרום 6 אַ זייגער אָוונט און בין געווען עפּעס שטאַרק פאַרנומען מיט מיינע אייגענע געדאַנ־קען. ווי ענג די גאַסן זאָלן נישט זיין דאָ, אין דער איסט־סייד, און ווי הויך די מויערן זאָלן נישט דערגרייכן, האָט דאָך דאָס לינדע ווינטל, דאָס ווייכע און צאַרטע, געפונען אַ וועג אַהער. דאָס ווינטל פון פאַר־פרילינג.

איך בין געווען געגנוג „גרין״ אין יענער צייט, כדי אַרומצושפּאַצירן אין מיטן ניו־יאָרק און טראַכטן... בויבעריק, גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין. ערשט, איך דערפיל, מען שטויסט מיך פון אַלע זייטן, איך הויב אויף די אויגן — די

גאַס איז שוואַרץ פון מענטשן. עס ציט זיך אַ לאַנגער ברייטער שטראָם פון דער זייט טראָטואַר און פון יענער זייט, איך דערזע נישט דעם אָנהויב פון דעם מענטשלעכן שטראָם און נישט דעם סוף. הונדערטער טויזנטער און ווידער טויזנטער, מענער און פרויען, אַלט און יונג, מיאוסע, שיינע, מיידלעך, ווייבלעך, יונגעלייט מיט ראַזירטע וואָנסעס, עטלעכע מיט גראָע בערדלעך... און איך האָב אַפילו נישט געוואוסט, וואָס דאָס זאָל באַדייטן.

עפּעס אַ גרויסער מאַן זאָל האָבן געשטאָרבן, און דאָס איז זיין לויה? אַ דעמאָנסטראַציע אפשר?

איך ווייס אַפילו נישט, ווי אַזוי דאָס איז געוואָרן, נאָר יך בין אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין דעם שטראָם, אַזוי ווי אַ טראָפּן וואַסער פון אַ פּאַליע, און בין מיטגעריסן געוואָרן.

דעם ערשטן בעסטן ייד וואָס האָט מיר אויסגעזען צו זיין אַביסל „גרין" (איך וואָלט געשוואוירן. אַ זיידענער יונגערמאַן), האָב איך אָפּגעשטעלט און געפרעגט. וואָס דאָס איז אַזוינס.

— פון דער אַרבעט גייט מען — ענטפערט ער מיר איינפאַך און קוקט אויף מיר מיט רחמנות. — אַ „גרינער"? — פרעגט ער.

— אַ גרינער.

— איר האָט שוין אַרבעט?

— נאָך נישט.

און ער זיפצט פאַר מיינעטוועגן.

— אַי, אַ מדינה.

און אין דעם טאָג, ווי ער באַדויערט מיך, איז צו דערקענען, אַז ער איז שוין דאָס זייניקע אָפּגעקומען, האָט שוין אָפּגעהונגערט און זיך אָפּגעמוטשעט, ביז ער איז געפאַלן אויפן שכל צו גיין אין „שאַפּ" און צו מאַכן אַ לעבן.

ער האָט זיך מסתמא לאַנג געקרומט, וואָס טייטש? ער, אַ זיידענער יונגערמאַן, וואָס דער שווער האָט אים גענומען פאַר אַ תכשיט, וועט גיין אַרבעטן מיט די הענט, ווי דער

ערשטער בעסטער בעל־מלאכה! אָבער דאָס דאָזיקע אַמעריקע האָט פאַרט געפּועלט, ער איז געגאַנגען.

און איצט האַלט ער זיך שוין ביים אויסגריגען, האָט באַקומען אַ פּראַקטישן בליק. די פויגעלעך פון קאָפּ זענען אַוועקגעפלויגן. די ערשטע עטלעכע דאָלאַר האָט ער זיין יונג ווייבל שוין אַוועקגעשיקט, און גרייט זיך שוין זי אַראָפּ־צונעמען.

און דער שטראָם מענטשן האָט זיך אַלץ געצויגן און געצויגן. איך האָב מיך אַרויסגערוקט און געשטעלט אין אַ ווינקל־גאַס און באַטראַכט די ריזיקע דעמאָנסטראַציע פון אַרבעט, וואָס האָט זיך געטראָגן פאַר מיינע אויגן.

ס'איז זעקס אַזייגער, די שעה, ווען די טירן פון דער שאַפּ עפענען זיך, אַזוי ווי די זאַסטאַווען פון אַ טייך, און דער שטראָם צעגיסט זיך און פאַרפלייצט גאַסן.

איבער אַלע הויפטגאַסן ציט זיך איצט אַזאַ שטראָם. אי די „סאָבווייס" (עלעקטרישע באַנען אונטער דער ערד), אויף „עלעווייטערס" (עלעקטרישע באַנען איבער די גאַסן) איז איצט אַזאַ ענגשאַפט און דריקעניש, אַז איינער שטייט ממש צוגע־פּרעסט צום צווייטן און קוים־קוים, וואָס מען כאַפּט דעם אָטעם, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס אַזוי פיל ליניעס זענען פאַראַן, און יעדע מינוט לויפן דורך צוויי דריי באַנען, יעדע פון זיבן וואַגאָנען. די „קאַרס" (טראַמווייען) זענען באַהאָנגען אויכ־ווייניק מיט מענטשן, וואָס כאַפּן זיך אָן, וואו זיי קאָנען פון הינטן און ביי די זייטן הענגט מען אַזוי אויף די הענט. ס'איז ממש גאָטס־וואונדער, ווי אַזוי עס געשעען נישט הונ־דערטער אומגליקן אַ טאָג. די דאָזיקע „קאַרס" מיט די מענטשן, וואָס הענגען אָן זיי, זעען אויס, ווי עפּעס אַ שטיק צוקער וואָס אַ מחנה פליגן איז באַפאַלן. און דאָס לויפט אַזוי אי־בער דער סטריט. „האַרי־אַפּ"! שנעל.

און אין דער פרי, זיבן אַזייגער, גייט דער זעלבער שטראָם צוריק, און אַזוי גייט עס יעדן טאָג, מיט דער רעגל־

מעסיקייט, ווי דאָס וואַסער ביים ברעג ים פאַלט אָפּ און נעמט צו.

און די טראַכסט:

ס׳איז מיט דעם מענטש, ווי מיט יעדן רויען מאַטעריאַל אין דער נאַטור, און דאָס איז אַמקלאָרסטן צו זען אין דעם דאָזיקן לאַנד, וואו דאָס לעבן איז גראָדליניק, אָן פאַרפּלאָנטערניש פון טראַדיציעס און ירושות פון אַלטע דורות. ס׳איז איינפאַך, צו איינפאַך. וואָס איז דער מענטש? אַ שאַפנדיקער גייסט? דער קיניג פון דער נאַטור? אַ שטיק פאַרקערפּערטע געטלעכקייט? —

ער איז רויער מאַטעריאַל, ווילנסלאָזער מאַטעריאַל. אייזערנע קרעפטן שלעפּן זיי אַהין, שלעפּן זיי צוריק. פון דעם שאַפּ אַ היים, פון דער היים צום שאַפּ. דער פרייהייטס-טריב צית פון איין זייט, דער דרוק פון לעבן — פון דער צווייטער זייט, און דער שטראָם קערט זיך און ווענדט זיך אַהין און צוריק.

טויזנטער און צענטויזנטער, יונג און אַלט, מיידלעך און בחורים, פרום און פרייגעזאָנען, יעדער מיט זיינע דאגות, מיט זיין בענקשאַפט, מיט זיין פאַרדראָס, מיט זיינע פריידן און האָפענונגען — טויזנטער און צענטויזנטער וועלטן אין איין איינציקן שטראָם!

יעדער מענטש האָט אַ פּנים, און וויפיל איז אָנגעשריבן אויף איין איינציק פּנים! יעדער האָט אויגן, און וויפיל איז אַרויסצולייענען פון איין-איינציקער פּאָר אויגן!

נאָר די גרויסע פּרעס-מאַשין וויל פון דעם אַלעם נישט וויסן. זי זוכט נאָר אויסצופּרעסן דאָס ביסל ענערגיע, וואָס קאָן פאַרביטן ווערן אויף רייכטום, און — דאָס לאַנד איז רייך...

אויסגעגרינט

„ווי געפעלט אייך אַמעריקע”? „גלייכט*) איר אַמעריקע”?

יידן האָבן דאָ ליב זייער נייע היים, ליב אין אמתן, איך מיין, אַז פון די פאַרשידענע עמיגראַנטן האָבן זיך יידן אַמפעסטסטן צוגעקניפּט צו דעם לאַנד און „גלייכן” עס פון גאַנצן האַרץ.

עס איז אַ געמיש פון דאַנקבאַרקייט, וואָס זיי פילן צו דעם לאַנד, וואו זיי לעבן פריי און פילן זיך נישט נידערגע־שלאָגן און דערצו נאָך פון איינגעבאַקענער נייגונג צו יושר, װאָס זיי ליבן אין אַמעריקע.

דאָס רוב יידן האָבן איינגעוואַנדערט מיט אַ יאָר 20—30 צוריק, דערצו איז דאָס „יוראָפּ”, אין די מייסטע פאַלן, געווען איישישאָק, צי האָצעפּלאָץ, און אַז מען פאַרגלייכט דעם איישי־שאָק פון פאַר 30 יאָר מיט דעם ניו־יאָרק פון היינט, — וואָס פאַר אַ פּנים, מישטיינס געזאָגט, קאָנען מיר אייראָפּעער האָבן?—

דעריבער, אַז מיר קומען אָן, זענען מיר „גרינע”, דאָס הייסט, האַלב־ווילדע, און מען פרעגט אונז אַזוי אויף טשעקאַ־װעס, מיט אַ שמייכל אין די אויגן און מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ:

— אנו, ווי געפעלט אייך עפּעס אונזער אַמעריקע?

---

*) „גלייכן” — גערן האָבן אויפן אַמעריקאַנער יידיש, איבערגענומען פון ענגלישן „לייק”, וואָס באַדייט אי גלייך, איר גערן האָבן.

לאכט נישט אויס די דאָזיקע באַרימערס מיט אַמעריקע!
האָט נישט פּאַראיבל, אויב מען איז אַביסל צו פיל איבערגענומען — עס שטאַמט פון ליבע צו דעם לאַנד, און אַלץ, וואָס וואַקסט אויס פון גוטן באָדן, זאָל געבענטשט זיין.
זיי אַ גרינער און לאָז דיך לערנען.
און מענטשן, וואָס ווילן דיך לערנען, זענען פאַראַן גענוג. עס איז אַ מצוה אויסצוגרינען אַ גרינעם. און וועלכער ייד איז דאָס נישט קיין בעלן אויף אַ מצוה.
און האַלט דאָס מויל! נישט פרעג קיין קשיות און נישט ענטפער קיין תירוצים. און היט דיך צו זאָגן דיין מיינונג, נישט גוט און נישט שלעכט.
— וואָס ווייסט איר פון אַמעריקע? איר רעדט, ווי אַ גרינער...
איז אָנגעקומען צוזאַמען מיט מיר אויף איין שיף אַ אַ יידישער יונגערמאַן מיט דער דעה צו אַרבעטן, ער איז גראָד אַ הייסער פאַרברענטער נאַציאָנאַליסט (געוועז, הייסט עס), און אין קאָנטאָר ביים „הילפס־פאַריין"־באַאַמטן, האָט ער געפרעגט, מען זאָל אים זאָגן, וואו ער זאָל פאָרן און געדענקען דערביי, אַז נישט נאָר, וואָס ער וויל געלט פאַרדינען און מאַכן אַ לעבן, נאָר ער וויל אויך אַזאַ אָרט, וואו זיינע קינדער וועלן בלייבן יידן.
קורץ: דער יונגערמאַן איז נישט געלאָפן קיין אַמעריקע נאָר ער איז געקומען צו פאָרן. האָט זיך צוגעגרייט עטלעכע הונדערט רובל, געמאַכט זיך אַ שיינעם קאָסטיום, אַ לייטישן פּאַלטן, אַרומגעשוירן זיין שוואַרץ בערדל, וואָס האָט אים זייער געקליידט, אַ נייעם הוט געקויפט, שיך — אַלץ פון דאָס ניי.
ער האָט געוואָלט קומען, ווי אַ מענטש.
אויפן וועג, ווען דער ווינט האָט געפייפט אַרום אונז, די וועלן האָבן געשוימט, און די שיף האָט זיך געוואָרפן און געקראַכט, האָט ער נישט אַרויסגעלאָזט פון האַנט די ענגלישע מעטאָדע, און האָט אַלץ כסדר געלערנט.

אָנגעקומען בשלום, איז ער אַריין צו אַ ווייטן קרוב, וואָס האַלט אַ „באַרבער-שאַפּ" (באַרבער. ראַזירער, שערער), און יענער האָט זיך נישט געפוילט און גענומען זיך תיכּף צו דער אַרבעט — אים אויסצוגרינען.

קודם-כּל גענומען אים אונטער שער און גאָל-מעסער. אַראָפּ מיט דער באָרד און מיט די וואָנסעס! דער יונגער-מאַן האָט געפּרואווט אָפּצוווערן כאָטש זיינע וואָנסעס. מילא, פון בערדל, וואָס זיינע וואַרשעווער באַקאַנטע מיידלעך האָבן גראָד שטאַרק „געגליכן" — איז אָפּגערעדט. „וואָס מיינסטו, דאָ איז יוראָפּ? דאָ ברודער, פאַרשטייסטו מיך, איז אַמעריקע! נישטאָ קיין קונצן. מען טראָגט נישט קיין בערד און „דאַטס אָלל"*).

נאָר ווי עס איז געקומען צו די וואָנסעס, האָט אונזער געלאַסענער און בּכבודיקער „איראָפּעער" אַזש אַ ציטער געגעבן. וואָס וויל מען אים עפּעס אַראָפּנעמען זיין פּנים און אַרויפזעצן אַ נייעס?! שייך, מען זאָל נישט קאָנען לעבן דאָ אין אַמעריקע מיטן אייגענעם פּנים?

עס האָט נישט געהאָלפן. גראָד זענען אין „שאָפּ" געווען עטלעכע „קאַסטימער" (קונדן), און אַלע האָבן פון אים געלאַכט — אַ גרינער!

איינער פון די העלפּערס אין „שאָפּ", אַ יונגערמאַן, וואָס איז בסך-הכּל מיט 3 חדשים צוריק אָנגעקומען פון גאַליציע, האָט זיך געקייקלט פון געלעכטער.

אַ נקמה דערלעבט אין אַ ליטוואַק. די ליטוואַקעס האַלטן דאָ כּסדר אין איין אויסלאַכן פון די גאַליציאַנער (אין אונזער אַ פּוילישער — אַ סוד זאָל עס בלייבן — האָט אויך פון זיי אויסצושטיין), האָט דער קליינער גאַליציאַנער אויך אַמאָל דערפילט דעם נחת אויסצולאַכן אַ סאַמאָראָדנעם ליטוואַק.

דער יונגערמאַן האָט אָנגעקוקט אין שפּיגל זיין „יענקיש" פּנים, און טרערן האָבן זיך אים אַזש געשטעלט אין די אויגן.

---

*) און גענוג!

אויס מורא נישט צו זיין קיין גרינער, האָט ער זיך געצוואונ־גען צו שמייכלען, און דאָס מויל איז אים אויסגעקומען משונה־ברייט אָן די וואָנסעס. אַ שיין געלעכטער איז דאָס געווען.

דערנאָך איז מען אַרויסגעגאַנגען אויפן סטריט קויפן נייע בגדים.

— וואָס טייטש? — האָט דער גרינער זיך געבעטן — ערשט געקויפט דעם פּאַלטן, 25 רובל אין לאָדזש באַצאָלט...

— „פּאַלטן"! האָסט געהערט אַ וואָרט? זיי נישט קיין גרינער: דאָ אין אַמעריקע, פאַרשטייסטו מיך, זאָגט מען „אָווער־קאָאוט" און דאַטס אָלל.

— אָבער ער איז דאָך ניי!

— פאָלג מיך, יונגערמאַן, נעם אַ „טיקעט" (שיף־קאַרטע) און פאָר באַלד צוריק צו דיין „יוראָפּ", אַמעריקע פאַרשטייסטו מיך, איז אַ לאַנד, וואו מען דאַרף צו זיין אַ מענטש. ווילסטו נישט זיין קיין מענטש, אָלל רייט, געשיקט נאָך דיר? געבענקט נאָך דיר? „העלף יור סעלף" (העלף דיר אַליין), אַזאַ מדינה איז דאָס.

דערהערט אַזאַ לשון און אַזאַ טאָן, האָט אונזער יונגער־מאַן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און געקויפט אַן „אָווערקאָוט".

— ווי געפעלט דיר עפּעס אונזער שניט? האַ? זעט מען אַזאַ שטיקל אַרבעט אין יוראָפּ?

דער יונגערמאַן האָט פאַרביסן מיט די ליפּן און גע־שוויגן.

— און איצט מוז מען גיין קויפן אַ „סאָאוט" (קאָסטיום).

דער יונגערמאַן האָט זיך געוואָלט כאַפּן פאַרן קאָפּ. ערשט שפּאָגל־ניי זיך אויסגעקליידט, אַזוי פיל געלט אויסגע־געגעבן, און איצט — נאַ דיר אַמעריקע! אַלץ טויג אויפן פייער. דער פּאַלטן איז קיין פּאַלטן נישט, דער קאָסטיום איז קיין קאָסטיום נישט, און זיין פּנים איז קיין פּנים נישט.

— אפשר וועלן מיר אָפּלייגן אויף מאָרגן! — האָט דער יונגערמאַן געפּרואווט אָפּשלעפּן.

— איי ביסט אַ גרינערן ,,טיים איז מאָני״ (צייט איז געלט) ווייסט וואָס דער טייטש איז?

דער יונגערמאַן, כאָטש געלערנט ענגליש, האָט די ווערטער נישט אַזוי לייכט געקאָנט אויפכאַפּן. עס זענען געווען די ערשטע ענגלישע ווערטער, וואָס זיינע אויערן האָבן געהערט.

און דער ,,באַרבער״ האָט זיך צעלאַכט פון ,,יוראָפּ״: ,,מישטיינס געזאָגט אויך אַן ענגליש״!

און אַזוי האָט ער געהאַלטן אין איין טענהן, אַז אַמעריקע איז פאַרשטייסטו מיך, אַזא לאַנד א. א. וו. ביז דער יונגערמאַן איז געבליבן ווי אַ געפּלעפּטער, האָט פאַרלוירן דעם קאָפּ און רעזיגנירט — ער האָט זיך געפילט אומבאַהאָלפן, ווי אַ פּיצעלע קינד, און געלאָזט זיך פירן.

מען האָט אים איבערגעקליידט פון קאָפּ ביז די פיס, געמאַכט אים פאַר אַ ,,מעמבער״ אין א ,,סאָסייעטי״ (אַ מיטגליד אין אַ געזעלשאַפט), און ער איז געוואָרן — ,,אָל רייט״.

דאָס הייסט, נישט אינגאַנצן ,,אָל רייט״. ווייל קיין אַרבעט האָט ער נאָך נישט געהאַט, און דאָס ביסל געלט האָט ער געפּטרט אויף אויסצוגרינגען זיך.

און די וואָנסעס האָט ער כסדר שוין געגאָלט, און געזאָגט האָט ער „ווינדאָ״ אָנשטאָט ,,פענסטער״.

פאַר אַכט טאָג האָב איך אים געטראָפן — אַן אויסגעגרינטן, ווי עס געהער צו זיין. איך בין זיכער, אַז ווען אַ ווייטער קרוב זאָל איצט צו אים קומען, וועט ער, דער יונגערמאַן, נעמען מיט דעם ניי־אָנגעקומענעם דורכמאַכן די זעלבע פּראָצעדור, וואָס דער ,באַרבער״ מיט אים.

דערזען אַ פּאָרטמאָנע אין מיין טאַש, האָט ער מיך אויסלאַכט.

— דו ביסט אַלץ נאָך אַ גרינער. אַמעריקע פאַרשטייסטו מיך, איז א לאַנד וואו מען האַלט געלט ,,פּלעין״ (איינפאַך) אין טאַש.

מיין שטאָק האָט ער צוגענומען און אוועקגעוואָרפן אין מיטן גאַס:

— אמעריקע, פאַרשטייסטו מיך, איז אַ לאַנד, וואו מען גייט „פלעין" אָן שטעקנס.

און דווקא, און דווקא, איך זאָל ראַזירן די וואָנסעס.

איך האָב אים אַפילו נישט צוליב געטון, און איך האָב באַמערקט, אַז ער פילט זיך באַליידיקט אין זיינע פּאַטריאָטישע געפילן. פאַרוואָס בין איך אַזאַ איינגעשפּאַרטער אָפּגעשטאַנענער איידאָפּעער און פאַרשטיי נישט, אַז אַמעריקע איז אַ לאַנד א. אַ. וו.

און אַז מיר זענען געזעסן אין קאַפע און אין דרויסן האָט געדונערט, האָט ער באַמערקט:

— אַזוינע דונערן זענען גאָר נישטאָ אין יוראָפּ.

אַרבעט האָט ער שוין. אַ „קלאָוק-מעקער" (אַ שניידער געוואָרן, פאַרדינט 18 דאָלאַר אַ וואָך.

— אוך האָב געהערט, אַז די „יוניאָן-ווייזדשעס" (די פרייזן, וואָס די געווערקשאַפט באַשטימט) זענען 22 דאָלאַר — האָב איך באַמערקט.

— דו ביסט אַ גרינער — האָט ער מיר געענטפערט.

און ער האָט מיר דערציילט, אַז אויסגעצאָלט קריגט ער טאַקע 22, אַזוי ווי די יוניאָן האָט באַשטימט און געשלאָסן דעם אָפּמאַך מיט די „באָסעס" און קאַסירט איין צוריק צו 4 דאָלאַר.

ער האָט אין אָנהויב נישט געוואָלט צוריקגעבן, האָט מען אים געזאָגט, ער זאָל נישט זיין קיין גרינער, ווייל מען וועט אים משלח זיין -- און דאַטס אָלל.

ער לעזט שוין ענגליש און אינטערעסירט זיך מיט די באַריכטן פון „בייס באָל" (באַל-שפּיל), די וואַל-קאָמפּאַניע פון רוזוועלט—טאַפט ליגט אים נישט אין דער לינקער פּאַה.

ער האָט זיך אויסגעגרינט.

דער מאַרקסיסט

ער איז אַ מאַרקסיסט — אָט אַזוי ווי ער איז אַראָפּ געקומען פון שיף פאַר 20 צי 30 יאָר.

דור הולך ודור בא, די וועלט שטייט נישט אויף איין אָרט, דאָס לעבן מישט אויף נייע בלעטער און הייסט לעזן. דורך דער צייט, וואָס אונזער מאַרקסיסט איז דאָ אין לאַנד, איז דער מאַרקסיזם אַליין שוין גענוג פאַרבעסערט, דער־גאַנצט געוואָרן פון זיינע אָנהענגער. ער אָבער האַלט פעסט די מאַרקסיסטישע תורה, אַזוי ווי ער האָט זי געברענגט איבערן אוקיאַנוס, און איר וועט אים נישט רירן פון אָרט.

און בשעת אין אייראָפּע האָט דער מאַרקסיזם אַרויסגע־ברענגט אַ נייע שול פון רעוויזיאָניסטן, בשעת דאָרטן איז דער נאַציאָנאַליזם שוין לאַנג געפּשרט געוואָרן, בשעת דאָרטן האָט ער זיך אַנטוויקלט, ווי אַלץ וואָס האָט אין זיך אַ לעבנס־זאַפט — האָט אים אונזער מאַרקסיסט אויך אַנטוויקלט אויף אַ ריין ייִדיש־אַמעריקאַנער שטייגער.

זיין פונקציע אין דער סאָציאַליסטישער ניו־יאָרקער צייטונג איז צו ענטפערן די לעזער און די לעזערינס (איבערהויפּט די לעצטע) אויף אַלערליי קשיות און אָנפרעגן; פּסקנען שאלות פון מאַרקסיסטישן שלחן־ערוך אַרויס.

קומט אַ מיידל אַן אַרבייטערין און גיסט אויס איר שווער ביטער האַרץ פאַר דער רעדאַקציע:

זי האָט ליב געהאַט אַ יונגערמאַן, יענער אָבער האָט זי פאַרלאָזט און גייט מיט אַן אַנדערע; זי האָט איהם נישט אויפגעהערט ליב צו האָבן, און איצט ווייסט זי נישט, וואָס צו טון. עס גייט צו איר אַריין אַ בחור, זי וואָלט גערן מיט אים געגאַנגען, לאָזט איר אָבער נישט דאָס האַרץ, ווייל זי בענקט צום ערשטן. זאָגן דעם בחור, אַז זי האָט אים ליב, איז דאָך אַ ליגן; זאָגן, אַז נישט, וועט ער זי אויך פאַרלאָזן, און זי וועט בלייבן גאָר אַזוי עלנט: וואָס זשע טוט מען, ה׳ רעדאַקטאָר? —

ענטפערט איר דער מאַרקסיסט:

אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג איז נישטאָ קיין גערעכטיקייט. און די ריינע ליבע ווערט פאַרפלעקט און טיראַניזירט פון קאַפּיטאַל. אונזער לעזערין איז איינע פון די אָפּפער, איר האַרץ איז ריין ווי אַ קריסטאַל. מיר ראָטן איר נישט אָפּצושלאָגן דעם בחור, עס קאָן נאָך זיין, זי וועט אים ליב באַקומען א. א. וו.

און אַז עס קומט אָן אַ טויטע צייט פאַר די צייטונגען, די היצן, למשל זענען גרויס, און קיין „עלעקשאָנס״ (וואַלן) זענען נישטאָ, אַ הויז מיט 200 מיידלעך איז ווי צו להכעיס גראָד נישט פאַרברענט געוואָרן, דעמאָלט זיצט דער „עדיטאָר״ (רעדאַקטאָר) פון דער סאָציאַליסטישער צייטונג אין זיין קאַבינעט, שוויצט און רייבט דער שטערן און פאַרגעסט זיך איינגאַנצן אין זיין סאָציאַליזם. דער סאָציאַליסטישער עדיטאָר געדענקט נאָר איינס: מען מוז אויפלעבן די „צירקולייש אָן״!

דעמאָלט קומט פאַר אַ גאַנצע איבערקערעניש:

דער לייט־אַרטיקל־שרייבער פאַרבינדט די פרויען־פראַגע זין געוויינלעכסטן זין מיט פּאָליטיק; דער ווייכער, גוט־האַרציקער מוסר־זאָגער מאַכט אַ געריכט פון דער פרויען־פראַגע און מוסר, און אונזער מאַרקסיסט קוועטשט דעם מאַרקסיזם. קוועטשט — און קוועטשט אויס אַ בריוו פון זיין אייגענעם קאָפּ און ענטפערט אַליין דעם תירוץ.

„צו 17 יאָר האָב איך חתונה געהאַט, מיין מאַן איז עלטער פאַר מיר מיט 12 יאָר, איך האָב נישט געוואָלט האָבן

קיין קינדער, ער אָבער א. א. וו. איך בין יונג געווען און האָב נישט פאַרשטאַנען... האָט ער פאַרפירט אַ ליבע מיט עפּעס א יונגער אלמנה... ענטפערט, ה׳ רעדאַקטאָר!״

ענטפערט דער מאַרקסיסט:

„אונזער לעזערין איז אַן אָפּפער פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, וואָס לעבט נאָר צוליב געניוס. אין דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג וועלן קינדער אויפגעצויגן ווערן אויף קאָסט פון דער געזעלשאַפט, און אַ מיידל, וואָס איז נישט רייף גענוג צו הייראַטן, וועט נישט געצוואונגען זיין חתונה צו האָבן. מיר ראַטן אונזער לעזערין אַריינצוגיין אין איר מאַנס לאַגע און זען, אַז ער זאָל מיט דער יונגער אַלמנה נישט האָבן קיין שום פאַרבינדונגען״...

אָט אַזוי אַנטוויקלט אונזער מאַרקסיסט טאָג-טעגלעך דעם מאַרקסיזם און פּאַסט אים צו צו אַלערליי געביטן פון לעבן.

ער איז, אייגענטלעך, אַ גאַנץ געמיטלעכער מעטש. זיינע עצות זענען שטענדיק שלום; ער האַלט נישט פון קריגערייען און אַרומרייסענישן, וואָס פירן צו אַ גט. צו וואָס? — צו פיל ליבע איז נישט גוט, צופיל האַס — אויך נישט, אַלץ מיט אַ מאָס, אידעאַליסטיש דאַרף מען זיין, פערשטייט זיך, נאָר פונדעסטוועגן מוז מען געדענקען א. אַ. וו. בקיצור — אַ גאַנץ גוטער קאַנדידאַט אויף צו זיין אַ ווייבערישער סאָציאַליסטישער רבי און אָננעמען קוויטלעך, און „פדיונות״ — וואָלט אויך נישט געשאַדט.

נאָר איין אייציקן שונא האָט ער, אין דאָס איז נישט קיין אַנדערער — ווי גאָט אין הימל.

אַ פאַרביטערטער קעגנער פון גאָט.

ער דונערט אויף אים און זיינע רעדעס, וואָס ער האַלט אין אַ גמרא-ניגון, און דרייט צו מיטן גראָבן פינגער, און קאַכט זיך, און שילט, און „איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, זאָל ער באַווייזן זיין קונץ און זאָל ער מיך הרגענען דאָ אויפן אָרט״

און ער הערט אויף אַ מינוט צו שאָקלען זיך אויפן עכט-יידישן שטייגער, אָפּוואַרטנדיק, אפשר בשעת מעשה גיט אים

דאָס האַרץ אַ ציטער. ווער ווייסט? אפשר וועט גאָט טאַקי שיקן זיין דונער...

נאָר ער האָט זיך שוין צוגעוויינט צו דער מלאָכה, און עס איז געוואָרן אַ שטיק פון זיינע „ביזנעס" צו קריגן זיך מיט גאָט.

אין דער לעצטע צייט, זינט ד״ר זשיטלאָווסקי האָט גענומען פריידיקן דעם יידישן נאַציאָנאַליזם צווישן דעם סאָציאַליסטישן לאַגער, און ער האָט באַקומען פיל אָנהענגער, און זיינע אידעען זענען פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן דעם יונגען דור יידישע אַרבעטער, — האָבן זיך די אַלטע „אינטעליגענטן" און „מאַרקסיסטן" דערשראָקן.

זייער גאַנץ ביסל תּורה איז, צווישן אונז זאָל עס בלייבן, שרעקלעך, שרעקלעך אויסגעוועפּט געוואָרן. אָט אַזוי ווי מען איז אַראָפּגעקומען פון דער שיף, אַזוי איז מען געבליבן, מען האָט זיך נישט באַמיט עפּעס נייעס צו לערנען, כאָטש אַ ביסל אַמאָל צו נעמען אין האַנט אַריין, ווייל מישטיינס געזאָגט, פאַר וועמען דאַרף מען עס האָבן? מען האָט אַלץ גערעדט צו דער מאַסע פון פאַר 30 יאָר, און די דאָזיקע מאַסע האָט ווירקלעך מער נישט באַגריפן, ווי גראָבע און נאַרישע ווערטער, אָדער אָרגאַניזירן „יוניאָנס". מען האָט פאַרגעסן אַז דאָס לעבן שטייט נישט אויף איין אָרט, אַז דאָס יונגוואַרג, וואָס קומט איצט אַראָפּ, שטייט פיל העכער, ווי יענע מאַסע פון פאַר 30 יאָר, און פיל מאָל העכער פון די „אינטעליגענטן" און „מאַרקסיסטן" אַליין.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מען האָט באַלד דערפילט אַ שרעקלעכן שונא אין דער פּערזאָן פון ד״ר זשיטלאָווסקי, וואָס איז געקומען עפּעס מיט נייע ווערטער, מיט נייע אידעען.

דער מאַן וויל אונז בלאָזן אין די קאַשע.

האָט מען אָנגעגירטלט די לענדן און מען איז אַרויס אויף אַן עפנטלעכע פּאָלעמיק.

דער עדיטאָר אַליין איז דעמאָלט מיאוס דורכגעפאַלן, דער עולם האָט דערזען פון איין זייט אַ כראַלער מיט אַלטע נאַרי־

שע חכמות, פון דער צווייטער — אַ געבילדעטן מאָדערנעם יידישן מענטש.

הוראַ זשיטלאָווסקי!

און אויף צומאָרגנס איז אַרויס אַ באַפעל פון עדיטאָרס קאַבינעט: דערשטיקן זשיטלאָווסקין!

פאַרשווייגט מען זשיטלאָווסקין.

וואָס טוט מען אָבער מיט זיינע אידעען?

גיי פאַרשווייג זיי, אַז דאָס „אַפּיקורסות" איז שוין אַריינגעפאַלן אין אַן אומגליקלעכער שעה אין די קעפּ פון דער „מאַסע", און שפּראָצט איצט אויף פון אַלע זייטן. וואו מען זייעט אים נישט, דעם יידישן נאַציאָנאַליזם, דאָרטן וואַקסט ער

דער עדיטאָר איז אַ פּראַקטישער מענטש, און ער „באַדערט" זיך נישט מיט אַזוינע זאַכן.

אַזוינע זאַכן גיט ער איבער אין רשות פון „מאַרקסיסט" וועמען ער אַליין האַלט פאַר אַ ישיבה-בחורישן קאָפּ.

און אונזער מאַרקסיסט, וואָס האָט נעכטן ערשט „געפּייט" מיט גאָט, גייט היינט פּייטן מיטן נאַציאָנאַליזם.

צו וואָס, ליב-האַרציקע מענטשן, טויג אונז דער נאַציאָנאַליזם, דער שאָוויניזם? דער רוח זאָל אים נעמען! צו פאַרדרייען די קלאַסן-פּסיכאָלאָגיע האָט מען אים געדאַרפט! מען קאָן זיך באַגיין אָן נאַציאָנאַליזם! אַלא וואָס דען? די מאַסע רעדט יידיש? אָט האָבן מיר פאַר איר דאָך אַ סאָציאַליסטישע טעגלעכע צייטונג מיט אַ געוואַלטיקע „צירקוליישאָן".

הערט דאָס דער עדיטאָר, קלאַפּט ער דעם מאַרקסיסט אויף די פּלייצעס:

בראַוואָ, מאַרקסיסט, האָסט אַ גאונישן קאָפּ, און אַ שוטה ביסטו דאָך!

און דער מאַרקסיסט ווערט תּקיף ביי זיך, גירטלט נאָך מער אָן די לענדן און קעמפט, און קעמפט, און דרייט מיטן גראָבן פינגער, און שאָקלט זיך דערביי:

דער גאַנצער כּוח פון די אַרבעטער איז דאָך נאָר סאָלידאַריטעט, אַזוי ווי אין קאָמוניסטישן מאַניפעסט שטייט „אַר-

בעטער פון אַלע לענדער, פאַרייניקט אייך!" — היינט־זשע, צו וואָס טויג מיר דער נאַציאָנאַליזם, דער שאָוויניזם, דער רוח זאָל אים נעמען? אלא וואָס דען, זיי ווילן פאַרטונקלען דאָס קלאַסן־באַוואוסטזיין? כאַפּט־זשע נישט! מיר וועלן זיי געבן אי־בער די הענט...

און עס גייט אַ גאַנג.

טרעפט אַ מעשה־פלא:

פאַר עטלעכע וואָכן איז געווען די קאָנפערענץ פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. די סאָציאַליסטישע באַוועגונג מאַכט דאָ ריזיקע פאָרשריטן אין לאַנד, צווישן די אַמעריקאַנער אַרבעטער נאָך מער ווי צווישן די עמיגראַנטן. און אָט די קאָנפערענץ באַשליסט, אַז די פּאַרטיי זאָל זיך אָרגאַניזירן לויט נאַציאָנאַלע פעדעראַציעס, ד. ה. די איטאַליענער זאָלן האָבן זייערע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע, די פּוילישע זייערע, און— די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג זאָל זיין אָרגאַניזירט אין אַ יידישער פעדעראַציע.

דער קלאַפּ איז געקומען גאָר פון אַן אומגעריכטער זייט — פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

נאַציאָנאַליזם!

וואָס ד"ר זשיטלאָווסקי האָט געפאָדערט פאַר יידן, האָבן די איטאַליענער און אַלע אַנדערע נאַציעס, וואָס זענען פאַרטרעטן אין דער פּאַרטיי, געפאָדערט פאַר זיך און צום אומגליק, האָבן נישט די איטאַליענער און נישט די איבעריקע נאַציעס נישט געהאַט אַ גרויסע סאָציאַליסטישע צייטונג, וואָס זאָל די אידעען פאַרשוויינן, אָדער זיי באַקעמפן „ריין־מאַרקסיסטיש" איז אַרויסגעקומען, מען קאָן זאָגן אַן אומגליק.

און פונדעסטוועגן האָט אונזער מאַרקסיסט נישט פאַרלוירן דעם מוט. פעדעראַציע — זאָל זיין פעדעראַציע, יידישע — זאָל זיין יידישע, אָבער נאַציאָנאַליזם, ניין! אַלע זענען מודה, אַז מיר אַסימילירן זיך און מיר ווילן זיך אַסימילירן, און אַז אונזערע קינדער וועלן נישט און דאַרפן נישט פאַרשטיין קיין

יידיש. אלא וואָס דען? וואָס דאַרף מען אַ יידישע נאַציאָנאַלע פעדעראַציע?

פאַר דער „מאַסע״ דאַרף מען ז[illegible]אַר דער מאַסע, פאַר דער מאַסע! און אויב איר וועט זאָגן נאַציאָנאַליזם, וועל איך אייך זאָגן: דרייט נישט קיין ספאָדעק, מיר זענען מאַרקסיסטן, פאַרשטייט איר מיך, און דאָס קלאַסן-באַוואוסטזיין! און העגל האָט געזאָגט: טעזע, אַנטיטעזע און סינטעזז!

און ער פאַררעדט זיך טיף מאַרקסיסטיש און פילאָזאָפיש אַז דער עדיטאָר מוז אים ערשט באַרואיקן:

— האָסט אַ גאונישן קאָפּ, אַ שאָד וואָס אַ שוטה.

אין קוני־אײלאַנד

קוני אײלאַנד ליגט בײַם רעכטן אָקעאַנוס, און די פּאַליאַס שווי־מען דאָ און רוישן און צעגיסן זיך אויפן ברעג פֿון אָפֿענעם ים אַרויס.

נאָר אין גרעסטן שטורם־ווינט וועט איר נישט הערן זײַער געוויש אין קוני־אײלאַנד. די מענטשן האָבן דאָ אײַנגעריכט אַן אמתן אײגענעם ווילדן ים פֿון קולות: עס קלינגט און עס דו־נערט און עס טרומפּייטערט און קרעכצט — אָט דאָס קלײנע אינזל פֿון פֿאַרוויילונג, פֿון אַמעריקאַנער פֿאַרווײלונג.

איר האָט אוודאי שוין געזען אַ קאַרוזעל, און אפשר זענט איר שוין אַמאָל געפֿאָרן רײַטנדיק אויף אַזאַ פֿערד, ווייסט איר דעם טעם און דעם פֿאַרגעניגן דערפֿון? עס דרייט דעם קאָפּ און די וועלט דרייט זיך, און דער מוזיק־קאַסטן שפּילט צו, און די פּויק און די גלאָקן טוען דאָס זײַעריקע... היינט שטעלט אײַך פֿאָר אַזאַ מין „פֿאַרגעניגן״ (אויב איר האָט עס ליב) פֿאַרגרעסערט 100 מאָל, 1000 מאָל (אויב איר קאָנט אײַך פֿאָרשטעלן), און איר האָט קוני־אײלאַנד.

די „געלע שטאָט״ — האָט עס גאָרקי אָנגערופֿן.

איך בין פֿויל איבערצודערציילן אַלע נסים פֿון קוני־אײלאַנד. דאָס אינזל באָדט זיך אין אַ ים פֿון פֿײַערן און פֿון קולות און אַן אומגעהויערע עלעקטרישע קראַפֿט דרייט טויזנטער

רעדער, די רעדער שטופּן די קאַרוזעלעס, די וועגנדלעך, און אַלע אַנדערע מאַשינען און קאָמבינאַציעס, וואו איר זעצט אייך אַריין און עס וואַרפט אייך און שליידערט אייך, פון אויבן אַראָפּ, פון אונטן אַרויף, איבער קינסטלעכע טאָלן און בערגער און וואַסערן... די מיידלעך קוויטשען, און ביי די בחורים פאַרכאַפּט דער אָטעם... און דער עלטערער מענטש ווערט מיטגעשליידערט אין ריסל, אַזוי ווי עס איז אויפגעשריבן אין איינעם פון די פּלעצער.

„בי אָטשיילד אַגיין" (זיי ווידער אַ קינד).

אפשר וועט אַמאָל געבוירן ווערן אַן אמתער אַמעריקאַנער קינסטלער, און ער וועט דערפינדן נייע פאַרבן און מיטלען, ווי אַזוי צו באַשרייבן דאָס אינזל. איך וויל עס איבערלאָזן פאַר אים. אונזער איינער האָט אַ יאַריד אין קאָפּ, ער ווייסט נאָר אַזוי פיל, אַז מען האָט אים געריסן די נערוון, און לויפט שנעלער צוריק אין שטאָט אַריין, אָדער גייט צו צום פינסטערן ים, זעצט זיך אויפן זאַמד, קוקט אויף דעם שוים פון די כוואַליעס און אויף די לייכט-טורמס, וואָס ווינקען פון ווייטן.

איין פאַרגעניגן נאָר, עכט אַמעריקאַניש, וועל איך אייך פּרוּוון באַשרייבן.

עס איז זייער פּאָפּולער אין קוני-איילאַנד, און מען זאָגט, אַז מען מאַכט דערמיט גוטע „ביזנעס". געווינלעך, אויב מען האָט נאָר הצלחה, ווייל אַז מען האָט נישט קיין הצלחה, העלפט קיין זאַך נישט.

אַ ביידל אָפן פון פאָרנט. אין הינטערגרונט — אַ פאָרהאַנג, מיט אַ גרויסער עפענונג, פון וואַנען עס קוקט אַרויס אַ קאָפּ פון אַ נעגער, פון אַן אמתן לעבעדיקן שוואַרצן נעגער.

פאַר 5 סענט באַקומט איר 5 קאַרטאָפל, אָדער אַנדערע באַלעמס און איר וואַרפט אין נעגער, און צילט צו טרעפן אין קאָפּ.

דער נעגער לאַווירט מיטן קאָפּ, אין רייצט זיך מיט אייך מיט ווילדע אויסגעשרייען, אויב איר טרעפט נישט; אויב איר

טרעפט יאָ — לאָזט ער אַרויס נאָך אַ ווילדערן געשריי, און דער קלאַנג פון אַ גלאָק באַשטעטיקט אייער נצחון — איר האָט געטראָפן דעם נעגער אין קאָפּ אַריין.

און וואו איז דאָס „פאַרגעניגן״? — וועט איר פרעגן.

דערויף מוזט איר זיין אין אַמעריקע, כּדי דאָס פאַרגעניגן צו קאָנען געניסן. איר מוזט אייך דערצו „אויסגרינען״, און אייך בין אַלץ נאָך מסופּק, צי איר, מיט אייערע פאַרווייכטע הערצער, וועט אַמאָל קאָנען פילן דעם אמתן טעם פון טרעפן אַ נעגער מיט אַ קאַרטאָפל אין קאָפּ און אים אונטערשלאָגן אַן אויג. אייערע קינדער ערשט וועלן דעם טעם קאָנען געניסן איינגאַנצן.

נאָר ווי געזאָגט — הצלחה איז נויטיק. טרעפט, אַז איי־נער הויבט אָן צו וואַרפן, און דער נעגער צו קוויטשען, און דער וואַרפער קומט אַריין אין דער רציחה, און שליידערט אַ מטבע נאָך אַ מטבע, און עס פאַרזאַמלט זיך אַ רעדל, און אַ צווייטער פּרוּווט, און אַ דריטער און אַ פערטער, און דער נע־גער קוויטשעט נאָך ווילדער, איז לעבעדיק, און די „ביזנעס״ גייען גוט.

טרעפט אָבער שלים־מזל! דער נעגער קוויטשעט, דער אייגנטימער רופט די פאַרבייגייער און קיינער גייט נישט צו, איז די בודע אָרעם און וויסט, כאָטש נעם און זעץ זיך אויף דער פּאָדלאָגע און זאָג איכה.

און ווער האָט וויניקער הצלחה, ווי אַ גרינער?

אַ יידיש פּאָר־פאָלק איז ערשט פאַר אַ יאָרן אַראָפּגעקו־מען פון שיף, און אַ גוט־שטייענדיקער „אָנקעל״, וואָס האָט זיינע „ביזנעס״ אין קוני־איילאַנד, האָט זיי געהאָלפן אַראָפּקו־מען בשלום פון עליס־איילאַנד.

עס איז „סלעק״ (אַרבעטלאָזיקייט), ווי געווײנלעך אין די צייטן, נישטאָ קיין אַרבעט, האָט דער פעטער אַרויסגעהאָלפן צו דינגען אַ בודע אין קוני־איילאַנד.

געלט אויף סחורה איז נישטאָ — האָט מען געצוואונגען אַ גע־

גער, געקויפט אַ פאַרהאַנג מיט אַן עפּענונג, און פאַרטיק די „ביזנעס".

שטייט דער ייִד און די ייִדענע און וואַרטן אויף „קאַס-טימער", שווייען זיך אויס די העלזער מיט די פּאָר ענגלישע פראַזן, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעלערנט און — שלים־שלימזל! אַז ס'גייט נישט, גייט נישט, שריי חי וקים!

אַנטקעגן איבער קוויטשעט ווילד דער נעגער, אַ גרויסער „קראָוד" (מחנה מענטשן) האָט זיך פאַרזאַמלט, און „ניקלס" (5־סענטיקע) שיטן זיך ווי האָגל, אונזער בודע פוסטעוועט.

די ייִדענע פאַרברעכט אַזש די הענט, און שעלט קאָ-לומבוסן אין איר האַרץ. זי איז אַ בייזע קרענקלעכע ייִדענע, נאָר איר וואָלט געשוואוירן, אַז אַ גאָט־פאַרכטיקע, אַז אין דער היים האָט איר קול ביי אַ לויה איבערגעשטיגן דאָס יאָמערן פון אַלע ווייבער, און אין דער ווייבער־שול האָט זי געכליפּעט אויף דער העכסטער שטופע.

וואָס טוט מען? אַז קיינער קומט נישט! דער עיקר, פאַרשטייט איר מיך, איז דער אָנהויב. איינער פעדעמט איין, דערנאָך גייט עס שוין.

פאַלט דער ייִד אויף אַן עצה:

— נעם שרה־גריינע, און וואַרף דו!

— אַלע מיינע בייזע חלומות זאָלן אויסגיין צו דיר און צו דיין קאָפּ און צו דיין לייב־און־לעבן, אַמעריקע האָט זיך אים פאַרוואָלט! קראַנק געווען צו כאַליעווען אין דער היים!

אָפּגעזונגען דעם מזמור און אָפּגעגעבן דעם מאַן, וואָס עס געהערט צו אים, אַזוי ווי אַן אשת חיל דאַרף צו טון, פאַרברעכט שרה־גריינע די הענט, און דערמאָנט זיך אָן די עופּחלעך אין דער היים, וואָס קיינער גיט אויף זיי נישט אַכ-טונג. און זיי זענען אַוודאי הונגעריק אויך.

און — וואָס קאָן מען טון? — נעמט זי אַ קאַרטאָפל און וואַרפט דעם נעגער אין אַ צווייטן, און אַ דריטן.

איר פּנים איז בייז, די הענט גייען שלעפעריק. נאָר דער נעגער נעמט קוויטשען, און דאָס ווילדע קול זיינס צעררייצט

שרה־גרינעץ, און די הענט באַוועגן זיך ראַשער, די אויגן הויבן אָן בליצן.

איין פאַרבייגייער שטעלט זיך אָפּ זען די סצענע, ווי אַ פרוי וואַרפט אין נעגער, אַ צווייטער און אַ דריטער, און עס ווערט אַ רעדל. שרה־גרינע צעקאָכט זיך, וואַרפט און — טרעפט.

אַ ווילדער קוויטש פון נעגער, און דער קלאַנג פון גלאָק און דער עולם „טשירט" (שטימען פון אָנערקענונג) איר.

און דער ערשטער „ניקל" פאַלט אַריין, און עס ווערט לעבעדיק.

פון יענעם טאָג אָן האָט זיך שרה־גרינע צוגעוויינט, און יעדן אָוונט, ווען איר וועט אַראָפּקומען פון קוני־איילאַנד, וועט איר זען אַ פרוי אין אַ ספּאָרט־הוט, פאַרקאָכט און פאַר־היצט, שליידערט די קאַרטאָפל מיט בייזקייט אין דעם נעגער.

האָט נישט קיין טעות צו מיינען, אַז דאָס איז אַן אַמע־ריקאַנער מיידל פון דער „גאָלדענער וועסט", וואָס איר קאָנט זען ביי אייך אין וואַרשע אין קינעמאַטאָגראַף, ווי זי ציט דעם רעוואָלווער און רייט אויפן ווילדסטן פערד.

דאָס איז אונזער שרה־גרינע.

פראָפעסאָר פון פילאַנטראָפּיע

אויף עליס-איילאַנד, צום סדר, וואָס מען האָט איינגעריכט פאַר די 130 פאַרהאַלטענע עמיגראַנטן, האָב איך אים געזען צום ערשטן מאָל — אַ הויכער, אַ דאַרער, אַ בלאַסער, מיט אַ פּנים פון אַ קליינשטעטלדיקן שוחטס אַ ק[illegible]ט=איידעם.

„ד״ר ב. פּראָפעסאָר״ — איז זיין נאָמען.

„פּראָפעסאָר פון פילאַנטראָפּיע״.

איך האָב פון אַזאַ וויסנשאַפט, וואָס זאָל הייסן פילאַנ-טראָפּיע, אין מיין לעבן נישט געהערט. נישטאָ, דאַכט זיך, אין איראָפּע ערגעץ אין אַן אוניווערזיטעט אַזאַ מין קאַטעדרע פון פילאַנטראָפּיע.

עס איז אַ פּשוטע זאַך: איינער האָט געלט און אַ גוט האַרץ דערצו, אָדער ער האָט נישט קיין גוט האַרץ, נאָר ער האָט זיין געלט נישט וואו אַהין צו טון — גיט ער צדקה און ווערט אַ פילאַנטראָפּ. וואו איז דאָ די וויסנשאַפט?

נאָר אַ קשיא אויף אַמעריקע! אַז מען קאָן אויפבויען וויאָרסטן=לאַנגע בריקן, וואָס הענגען ממש אין דער לופטן, און מען קאָן בויען הייזער, וואָס קראַצן ממש דעם הימל — וואָסער ווערט האָט עס צו מאַכן אַ נייע וויסנשאַפט?

איבריקנס, זייענדיק אויף עליס=איילאַנד ביי דעם טרויעריקן סדר פון 130 פאַרביטערטע מענטשן, זענען מיר די מחשבות נישט געקומען אין קאָפּ אַריין.

עס איז געווען קאַלאַמוטנע אויפן האַרץ, ווי מען זאָגט אין וואָלין.

אין אַ ווינטיקן נאַסן פאַרנאַכט האָט אונז די שיף אַריבערגעפירט צו דעם טרויעריקן אינזל. מיר זענען דורכגעגאַנגען די גרויסע לאַנגע שטייגן, וואָס זענען געמאַכט פאַר מענטשן, וואו עס האָט זיך געהערט דער ריח פון קאַרבאָל. זיי זענען אַלע געווען איצט ליידיק. ביז זעקס אַ זייגער שטיקן זיך דאָ מענטשן און פעלקער, גרויס און קליין, מענער און פרויען און קינדער, און זיפצן און מורמלען אויף אַלערליי שפּראַכן און דיאַלעקטן. זיי ווערן געשיקט פון איין שטייג אין דער אַנדערער, טראַנספּאָרטירט דורך דער גרויסער דראָטענער רושטאָוואַניע. וואָס עפנט זיך, און ווידער ווערט די דראָטענע טיר פאַרשלאָסן, און זיי וואַרטן, וואַרטן. נאָך זעקס ווערט די גאַנצע מענטשלעכע סטאַדע אַריינגעיאָגט אין אַנדערע פאַרמאַכטע צימערן צו שלאָפן — אויב נאָר זיי געפינען אַ שטיקל קאַלטן האַרטן פּלאַץ אויף דער פּאָדלאָגע. די שטייגן זענען איצט געווען ליידיק, און נאָר דער שאַרפער ריח פון קאַרבאָל האָט עדות געזאָגט, אַז בייטאָג איז דאָ פאָרגעקומען אַן אָנגעשטרענגטע אַרבעט און מען האָט געמוסטערוועט מענטשלעכע קערפּער.

אָט אין אַזאַ שטימונג האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבן דער סדר פון יאָר תרע״ב.

די פאַרהאַלטענע עמיגראַנטן, אַזוי ווי זיי זענען דאָך אַרעסטירט, זענען געווען אָפּגעטיילט פון אונז, די געסט. זיי זענען געזעסן ביי באַזונדערע טישן. מיר — ביי אַ באַזונדערן. מיר האָבן זיך דורכגערעדט, דאָס הייסט: מיר האָבן גערעדט, און זיי האָבן געהערט; מיר האָבן געדרשנט, און זיי האָבן געפּאַטשט בראַוואָ.

ווייל אַמעריקע, מוזט איר וויסן, איז אַ לאַנד פון פרייען וואָרט, און ביי יעדע געלעגנהייט רעדט מען דאָ, און מען רעדט, און מען רעדט!

דאָ וועט איר נישט געפינען קיין מענטש, וואָס האָט אין

זיין לעבן נישט געמאַכט מינימום 100 „ספּיטשן" (רעדעס), סיידן ער איז אַ שטומער.

נאָך דעם ריכטיקן כאַראַקטעריסטישן „ספּיטש" האָט גע־האַלטן אונזער פּראָפעסאָר פון פילאַנטראָפּיע.

ער איז אויך „רעווערענד" (ראַבינער), און ער האָט גע־פּראַוועט דעם סדר.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און ער האָט אָנגע־הויבן צו רעדן, און ביי די ערשטע ווערטער זיינע האָב איך באַלד באַמערקט, אַז ער איז דער געבוירענער „פּראָפעסאָר פון פילאַנטראָפּיע".

ער האָט גערעדט צו דעם אומגליקלעכן עולם, ווי דאָס וואָלט געווען אַ חברה שנאָרערס און שלעפּערס, אַרויסגעגעבן פריקאַזן, ווי צו האַלטן זיך ביים טיש, און געגעבן זיי צו פאַר־שטיין, אַז אויב וועמען פון זיי וועט אָפּגליקן אַראָפּצוקומען אין דעם דאָזיקן לאַנד, זאָל ער וויסן, וואָסער פריי לאַנד דאָס איז, וואָסערע גוטע מענטשן דאָס זענען, און וואָס דאָס הייסט ציווי־ליזאַציע, און זיי זאָלן וויסן, ווי זיך צו האַלטן און ווי אָפּצו־דאַנקען.

איך האָב שוין באַמערקט אין איינעם פון מיינע פריערדיקע בריוו, אַז אין דער חברה „הכנסת אורחים" (זי האָט דאָס איינ־געאָרדנט דעם סדר) האָב איך שטענדיק געפונען זייער גוטע, זייער מענטשלעכע און פּראַקטישע באַציאונג צו די עמיגראַנטן.

פון וואַנען זשע קומט אָט דער טאָן?

די אייזערנע דראָטן האָבן דאָס געמאַכט?

צי ווייל די מענטשן זענען נאָך געווען „אויף יענער זייט אַמעריקע", דעריבער זענען זיי נאָך געווען אין די אויגן פון די געסט ווילדע פּאַנאַטישע ברואים?

אפשר דעריבער.

איך האָב מיך אינטערעסירט צו פרעגן וועגן דער פּער־זענלעכקייט פון דעם פּראָפעסאָר, און מען האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז זייער אַ וויכטיקע פּערזענלעכקייט אין ניו־יאָרק און שפּילט אַ זייער אָנגעזעענע ראָלע ביי די דייטשע „יאַהודים".

מען רירט נישט קיין האַנט אין די גרויסע פענסטער אָן אים.

און איך האָב מער נישט געפרעגט, פון וואַנען עס האָט זיך גענומען אַזאַ שפּאָגל־נייע וויסנשאַפט, וואָס הייסט פילאַנטראָפּיע.

אַז די גרויסע פענסטער ווילן, ווערט אַ פּרעזידענט אין לאַנד און אַז זיי ווילן, ווערט אַ רעקטאָר (דאָ אַ פּרעזידענט) אין אַן אוניווערזיטעט, און אַז זיי ווילן, ווערט אַ נייע וויסנשאַפט און אַ נייע קאַטעדרע.

אַ מאַטראָנע איז געשטאָרבן, וואָס האָט זייער געהאַלטן פון דר. ב., וואָס האָט אויך מסתמא פיל פּערזענלעכע מעלות. האָט זי איבערגעלאָזט געלט פאַר דעם אוניווערזיטעט צו גרינדן אַ קאַטעדרע פאַר פילאַנטראָפּיע, און דר. ב. זאָל זי פאַרנעמען.

פון וואַנען מען וועט נעמען די וויסנשאַפט, די לער־ביכער, די סטודענטן, וואָס זאָלן זיין די אַמאַטאָרן צו הערן די לעקציעס פון דער נייער וויסנשאַפט — דאָס זענען אַלץ קליינִיקייטן. אַז געלט איז דאָ, איז אַלץ דאָ. דער פּראָפעסאָר איז פּראָפעסאָר, און באַקומט זיין געהאַלט, און דער אוניווערזיטעט האָט אַ קאַטעדרע פאַר אַ נייער וויסנשאַפט.

די לעקציעס פון פילאַנטראָפּיע קומט קיינער נישט הערן, פאַרשפּאָרט ער צו לייענען. פאַר דאָס אָבער גילט דער טיטל „פּראָפעסאָר", כדי צוצוגעבן מער געוויכט דער פאַרביסענער אַסימילאַטאָריש־יאַהודישער טעטיקייט פון דעם דערמאָנטן רעווערענד.

ער איז, נעמליך, אַ פאַרביסענער אַסימילאַטאָר און אַ פאַרביסענער „יאַהודי".

די יידישע גאַס, דאָס יידישע ניו־יאָרק, קאָן אים כמעט נישט. דאָ בליען און וואַקסן אינסטיטוציעס פון זייער אייגענעם אינערלעכן כּוח. די „יאַהודים" האָבן פאַרלוירן דעם קאָנטראָל איבער דעם נייעם לעבן. אָבער דאָרט, אין די הויכע פענסטער, פון וואַנען דער גאָלדענער רעגן גייט אויף

שפּיטעלער און מושב־זקנימס, דאָרט רעפּרעזענטירט ער דאָס פאָלק, די מאַסע.

ער איז רעווערענד און פּראָפעסאָר פון פילאַנטראָפּיע. דאָס קלינגט אַזוי שיין... און ער קומט בעטן פאַר די אָרעמע ברידער, ווערט דאָס האַרץ פון דער מאַטראָנע ווייך ווי פּוטער, און אין דער צוואה ווערט פאַרשריבן אַ ציפער מיט אַ דריי נולן ביי דער זייט פאַר אַ מושב־זקנים, צו אַ שפּיטאָל.

דאָס זענען צוויי פאַרשידענע וועלטן. דאָס יודישע ניו־יאָרק, און דאָס „יצהודישע״. און יעדע האָט זיך אירע באַזונדערע טיפּן.

שבת־צונאַכטס

דעם יידישן שבת-קודש זעט מען נישט אָן אַזוי פיל אויף דער איסט-סייד, ווי דעם שבת־צונאַכטס.

אמת, ניו־יאָרק איז אַ יידישע שטאָט, אָבער אויך אַ שטאָט פון לוין־אַרבעטער, און די „שעפּער״ אַרבעטן שבת, און די געשעפטן זענען אָפן אויף איסט־סייד ווייט און ברייט.

פאַראַן דאָ זייער פיל יידן, וואָס דאַווענען און לערנען אין בתי־מדרשים; פאַראַן אַפילו חסידים, וואָס דאַווענען אין שטיבלעך נוסח ספרד; און אין בראָנזוויל — די יידישע קהלה, וואָס געהערט צו גרויס־ניו־יאָרק — פּאַרדוקט מען טשאָלנטס, אָבער רעליגיע איז דאָ שוין איינמאָל אָוועקגעשטעלט, אַז זי איז אַ פּריוואַט־זאַך. אין עפנטלעכן לעבן זעט מען עס נישט אָן.

אין עפנטלעכן לעבן איז דאָ איין גאָט איבער אַלע געטער און איין גאָט פאַר אַלע פעלקער — „ביזנעס״ הייסט דער גאָט. און די „ביזנעס״ האָבן דעם שבת־קודש נישט אָנערקענט אויף דער איסט-סייד, און דעריבער, ווער עס היט אָפּ שבת אין ניו־יאָרק — און אַזוינע זענען פאַראַן פיל — דער טוט עס פאַר זיך, אין זיין היים, אין זיין שול, אין זיין בית־מדרש.

די גאַס איז וואָכעדיק.

אָבער ווי עס קומט זעקס פאַרנאַכט, אין דער זעלבער שעה, ווען אין אונזער גוטער היים האָט מען זיך שוין אויסגעשלאָפן און מען זאָגט „ברכי נפשי״, דעמאָלט ערשט דאַכט

זיך, אַז די שבתדיקע מנוחה הויבט אָן שוועבן איבער די סטריטן (גאַסן) פון דער איסט־סייד.

און אַנטקעגן זיבן אַ זייגער זענען אונזערע יידישע טעכ־טער אויסגעפּוצט און אויסגעצירט: דער וואָכעדיקער פאַרהאַוועטער הו־האַ, דער ספּעציפישער ניו־יאָרקער „האַרי־אָפּ" גייט אַראָפּ פון זייערע פּנימער — מאָרגן איז זונטאָג, און מען גייט נישט אין „שאָפּ".

און אויף באָרפּאָלק־סטריט שפּילט די קאַטערינקע, אַ ניו־יאָרקער קאַטערינקע, דאָס מיינט מען, וואָס קלימפּערט און קלינגט און מאַכט קולות, אַז זי זאָל קאָנען גובר זיין דעם רעש פון דער שטאָט, און מיידעלעך פון זעקס יאָר, און „באָיטשיקלעך" פון פינף, נעמען זיך אָן פאַר די הענט, און מען טאַנצט אַ „טירקי־טראָט" אינמיטן דער גאַס, און מען בויגט די קליינע קער־פּערלעך, ווי געבוירענע נעגערס.

אויף ראָטגערס־סקווער שפּילן יידישע קינדער דעם הייס־געליבטן אַמעריקאַנער בייס־באָל, אַנדערע איבן זיך אין לויפן; אַלץ איז אין ווייסע העמדער, מיט נאַקעטע הענט און געזונטע מוסקולן. נאָר דאָס קליינוואַרג שפּילט אין וואָס עס קאָן, הוידעט זיך אויף די הוידאַווקעס, שפּרינגט, קלעטערט און — גאָטס וואונדער! מען זעט גאָר נישט אַזוי פיל צעבלויטיקטע נעזלעך און צעביילטע שטערנדלעך, ווי ביי אונז, ווען מען לאָזט די קינדער פריי.

די קינדער פון דער גאַס! די גאַס איז זייער בעסטער היטער.

און נעבן דעם אויסגעטרוקנטן פאָנטאַן פאַרזאַמלט זיך א רעדל אינטעליגענטע אַרבעטער.

נאָר איר ווייסט נאָך מסתמא נישט די געשיכטע פון דעם אויסגעטרוקנטן פאָנטאַן, דעריבער לאָזט מיך פריער דערציילן:

עס איז אַ מעשה פון יאָרן, און עס קלינגט כמעט ווי אַ לעגענדע, אַ בבא־מעשה, עס איז אָבער וואָר. מיט פיל יאָרן צוריק האָט אַ יידישער פילאַנטראָפּ — און אַז מען זאָגט אַ יידישער פילאַנטראָפּ, מיינט מען דאָס, פאַרשטייט זיך, יעקב

שיף — געוואָלט מאַכן עפּעס אַ פּרעזענט זײַנע אָרעמע ברידער, די איסט־סײַדער. ס'איז געווען די צײַט, ווען די איסט־סײַד האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן, און אין די הויכע פענסטער האָט מען אָנגעהויבן צו דערפילן איר קראַפט, און מען האָט געוואָלט נושא־חן זײַן אין אירע אויגן. האָט יעקב שיף אויף זײַנע קאָסטן געלאָזט אויפבויען אַ פּראַכטפולן פאָנטאַן, מיט אַ וואַסער־רעזערוואַר טאַקע דאָ אויף ראָטגערס־סקווער, און דאָס וואַסער האָט געשפּריצט אין דער הויך.

יידן איז דאָס זייער געפעלן. אַ המצאה פון אַ גביר, אָבער זיי האָבן דערפון נישט געמאַכט קיין גרויס ווען. פאַר דאָס אָבער האָט דער פאָנטאַן מער אויסגענומען ביי דעם ווײַבערישן געשלעכט, נישט אַזוי פיל פון שיינקייט וועגן, ווי צוליב בעל־הביתישקייט, פאַר וואָס זאָל גאָטס גאָב און דעם גבירס מתנה פאַרפאַלן ווערן? האָט מען געבראַכט די ברודיקע וועש, קינדערשע ווינדעלעך און געגומען וואַשן אין דער קהלישער באַליע, אַזוי לאַנג געוואַשן, ביז דאָס וואַסער איז געוואָרן שמוציק, און אַ שטינקעדיקער ריח האָט זיך געטראָגן דערפון, און ווער עס איז פאַרבייגעגאַנגען האָט געמוזט צוהאַלטן, במחילה, די נאָז. דער פאָנטאַן האָט, אמת, געטון דאָס זייניקע און געשפּריצט אַלץ פריש וואַסער, נאָר ווי אַזוי האָט עס געקאָנט קאָנקורירן מיט די איסט־סײַדער ברודיקע וועש! ס'איז נישט געווען לויט זייגע כוחות גובר צו זײַן דעם ים פון שמוץ, וואָס מען פלעגט אין דער קהלישער באַליע אַריינגיסן, אַזוי לאַנג, ביז מען האָט זיך אַרומגעזען, אַז די איסט־סײַדער זענען נאָך נישט דערוואַקסן פאַר אַזאַ לוקסוס, ווי אַ שפּריצנדיקער פאָנטאַן, און די קהלישע באַליע האָט אויסגעטרוקנט, און צוזאַמען מיט איר דער שמוץ.

עס איז געבליבן נאָר דער אויסגעטרוקנטער פאָנטאַן ווי אַ מאָנומענט פון אַלטע צײַטן, וואָס דערציילט פאַרגעסענע היסטאָריעס.

אָט נעבן דעם פאָנטאַן און אַנטקעגן דער געביידע פון

„פאָרווערטס״ קומט זיך צוזאַמען דאָס רעדל אינטעליגענטע אַר־בעטער און מען דיספוטירט.

איינער רעדט פאַר ציון, דער צווייטער פאַר אַ טעריטאָ־ריע, דער דריטער זאָגט, אַז דאָ איז אים ציון, און דער פערטער וויל גלאַט נישט וויסן פון נאַציאָנאַליזם.

געוויינלעך, פירן דעם דיספוט צוויי, און דער עולם אַרום שטייט און האָרכט. מען האָט דאָ ליב דעם „פייט״, דעם צוויי־קאַמף, און עס איז אַ רעגל, אַז צוויי פייטן, שטיי ביי דער זייט און מיש דיך נישט אַריין.

נאָר דער גרינער קאָן זיך נישט איינהאַלטן, און ער פאַלט אַריין מיט אַ גאַנצן באַרג שווערע ווערטער, אַזוי אַז ביידע ווערן אַנטשוויגן.

„די עקזיסטענץ פון דער מענטשהייט איז אין דער היס־טאָרישער אַנטוויקלונג איבערגעגאַנגען פון איין שטופע צו אַ צווייטער און האָט דערגרייכט צו אַ דיפערענצירונג״... די סאָ־ציאַלע רעוואָלוציע וועט ווידער זיין אַ שטופע צו אַ דיפערענ־צירונג א. א. וו. א. אַ. וו.

און אַז ער האָט אָפּגערעדט 15 מינוט, האָב איך נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, נישט נאָר וואָס ער זאָגט — ער האָט אַליין נישט געוואוסט — נאָר אַפילו נישט, צו וואָס ער ציט: צי איז ער אַ ציוניסט, אַ טעריטאָריאַליסט, אַ קולטוריסט, צי אַ לגמרי נישט קיין נאַציאָנאַליסט. משמעות, ער האָט אַליין אויך נישט געוואוסט, וואָס ער איז אויסן.

מען האָט אים אַפילו נישט איבערגעהאַקט, אָבער ער איז געוואָרן לאַנגווייליק, דאָס רעדל איז זיך צעגאַנגען, און ער האָט נישט געהאַט פאַר וועמען צו רעדן.

דער עיקר איז — שווערע ווערטער און אַ סך, אַ סך רעדן. אַמעריקע האָט ליב אַלץ אַ סך און האָט רעספּעקט פאַר אַ סך.

* *
*

אָפּגעזונדערט פון דעם יונגוואַרג, אויסגעזעצט אויף בענק,

זיצן יידן מיט גראָע בערד, יידן שוחטים, יידן בעלי־תפילות און גלאַט פרומע יידן מיט דעם רעכטן עונג שבת, זיפצן שטילערהייט און בענקען נאָך דער היים. אַ מדינה אַמעריקע! דאַכט זיך, נישט קשה, מען מאַכט אַ לעבן, אָבער פּאָרט עפּעס „נישט דאָס". וואָס דער „דאָס" באַדייט אייגנטלעך, קאָן איך נישט זאָגן, און זיי אַליין אפשר אויך נישט.

און מען ציט אַרויס דאָס פרומע „טאָגעבלאַט" פון קעשענע און מען פאַרטיפט זיך אין די דראָבנע אותיות פון אַ האַרטן מאמר (דעם ראָמאַן האָט מען נאָך נעכטן דורכגעלייענט).

עס ליגן שאָטנס אויף די גאַסן, און דער הימל נעמט זיך רויטלען, ווייל אָנזען קאָן מען עס נישט, די הויכע הייזער פאַרשטעלן.

און אַז עס ווערט אינגאַנצן פינסטער, וועט איר זען אין קאַנאַל־סטריט, פאַר די צוויי יידישע באַנק־הייזער, מחנות יידן, וואָס וואַרטן אויף דער ריי. דאָס איז די צייט, ווען מען שיקט אָפּ געלט צו די ווייבער אין רוסלאַנד, אין גאַליציע און אין רומעניע. אַלע פעדלערס, וואָס האָבן צוריקגעקערט פון דער פּראָווינץ און אָפּגערוט שבת, דער אַרבעטער, וואס האָט באַקומען אויסגעצאָלט זיין געהאַלט מיט עטלעכע שעה צוריק — אַלע איילן צו טראָגן געלט אין באַנק אַריין און אַרויסצובאַקומען דעם „טשעק" אַהיימצושיקן צו זייערע פאַמיליעס.

און מען פילט אַזוי, ווי ווען די יידן שטייען דאָ געפּאַקט אויפן טראָטואַר אונטער דעם קליינעם שטיקל הימל מיט די פּאָר שטערן, וואָס זעען זיך אַרויס — אַז די יידן לעבן איצט ווייט־ווייט, יעדער אין אַ שטעטל מיט אַ ברייטן אָפענעם הימל, מיט פלוימען־גערטנער, מיט נידעריקע הייזלעך, וואו אַ פאַרבענקט ווייב און קינדערלעך וואַרטן אויף זייער טאַטנס גרוס, אויף אַ טשעק און אויף דער גליקלעכער בשורה, אַז מען וועט זיי אין גיכן אַראָפּנעמען.

עס איז אַ האַרציקע סצענע, און עס פּאַסט פאַר אַ שבת־צונאַכטס.

די הייליקע שטאָט

„דיסטריקט אַטאָרניי" (דער פּראָקוראָר) וויטמאַן האָט אָנגענומען די שטאָט ניו־יאָרק ביי אירע ראַנדן, אַזוי ווי מען נעמט אָן אַ טישטוך, און גענומען אויסשאָקלען פון איר די זינד מיט די זינדיקע.

און ער האָט אויפגעדעקט שרעקלעכע זאַכן: די זינד האָט געוואוינט אין סאַמע מיטן פון דער גאָטספאַרכטיקער שטאָט ניו־יאָרק.

ערשטנס: „געמבלט" מען אין ניו־יאָרק, דאָס הייסט, מען שפּילט קאָרטן און רולעטקע און מען געוועט זיך אויף פערד.

צווייטנס: אַז אין ניו־יאָרק איז פאַראַן פּראָסטיטוציע.

און אַזוי ווי ער האָט געמאַכט די צוויי דערשיטערנדיקע אַנטדעקונגען, רייט ער איצט אויפן פערד, און אַלע צייטונגען פון גרויס ביז קליין „בומען" אים (בומען — רעדן פיל פון אַ מענטש און מפרסם זיין נאָמען צום גוטן), און ער איז דער העלד פון טאָג, און יעדע פּאַרטיי וויל אים האָבן אויף איר „טיקעט" (ליסטע פון די קאַנדידאַטן, וואָס אַ פּאַרטיי שטעלט אַרויס צו וואַלן), רוזוועלט אַפילו, וואָס איז באַרימט מיט זיין נאָז צו דערשמעקן, וואוהין דער ווינט בלאָזט, וויל אים אויסכאַפּן פאַר אַ קאַנדידאַט פון דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי אויף גובערנאַטאָר.

מען צערייסט אים, ווי מצה־וואַסער.

און אַפילו אונזער דזשייקאָב שיף אויך.

כאַטש וועיטמאַן איז דאָס דער זעלבער „דיסטריקט אטאָר-ניי", וואָס האָט אויפגעקאָכט די מעשה-בראַנד צו פאַרשוואַרצן שיפס נאָמען און צו העצן אויף יידן און אויף דעם יידישן „דזשאָדזש" (ריכטער) ראָזאַלסקי.

עס מאַכט נישט אויס. פון דער בראַנד-געשיכטע ביז צו דער נייער פּאָליציי-געשיכטע זענען שוין דורך עטלעכע חדשים און ווער האָט דאָ אַזאַ געוואַלטיקן זכרון צו געדענקען געשיכטעס פון פאַר עטלעכע חדשים?—

אין דער דאָזיקער מדינה פון „האַרי אַפּ" איז אַ טאָג אַ יאָר.

די אַלטע סענסאַציעס זענען פאַרגעסן, און אין דער ניי-ער איז וועיטמאַן דער זיגער, און דער „פּאָליס-קאָמישיאָנער" און אַפילו דער מעיאָר אַליין, און — איך האָב מורא צו זאָגן— דער גובערנאַטאָר דיקס אַליין אין אַלבאַני (רעזידענץ פון שטאַט ניו-יאָרק) פילן זיך ממש אַלע, ווי זיינע אונטערטעניקע.

וועיטמאַן דיקטירט, און זיי האָרכן און פאָלגן: וועיטמאַן זאָגט, און אַלע צייטונגען זאָגן „אמן". נישט זיי זאָגן, נאָר זיי שרייען „אמן"; און אַז פּאָליס-קאָמישיאָנער וואַלדאָ זאָגט עפּעס, אָדער מעיאָר געינאָר זאָגט עפּעס צו זייער פאַטיידיקונג, מאַכן די צייטונגען ליצנות, און שטעכן און בייסן.

די זעלבע צייטונגען, וואָס מעיאָר געינאָר איז מיט עט-ליכע חדשים צוריק פאַר זיי געווען אַ גאָט און וואַלדאָ אַ מלאך.

יאָ! ווער האָט דאָס אין דעם לאַנד אַזאַ געוואַלטיקן זכרון צו געדענקען, וואָס ער האָט געזאָגט מיט עטלעכע חדשים צוריק.

נישט אַפילו אַזאַ פעיקע פּערזענלעכקייט, ווי רוזוועלט, קאָן זיך דערמאָנען, ווער עס האָט געגעבן געלט צו זיינע קאָמפּאַניעס אין די פריערדיקע יאָרן, און דער סענאַט אין וואַ-שינגטאָן האַלט אים אין איין דערמאָנען, אַז די טראָסטן האָבן געגעבן די 100.000 דאָלאַר, און משמעות, נישט צוליב פּרינ-

ציפן, נאָר צוליב — מען זאָל זיי לאָזן צורו, און דאָס געזעץ זאָל זיי נישט פאַרפאָלגן.

ווי אַזוי־זשע זאָלן טעגלעכע צייטונגען האָבן אַזוינע זכרונס? — אַזן ווער זאָל זיי דערמאָנען?

קורץ: וויטמאַנען געהערט איצט דער אויבן־אָן, און מע־יאָר געינאָר האָט אַ פּנים ווי חוזק.

און אַלץ צוליב די צוויי געוואַלטיקע אַנטדעקונגען אין דער גאָטספאָרכטיקער שטאָט ניו־יאָרק.

ווייל איידער וויטמאַן האָט אויף זיך גענומען די שווערע מי אַרויסצובערענגען אויף דער ליכט פון טאָג די זינד פון דער שטאָט, איז ניו־יאָרק געווען אַ צנועה, אַ פרומע, ריינע, כשרע שטאָט.

מען האָט נישט געהערט, אַז מען זאָל אין איר „געמבלען"; מען האָט נישט געהערט, עס זאָל זיך אין איר געפינען אויס־געלאַסנקייט.

ווייל דאָס געזעץ האָט ביידע פאַרבאָטן: „געמבלען" און פראָסטיטוציע.

און די געזעצן מאַכן די הייליקע „אַסעמבל־לייט" (די דעפּוטאַטן פון דעם סטייט־פּאַרלאַמענט) און ווער וועט דאָס וואַגן עובר זיין אויף געזעצן, וואָס די דאָזיקע געוויילטע פון פאָלק האָבן געמאַכט?

ווייל אויב אַ „פּאָליטישן" אין וואַשינגטאָן האָט אַ שטאַרק געוויסן, ווי אַ מויער, נישט איינצוברעכן, סיידן מיט מינימום צען טויזנט דאָלאַר, האָט דער קלענערער „פּאָליטישען" אין אַלבאַני אויך נישט קשה פון אַ געוויסן, נישט איינצוברעכן און נישט אָפּצוקויפן, סיידן מיט מינימום טויזנט דאָלאַר.

האָט מען געמיינט, אַז היות די געזעצגעבער פון ניו־יאָרק האָבן פאַרבאָטן אי געמבלען, אי פּראָסטיטוציע, עקזיסטירן זיי שוין נישט.

אמת, מען האָט עפּעס געהערט פון אַ גאַנצן רייכן קוואַרטאַל פון שטאָט, וואָס הייסט „טענדערליין", אַ קוואַרטאַל וואָס האַלב וואַרשע קאָן דערין אַריין, און מען האָט געוואוסט

אַז דער דאָזיקער קוואַרטאַל איז דאָס קיניגרייך פון דער פּראָסטיטוציע, אין „טענדערליין" פאַרשטעקט זיך נישט ערגעץ אין הינטערגאַסן, נאָר ער ליגט אין רעכטן בעסטן מיטן פון דער שטאָט.

אמת אויך, אַז עס איז זיך געווען לייכט משער צו זיין, אַז ווי גאָטספאָרכטיק די געזעץ־געבער אין אַלבאַני זאָלן נישט זיין, איז דאָך ניו־יאָרק אַ שטאָט פון קרוב צו 5 מיליאָן מענטשן, און דערונטער אַזוי פיל עמיגראַנטן, און די פּראָסטיטוציע איז דאָ פאַרהעלטנישמעסיק נישט קלענער, אויב נישט גרעסער, ווי אין אַנדערע גרויסע שטעט, אויף דער און אויף יענער זייט אוקיינוס.

און מען האָט זיך נישט געדאַרפט דווקא משער זיין מיטן אייגענעם שכל. עס איז זאָגאַר אויסגערעכנט געווען, אַז אין ניו־יאָרק געפינט זיך אַן ארמיי נישט ווייניקער ווי פיפציק טויזנט פרויען, וואָס לעבן פון אויסגעלאַסנקייט.

און ווי שייך מען זאָל נישט „געמבלען" אין ניו־יאָרק? און פאַרוואָס זאָל מען נישט געמבלען? געלט צו שפּילן איז דאָ, און גרויסע צדיקים איז מען נישט, און אַביסל עולם הזה האָט מען ליב, און קולטור־פאַרווייַלונגען, צווישן אונז זאָל עס בלייבן, זענען גראָד נישט פאַראַן אַזוי פיל. מען קאָן דאָך נישט זיצן אַ גאַנצן טאָג אין „מואָווינג־פּיקטשערס" (קינעמאַטאָגראַף). הייַנט וואו זאָל אַן „אָל־רייט"ניק, אַ מענטש, וואָס האָט געלט און צייט, פאַרברענגען זיין געלט און צייט?

אָבער — דאָס געזעץ האָט פאַרבאָטן, און ניו־יאָרק איז געוואָרן גאָטספאָרכטיק.

די געזעצן האָט מען געדאַרפט האָבן, אויב נישט כּדי זיי זאָלן אָפּגעהיט ווערן, ווייל עס איז דאָך לעכערלעך צו פאַרבאָטן אין ניו־יאָרק פּראָסטיטוציע און געמבלען, זענען אָבער די געזעצן נויטיק געווען, כּדי ניו־יאָרק זאָל בלייבן מאָראַליש (מען איז דאָ שרעקלעך־שרעקלעך מאָראַליש) און כּדי... פּאָליציי זאָל קאָנען נעמען כאַבאַר און פאַרקויפן פּראָטעקציע.

האָט זיך אַנטוויקלט אַ געוואַלטיק געשעפט אין ניו־יאָרק

אַ ביזנעס פון ערשטן סאָרט — דאָס איז דער מסחר מיט „פּראָטעקשען״.

פּאָליציי האָט געהאַט פעסטגעזעצטע פּרייזן פאַר „פּראָטעקשען״, געמבלינג-הייזער און אויסגעלאַסענע הייזער, באַזונדערע פּרייזן פאַר גרויסע און קליינע אַנשטאַלטן, און דער מסחר האָט געהאַט אַגענטן. און די „פּאָליטישענס״, וואָס פירן דאָס רעדל זענען געשטאַנען הינטער די קוליסן און האָבן אַראָפּגענומען די סמעטענע פון דער מילך.

ביז עס האָט געטראָפן די מעשה פון דעם פּאָליציי-לייטענאַנט בעקער, וואָס האָט געהייסן אָפּרוימען פון וועג אַ געמבלער, וואָס האָט גענומען אויסזאָגן סודות פון חדר. דער געמבלער ראָזנטאַל איז דערהרגעט געוואָרן, בעקער איז אַרעסטירט, און וויטמאַן רייט אויפן פערד און רייניקט די שטאָט ניו-יאָרק.

גאָר ווי אַזוי רייניקט מען?

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די כעלמער מעשה מיט שניי. מען האָט געוואָלט אין כעלם, אַז קיינער זאָל נישט צעטרעטן דעם ווייסן שניי, וואָס פאַלט אָן איבער נאַכט, האָט מען געמאַכט אַ תקנה, אַז אויב ביינאַכט וועט פאַלן אַ שניי, זאָל דער שמש אַרומגיין אָנקלאַפּן אין באַלעבאַטישע הייזער, זיי זאָלן זיצן אין דער היים. האָט זיך אָבער איין כעלמער חכם דערמאַנט, אַז דער שמש אַליין האָט דאָך פוס און וועט צעטרעטן דעם שניי, האָט דער צווייטער חכם געגעבן אַן עצה, מען זאָל דעם שמש אַרויפזעצן אויף אַ טיש, און אַ פּאָר מענטשן זאָלן אים טראָגן, דער דריטער האָט געזאָגט, אַז די פּאָר זאָלן אַנדערע פיר טראָגן א. אַז. וו.

אַלזאָ — מען מוז מאַכן אַן אונטערזוכונג? איז קודם-כל, פאַרשטייט זיך, וויל וויטמאַן נישט אָנטרויען דער פּאָליציי, דינגט ער אַ פּריוואַט שפּיאָנען-אַגענטור, דינגט די צווייטע זייט אַן אַנדערע פּריוואַט-אַגענטור, און מען שפּיאָנירט זיך קעגנזייטיק. קומען די „עלטסטע פון שטאָט״ (די אָלדערמען) צום גענעראַל, לאָמיר מאַכן אַן אונטערזוכונג. ווער זאָל זי מאַכן? אַ שטאָט-באַאַמטער? ער האָט דאָך אויך פּיס, און אַ פּאָליטישן

„דזשאַב". ניין, די „אָלדערמען" אַליין וועלן מאַכן, און וועלן דינגען אַ פּריוואַט־אַדוואָקאַט צו פירן די אונטערזוכונג. ווייזט זיך אַרויס, אַז די „אָלדערמען" אַליין האָבן אויך פּיס, זיי האָבן גענומען כאַבאַר, וואו נאָר זיי האָבן געקאָנט און האָבן אויך געפירט אַ רעגולערע ביזנעס מיט שטאָט־פּריווילעגיעס...

און עס איז אַ מעשה אָן אַן עק, און די גרויסע קאַשע איז אויפגעקאָכט געוואָרן.

אַ סברה, אַז צווישן די באַאַמטע פון פּראָקוראָר־אַמט אַליין זענען אויך נישט אַלע ריין, און מען האָט דאָרטן אויך גענומען כאַבאַר — טאַקע פון אויסגעלאַסענע הייזער.

אָבער דאָס אַלץ מאַכט נישט אויס. די הייליקייט פון די געזעצן האָט קיינער נישט געוואַגט אָנצורירן. ניו־יאָרק איז אַ גאָטספּאָרכטיקע שטאָט, און דער עולם האָט ליב צו זיין גע־נאַרט.

און פאַרגעסט נישט, עס איז פאַר די „עלעקשאָנס" (וואַלן) און אָן אַן אויפגעקאָכטער קאַשע רירן זיך נישט די רעדער.

סליחות

שבת־צו נאַכטס פאַר ראש־השנה, צו די ערשטע סליחות, האָב איך שפּאַצירט אויף איסט־בראָדוויי.

ס'איז געווען אַנטקעגן האַלבער־נאַכט, און אַ קיל ווינטל, אַן אָנצוזהערעניש פון האַרבסט־צייט און פון נאָז־קאַטאַרס, האָט געבלאָזן. איסט־בראָדוויי איז די הויפּט־גאַס פון דער יידישער געגנט אין ניו־יאָרק, און דאָס געליבטע אָרט פון אַלע גרינע, דאָ וועט איר הערן אָפט קנאַקן רוסיש, און דאָ בענקט זיך אַמבעסטן צו דער אַלטער היים. מיר אַליין, גייענדיק דאָ, האָט זיך אויך פאַרבענקט צום זאַקסישן גאָרטן און צו אַ באַקוועם טישל און דער רעדאַקציע.

געטראַכט האָב איך וועגן דעם, וואָס איך האָב געזען און געלערנט אין פאַרלויף פון די זיבן חדשים, וואָס איך בין דאָ. ווי איינער וואָס פּאַקט זיך אין וועג אַריין און נעמט צוזאַמען דאָס גאַנצע ביסל האָב־און־גוטס, וואָס ער פאַרמאָגט, אַזוי פּרוּוו איך איצט צו ברענגען אין אָרדענונג די פאַרשידענע איינדריקן, וואָס דאָס דאָזיקע לאַנד פון אַ נייער מענטשהייט און אַ נייער צוקונפט האָט מיר געגעבן. איך וויל אויך איצט נישט „באַדערן" מיט די איינדריקן. איך וויל דאָס איבערלאָזן אויף אַן אַנדער צייט, ווען איך וועל דאָס אַלץ זען פון דער ווייטן, ווען איך וועל קוקן אויף די זיבן חדשים פון מיין לעבן פון אַ געוויסער פּערספּעקטיוו.

ווי געזאָגט, האָב איך שפּאַצירט אויף איסט־בראָדוויי און געבענקט, ווי אַ גרינער. און אינמיטן דערינען האָב איך דערהערט אַ מאָדנע טרויעריק געוויש קומען פון אַ הויז אַרויס דורך אָפענע פענסטער. איך האָב אין אָנהויב נישט געוואוסט, וואָס דאָס איז אַזוינס, אָבער היימיש איז דאָס געווען און יידישלעך־אומעטיק און נאָענט צום האַרץ, אַזוי ווי אַ ווינט וואָלט געקויקלט הויפנס פאַרוועלקטע בלעטער, אַזוי ווי די ווערבעס וואָלטן געוויינט.

און פון אַ צווייטן הויז האָט זיך באַלד אָנגערופן אַ צווייט געוויש און געמורמל, און אַ דריטס, און אַ פערטס — פון אַלע זייטן. און דורך איסט־בראָדוויי האָט זיך געטראָגן אַ מין טרויעריק, ווינטיק, שוידע־דיק „קול דממה דקה".

איך האָב לאַנג נאָכגעדענקט, ביז איך האָב מיך געכאַפּט, וואָס דאָס איז אַזוינס — די ערשטע סליחות!

יידן זאָגן סליחות.

איך האָב מיך שיער נישט געקלאַפּט „על חטא". משטיינס געזאָגט, וואָסער ייד בין איך, אַז איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז היינט איז ערשטע סליחות.

ניו־יאָרק האָט נישט פאַרגעסן!

פאַר 30 יאָר איז אָנגעקומען אַ גרופּע עמיגראַנטן־אינטע־ליגענטן, מיט סאָציאַליסטישע און נאַציאָנאַליסטישע אידעען. זיי האָבן זיך גערופן „עם־עולם", און האָבן מיטגעבראַכט פון דער שיף אַראָפּ אַ ספר־תורה. מאַנכע פון זיי זענען געוואָרן גאַנץ אָנשטענדיקע ביזנעס־לייט, דאָקטורים, כּלל־טוער, און איך ווייס נישט, אויב עמעצער פון זיי ווייסט איצט, וואו די ספר־תורה געפינט זיך. איך בין מסופק, צי איינער פון זיי איז צווישן די, וואָס דערמאָנען איצט די דרייצן מידות, וואָס בעטן איצט צו־זאַמען און מאַכן פול די איסט־בראָדוויי מיט זייער האַרבסטיק געבעט, וואָס רירט און שוידערט און מאַכט ציטערן.

יאָ! די עדה, דאָס גרויסע, אומגעהויערע, וואָס לעבט דורך דורות אומבאַוואוסט, און באַוועגט זיך און פאַלט און

הויבט זיך, ווי די כוואַליעס פון ים — האָט אירע אייגענע וועגן.

זיי רופן זיך נישט „עם-עולם” און האָבן קיין ספר-תורה נישט מיטגעבראַכט, און אָט זינגען זיי איצט זייער טרויעריקע, שווידערדיקע מעלאָדיע איבער אַ גאַנצער גאַס, טויזנטער מייל ווייט פון דער היים, בעשליידערט דורך לענדער, איבערן אוקיינוס.

* * *

איך מוז זאָגן דעם אמת, אַן אמת וואָס איז מיר נישט אָנגענעם צו זאָגן, ווייל ער איז כלל נישט אין איינקלאַנג מיט מיין אני־מאמין.

אַלס מענטשן האָבן יידן דאָ זייער-זייער פּראָגרעסירט. 90 פּראָצענט פון זייער גלות-לעבן און גלות-פּסיכאָלאָגיע האָבן זיי אָפּגעשליידערט פון זיך. אויב ס'איז פאַראַן אַ לאַנד, וואו דער ייד פילט זיך אַ בירגער, און אָן קאַטאָוועס אַ בירגער, אַ פול-מענטש און אַ גלייכבאַרעכטיקטער נישט נאָר אויפן פּאַפּיר — איז עס דאָ, אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

אַלס מענטשן האָבן יידן דאָ אַ שטיקל קעגנוואַרט, און גאָר נישט קיין שלעכטע אויסזיכטן אויף אַ צוקונפט. אָבער אַלס יידן, אַלס אַ נאַציע איז די קעגנוואַרט נאָך ווי עס איז, די צוקונפט אָבער איז טונקל, שאָטנדיק, און מען מוז זיין אַ גרויסער-גרויסער אָפּטימיסט, כדי צו גלויבן אין אַ נאַציאָנאַל-יידיש לעבן אין דעם דאָזיקן לאַנד פון „ביזנעס”, „פּאָבליק-סקול” און „בייס-באָל”...

אַז איר וועט זיך אָפּרוקן אַביסל „אַפּ-טאַון” (אַרויף שטאָט) ביז צו דער 12-טער סטריט, וועט איר טרעפן אַ גאַנצע גאַס אילומינירט מיט עלעקטרישע לעמפּלעך, אַזוי ווי אַ טויער פון פייערן זעט זי אויס אינגאַנצן. דאָרט וואוינען די איטאַליענער, און זיי האָבן דאָרט זייער יום-טוב, און די סלאַוון האָבן זייער קוואַרטאַל, און די דייטשן, און די סקאַנדינאַוון א. אַ. וו.

װעלן די אַלע נאַציעס, לאָמיר זאָגן, אין הונדערט יאָר ארום, פֿירן צו אָפּגעזונדערט לעבן און פּראַװען באַזונדערע ימים־טובים!

אָט איז די פֿראַגע פֿון דער יידישער צוקונפֿט דאָ, אַלס נאַציע...

אָבער פֿון די פֿענסטער פֿון איסט-בראָדװײ טראָגט זיך דאָס היימישע געמורמל, און איך אונטערשייד פֿון צװישן דעם געמורמל די װערטער: אל רחום וחנון... װעט אַ נס געשעען? און צי האָבן מיר נישט געלעבט מיט נסים?

„פּיראָש“

איך האָב נעקאָגט איין־איינציק וואָרט אונגאַריש — „פּיראָש“, און זי האָט זיך געקאָנט דערמאָנען קוים איין־איינציק וואָרט יידיש — „אַ פּיצעלע“, און צווישן אונז איז שיער נישט געווען קיין ראָמאַן. דאָס בילד פון דעם מיידל, וואָס איך האָב געזען אויף דער שיף, האָט מיך לאַנג־לאַנג פאַרפאָלגט. שוין אין ניו־יאָרק זייענדיק, און נישט אומזיסט: זי איז נעמלעך געווען שיין און יונג, בליענדיק ווי אַ רויז, און דערביי מרה־שחורה־דיק, ווי אַ פאַרוואונדעט פייגעלע, וואָס פאַרוואַרפט דאָס קעפל, און לאָזט אַראָפּ די פליגעלעך, אין אירע אויגן האָבן זיך מאָדנע צוזאַמענגעפאָרט אַ הילכיקע פאַרב פון אַ יונג־לעבן מיט אַ שווערער פאַרזאָרגטקייט.

דאָס שענסטע מיידל אויף דער שיף.

אויף דער שיף זענען געפאָרן אַ גרופּע אונגאַרן. פיל פון זיי יידן אָבער אויף אַזויפיל אַסימילירט, אַז ס׳האָט זיך כמעט נישט אָנגעזען קיין אונטערשיד צווישן זיי און די קריסטן. די גרופּע האָט זייער פלייסיק געשפּילט קאָרטן, געשפּילט מיט היץ, מיט טעמפּעראַמענט, געשליידערט די קאָרט זיגרייך אויפן טיש און אויסגעשריגן—„פּיראָש“, רויט, הייסט עס.

אָט פון וואַנען עס האָט געשטאַמט מיין קענטעניש פון דער אונגאַרישער שפּראַך. איך האָב מיך אָפּגעזאָגט פון יעדער האָפענונג צו לערנען עפּעס מער אונגאַריש, ווי דאָס איינציקע

וואָרט, ווייל אונגאַריש איז אַ ווילד-פרעמדע שפּראַך אין איי-ראָפּע, האָט גישט קיין ענלעכקייט מיט קיין שום שפּראַך, וואָס ווערט אין איראָפּע גערעדט, סיידן מיט דער פינישער, און דערצו אַ שווערע קאָמפּליצירטע גראַמאַטיק, ווי מען האָט מיר דערקלערט.

פּיראָש! ס'איז געווען גענוג פאַר מיר. דער טעמפּעראַ-מענט פון דער ראַסע האָט פאַר מיר אָפּגעקלונגען אין דעם שאַרפן אַקצענט, מיט וועלכן דאָס וואָרט איז אַרויסגעזאָגט גע-וואָרן, אין די פייערדיקע אויגן און אין דער ציגיינערישער רירעוודיקייט.

דאָס מיידל, מיין שיינהייט, איז אויך געווען אַן אונגאַ-רישע, אָבער זי האָט געהערט צו דעם „סטירעדזש", צו די פּאַסאַזשירן פון דריטן קלאַס, און מיר, די יחסנים, פלעגן זיך פאַרנאַכט אַרויסלאָזן אויף דער דעק, אָנקוקן דעם געמישטן עולם פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן און ראַסעס, מייסטנס — אַ פויערישע באַפעלקערונג.

דער דריטער קלאַס האָט אין די ערשטע טעג פון אונ-זער רייזע שרעקלעך געליטן פון דער ים-קראַנקייט. עס האָט אויסגעזען, ווי אַ לאַזאַרעט. גרופּנווייז זענען געלעגן די משפּחות פון דער ערד: פּאָליאַקן, רוטענער, איטאַליענער, בעמען, אונגאַרן, יידן א. א. וו. געטוליעט איינער צום אַנדערן, די ווייבער איינגעהילט אין פאַרביקע טיכער, די מענער אין שווערע פּאַלטנס, די פּנימער געפאַרבט מיט דעם ספּעציעלן ערד-קאָליר, די אויגן פאַרלאָפן, — און האָבן געטון... וואָס מען טוט גע-וויינלעך ביי ים-קראַנקייט.

צווישן דער גרופּע אונגאַרישע ווייבער און מיידלעך, אין אַן אָרעמער, אָבער נאַציאָנאַלער קליידונג פון דער פויערישער באַפעלקערונג, האָט זי מאָדנע אַרויסגעלויכטן — דאָס פאַר-אונגאַרישטע, פאַרפויערישטע יידישע מיידל. זי האָט אָנגעלענט איר מידן קאָפּ אויפן אַקסל פון אַ חברטע, ווי אַ פול-באַ-רעכטיקטער מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער גרופּע אויפן דעק. ס'איז געווען צו באַמערקן, אַז די חברטעס האָבן זי זייער

ליב, זיי האָבן גערן פאַרליב גענומען איר הערלעכן קאָפּ אויף זייער אַקסל, אָבער איר אַקסל איז געווען פריי, און דאָך האָט זי, קאָנטיק, פון דער ים־קראַנקייט וויניקער געליטן ווי זיי. אַ שווערע מידקייט איז נאָר אויף איר געלעגן, וואָס האָט איר איבריקנס שיין געפּאַסט, אָבער די בליענדע פרישקייט פון איר פּנים האָט נישט געליטן, און די אַביסל קראַנקהאַפטע אויגן האָבן געשמייכלט.

אַזוי ווי דער רוישנדיקער ים מאַכט אַ מענטשן זייער ראָמאַנטיש, האָב איך נישט פאַרמיטן זי צו פאַרגלייכן אין מיין פאַנטאַזיע צו אַ פּרינצעסין צווישן אירע באַדינעריגס, אָדער —

„אַזוי ווי אַ רויז צווישן דערנער, אַזוי איז מיין פריינדין צווישן די טעכטער".

איבריקנס, איז דאָס נישט געווען נאָר מיין אייגענע מיינונג. יעדער האָט זי באַמערקט, און פון איר שיינקייט האָט מען גערעדט אַפילו ביים עס־טיש אין דעם צווייטן קלאַס.

פון אַן אונגאַרישן ייד, מיט וועלכן איך האָב מיך יאָ פאַרשטענדיקט אויף יידיש, בין איך דערגאַנגען דעם סוד, אַז זי איז אַ יידיש קינד, אויפגעצויגען אין דאָרף, אַ יתומה, וואָס איז אַנטלאָפן פון איר שטיף־מוטער. דער פאָטער אירער איז אַן אַרט ישובניק אין אַן אונגאַריש דאָרף. דאָס קינד איז אַזוי פיל אַסימילירט, אַז איך האָב זי געזען עטלעכע מאָל אָנטון זיך אַ גאָלדן צלמל פון אירער אַ חברטע און אָנקוועלן דערפון, ווי עס פּאַסט איר.

זי איז געווען, ווי געזאָגט, אַ מיידל אַ הערלעכקייט, צום פאַרליבן זיך. אַזאַ פולקייט און צוריקגעהאַלטנקייט אין די באַוועגונגען און אַזאַ זיכער פאַרפירערישער שמייכל — גאָר־גאָר נישט קיין פּויערישער — אויף אירע ליפּן, און די שוואַרצע נאַיוו־קלוגע אויגן!

אָבער ווי אַזוי זאָל איך מיך פאַרליבן און ווי אַזוי זאָל זי פאַרפירן, אַז מיר שטייען ווי שטומע איינער אַנטקעגן אַנדערן? —

אין אָט אויף דער צווייטער וואָך פון אונזער רייזע, ווען די חולאים זענען געוואָרן אַלע בעסער, און מיר האָבן גע־האַט גוט וועטער, די שיף האָט פּאַסירט דעם ווארעמען גאָלף־שטראָם, וואָס האָט אונז דערפרישט מיט אַ ליבלעכער לינד־קייט, — בין איך אַרויס אויפן דעק, ס׳איז געווען פּאַרנאַכט, און די זון האָט זיך געזעצט, און מיר איז ענדלעך געלונגען אַריינצוגיין מיט מיין שיינהייט אין אַ געשפּרעך, וואָס כאָטש ער איז געווען קורץ, איז ער אָבער געווען פול באַדייטונג.

„פּ י ר אָ ש" — האָב איך געזאָגט, אָנווייזנדיק מיטן פינ־גער אויף מערב־זייט, וואָס האָט געשפּילט אין רויטע פאַרבן.

זי האָט פאַרפירעריש אַנטקעגן־געשמייכלט צו מיר, און האָט עפּעס געזאָגט אויף אונגאַריש. נאָר איך האָב נישט פאַר־שטאַנען, און זי האָט זיך געמוזט באַגנוגענען מיט צושאָקלען מיטן קאָפּ.

נאָר מיר האָט זיך נישט געוואָלט אָפּהאַקן דעם גע־שפּרעך (דאָס וועטער איז געווען אַזוי רואיק, און דער ים אין פאַרבן — אַזוי שיין!), און איך האָב מיך געכאַפּט און פעסט געהאַלטן פאַר דעם איינציקן וואָרט — מיין איינציקע רעטונג.

„פּיראָש" — האָב איך נאָכאַמאָל געזאָגט און אָנגעוויזן אויף אירע באַקן, דאָס איז געווען מיין קאָמפּלימענט, אַז זי האָט בליענדיקע באַקן, זי האָט פאַרשטאַנען מיין קאָמפּלימענט און האָט זיך הילכיק צעלאַכט.

מיין דערפאָלג איז געווען גרעסער, ווי איך האָב דער־וואַרט. מיט איין־איינציק וואָרט האָב איך ריכטיק אויסגעדריקט צוויי געדאַנקען, און ווייטער האָב איך געפּראַוווט אויפן סמך פון אונזער געמיינזאַמער יידישקייט אָנצוקניפּן עפּעס באַציאונגען.

איך האָב מיך געפּרוּווט אויף דייטש, צו פרעגן, צי זי פאַרשטייט נישט קיין יידיש. זי האָט מיך נישט פאַרשטאַנען, ענדלעך דאָך איז מיר געלונגען, זי זאָל פאַרשטיין מיין פראַ־גע, זי האָט אַ ווײַלע נאָכגעדענקט, ווי זי וואָלט געוואָלט עפּעס

אַרויסגעפינען פון אָפּגעמעקטע זכרונות, און צום סוף האָט זי אָפּגעמאָסטן אַ שטיקל פינגער און געענטפערט:

— אַ פּ י צ ע ל ע.

וואָס האָט געהייסן, אַז זי פאַרשטייט קוים־קוים אַביסל.

די ווייטערדיקע געשיכטע איז מער שוין נישט ראָמאַנטיש, כאָטש גענוג אינטערעסאַנט. דאָס וועטער איז צוריק געוואָרן שטורמיש. מיר האָבן געהאַט אַ הוראַגאַן, און אויפן סאַמע אומבאַקוועמסטן אָרט, אין די ניו־פאַונדלענדישע וואַסערן, נישט ווייט פון דעם מקום מוכן לפורעניות, דאָרט וואו דער טיטאַניק איז געזונקען. די משפחות פון דער ערד זענען אַלע ווידער קראַנק געוואָרן און געטוליעט זיך אויף דער דעק, און ס'איז געווען אוממעגלעך דאָרט צו זיין. אין גיכן האָבן מיר דערגרייכט ניי־יאָרק, און אויף עליס־איילאַנד האָבן מיר זיך פאַרלוירן.

ערשט אַמאָל, זעקס פאַרנאַכט, אין אַ הייסן בורענעדיקן זומער־טאָג, ווען מען גייט פון דער אַרבעט, גיי איך מיד און מאַט אויף סעקאָנד־עוועניו, אין שטראָמען מענטשן, מייסטנס פאַבריק־מיידלעך, ציען זיך אויף דער גאַס. אינמיטן די כוואַליעס מענטשן דערזע איך זי, מיין שיינהייט פון דער שיף.

— פּיראָש! האָב איך אויסגעשריגן איבערראַשט, און דערלאַנגט איר די האַנט.

אָבער דאָס מיידל האָט זיך פיל געענדערט. דער „שאַפּ" האָט אַרויפגעלייגט זיין ערדישן שטעמפּל אויף אירע באַקן, דאָס פּנים איז געווען בלייכלעך, די אויגן מיד.

ניו־יאָרק טוט אַלץ שנעל און האַסטיק. אַ יונגע שיינהייט ווערט געפּטרט איינס־צוויי אין די נישט היגיענישע „שאַפּן" פון ניו־יאָרק. איינגאַנצן אַכט חדשים, און וואָסער ענדערונגען איך האָב באַמערקט, אַז איין אַקסל איז ביי איר העכער ווי דער אַנדערער, דאָס האָט זי באַקומען פון דער „פּאָזע", אין

װעלכע זי מוז זיך געפֿינען בײַ דער מאַשין... נערװעז איז זי
אויך, דאָס ייִדישע בליענדיקע פֿויערן־מײדל איז געװאָרן אַ
„שאַפּ־מײדל‟ פֿון ניו־יאָרק. אַזוי שנעל! ניו־יאָרק איז אַ ריזן־
שטאָט, אונזער אַ טאָג איז דאָרטן אַ שעה...

פֿאַר דאָס אָבער האָט זי זיך אין פֿאַרלויף פֿון די אַכט
חדשים אויסגעלערנט רעדן פֿרײַ ייִדיש, און מיר האָבן קײן
שום שװעריקײטן נישט געהאַט צו פֿאַרשטענדיקן זיך.

אַלץ גײט צו שנעל...

אַ סאָציאַליסטקע איז זי אַפֿילו געװאָרן דורך דער צײט,
און איך בין זיכער, אַז אין דער פֿאַרזאַמלונג פֿון די שטרײקנ־
דיקע מײדלעך, װאָס רוזװעלט האָט באַזוכט, האָט זיך גע־
פֿונען מײן פּרינצעסין פֿון דער שיף.

די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין ניו־יאָרק

(אַ געשפּרעך מיטן אַרבעטער־פירער מאיר לאָנדאָן)

אײנער פון די פּאָפּולערסטע מענטשן אויף דער איסט־סײד אין ניו־יאָרק איז אומבאַדינגט מאיר לאָנדאָן — דאָס „געליבטסטע קינד״ פון די יידישע אַרבעטער.

יידישע אַרבעטער האָבן דאָ אויסגעבויט ריזיקע און מעכטיקע אָרגאַניזאַציעס, עטלעכע צענדליק פּאַרײניקטע „יוניאָנס״ (און צווישן זיי די קלאָוק־מײקער־יוניאָן מיט אירע 50 טויזנט מיטגלידער), אַן „אַרבעטער־רינג״ (אַן אָרגאַניזאַציע אויף קעגנזײטיקער הילף אין פאַל פון קראַנק, טויט א. אַ. וו.) מיט איבער 40 טויזנט מיטגלידער צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד, אַלגעמײנע צײטונגען, פאַך־צײטונגען. מאיר לאָנדאָן איז אײנער פון די בויער און אָנפירער.

ער איז טיפּיש פאַר דער היגער אַרבעטער־באַוועגונג. איר זעט אין אים אַ געמיש פון צוויי דורות: האַלב איסט־סײדער אינטעליגענט־סאָציאַליסט, האַלב אַן אַמעריקאַניזירטער „לאָיער״ (אַדוואָקאַט). ער האָט אַ לאַנגע צײט געאַרבעט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און איז צוריקגעקומען צו דער איסט־סײד, און האָט זיך דאָ אַזוי היימיש דערפילט, אַז ער איז געוואָרן כמעט דער פּאָפּולערסטער נאָמען, און אין דער צײט פון וואַלן „לויפט״ (קאַנדידירט) ער, אַלס רעפּרעזענטאַנט פון דער יידישער סאָציאַליסטישער וועלט.

חיכּפּיקע געשעעענישן רוקן אַרויס געוויסע פּערזאָנען. מאיר לאָנדאָן איז אויסגעוואַקסן אין דעם ריזיקן שטרייט פון די קלאָוק־מייקערס (מאַנטל־אַרבעטער־שניידער) פאַר עטלעכע יאָר, ווען 50 טויזנט מענטשן זענען ווי איין מאַן געשטאַנען עטלעכע חדשים אין שטרייק און האָבן אים דערפירט צו אַ גלענצנדיקן זיג. מאיר לאָנדאָן האָט דעמאָלט אַרויסגעוויזן זיינע פעיקייטן און איבערגעגעבנקייט צו דער זאַך פון די אַרבעטער. די וואַרעמקייט פון יידישן אינטעליגענט, דער פּראַקטישער זין פון דעם אַמעריקאַנער, דערצו אַ היפּש ביסל פּערזענלעכע מעלות— דאָס זענען די סיבות פון זיין פּאָפּולאַריטעט.

ער איז אַ רעדנער, אַ פאָלקס־רעדנער, שניידיק, וויציק, פּאָפּולער, אַמאָל ברוטאַל, אָבער נישט בייסיק און זויער, ווי אַמאָל דער רוסישער אינטעליגענט, וואָס עסט זיך איין אין זיין קעגנער מיט די נעגל. הינטער דעם וואולגאַרן טאָן, וואָס ער נעמט אַמאָל, איז צו פילן אַ היפּש ביסל ערנסטקייט.

זיין פאָטער איז אין רוסלאַנד געווען אַ רב צי אַ דיין; צוליב זיין אַפּיקורסות האָט ער געמוזט עוקר זיין. אין אַמעריקע איז ער געוואָרן אַן אַנאַרכיסט, און אַזוי ווי ער איז געווען אַ משכּיל דערצו, האָט ער באַגליקט די וועלט מיט אַן אַנאַרכיסטישע צייטונג אויף... העברעיש. נאָר דאָס געהערט שוין צו דער היסטאָריע און צו די קוריאָזן פון דער אַמאָליקער איסט־סייד, די קוריאָזן, וואָס זענען נאָך נישט אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון לעבן.

איך מיין, אַז די לעזער וועלן מיר נישט פאַראיבל האָבן, אויב איך אייל מיך נישט צו אַרויסצוזאָגן מיינע אייגענע מיינונגען וועגן דעם יידישן לעבן אין אַמעריקע. דאָ איז אַלץ אַזוי אַנדערש, ווי ביי אונז; אַמעריקע איז נישט קיין אַנדערע מדינה, נאָר אַן אַנדערע וועלט. אויב מען וויל נישט זיין אויבערפלעכלעך, מוז מען אָפּוואַרטן מיט אייגענע מיינונגען. איך האָב דעריבער ביי מיין אָנגעקומען אָנגענומען דעם כּלל, וואָס מער צו הערן. געוויינלעך דאַרף מען נאָר זיכער זיין, אַז דער וואָס רעדט האָט זיין אייגענע מיינונג, און אַז ער געהערט

נישט צו אַ קליקע און אַ „ביזנעס״ וואָס רעדט פון אים אַרויס.

מאיר לאָנדאָן, ווי געזאָגט, איז אַזאַ מענטש. און איך וויל דאָ איבערגעבן עטלעכע זיינע מיינונגען, אַ רעזולטאַט פון פאַרשידענע, לאַנגע און קורצע, געשפּרעכן אַרום דער היגער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג.

די גרעסטע צרה פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, די גרעסטע שוועריקייט אויפצוהאַלטן די אָרגאַניזאַציעס, איז צו זוכן אין דעם כאַראַקטער פון דעם יידישן אַרבעטער און פון דער יידישער אַרבעט. ביי אַ יידישן אַרבעטער וועט איר זעלטן געפינען די אמתע פּראָלעטאַרישע פּסיכאָלאָגיע. ער איז אַן אַרבעטער נאָר אויף דערווייל — ביז ער וועט אָפּשפּאָרן עטלעכע הונדערט דאָלאַר און אַליין זיך עפענען אַ „שאַפּ״. אַלס „לאָייער״ פון די „יוניאָנס״ איז מיר נישט איינמאָל אויסגעקומען — האָט מיר לאָנדאָן דערציילט — צו טרעפן אין די אָרגאַניזאַציעס פון די „באָסעס״ מיינע אייגענע גענאָסן און גוטע-ברידער, מיט וועלכע איך האָב פריער געאַרבעט צוזאַמען. קוים האָבן זיי באַקומען עטלעכע הונדערט דאָלאַר, האָט זיי באַלד געצויגן צו געשעפט, און זיי זענען געוואָרען „באָסעס״.

דערשרעקט אייך נישט פאַר די דאָזיקע „באָסעס״. מאַנכע פון זיי פאַרמאָגן נישט מער, ווי אַ גוט-שטייענדיקער אַרבעטער. אַ שטרייק פון עטלעכע וואָכן קאָן זיי אַוועקלייגן און רואינירן זייער גאַנץ פאַרמעגן, וואָס באַשטייט אינגאַנצן פון אַ טויזנט דאָלאַר. ס׳איז דעריבער גאָר קיין פאַרגעניגן נישט אָנצופירן אַ שטרייק, ווען מען טרעפט אָן אָט אויף אַזאַ מין „באָס״. געוויינלעך, עס זענען פאַראַן רייכע און זאָגאַר מיליאָנען-פירמעס, אָבער דער כאַראַקטער פון דער יידישער אינדוסטרי, קליידער-פאַבריקאַציע, איז שוין איינמאָל אַזוי, אַז מיט גאָר אַ קליינעם קאַפּיטאַל קאָנט איר ווערן אַ „פאַבריקאַנט״, און ווער נאָך ווי אַ יידישער קאָפּ קאָן פירן אַ געשעפט פון צענדליקער טויזנטער מיט ליידיקע הענט.

די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג היבּקט דעריבער אונטער.

די „יוניאָן" האַלט זיך נישט אויף דעם באַוואוסטזיין פון פּראָלעטאַריער, וואָס ווייסן, אַז זיי זענען און מוזן פאַרבלייבן פּראָלעטאַריער, און אַז דער שוץ זייערער ליגט אין דער אָרגאַניזאַציע. די יידישע „יוניאָן" האַלט זיך אויף דעם נוצלעך פון דעם היינטיקן טאָג; ווי לאַנג דער אַרבעטער פילט אַז די „יוניאָן" איז פאַר אים, אָט טאַקע היינט, די וואָך, נוצלעך צו באַקומען העכערע „ווייזשעס" (געהאַלט), איז ער אַ מיטגליד: קוים אָבער זאָל ער דאָס איין מינוט אויפהערן צו פילן, קוים זאָל ער איין וואָך נישט זיין איבערצייגט, אַז מיט דעם, וואָס ער געהערט צו דער „יוניאָן", מאַכט ער אַ גוט געשעפט, האָט איר אים נישט מער. אויף מאָרגן זאָל גאָט זאָרגן, ווייל אויף מאָרגן טראַכט ער כלל נישט צו בלייבן אַרבעטער, מאָרגן וועט ער האָבן אַ „סטאָר" (געוועלב), אַ „שאַפּ" צי ער וועט גאָר זיין אַ פּעדלער, אָדער אַן אינשורענט־(אַסעקוראַנץ) אַגענט.

מיר האָבן איצט גרויסע און מעכטיקע „יוניאָנס", אויף וועלכע עס איז אַוועקגעלייגט געוואָרען אַזוי פיל מי און אַרבעט און וואָס בליען איצט אויף, נאָר קיין זיכערקייט אויף מאָרגן איז נישטאָ. איין נישט געלונגענער שטרייק, איין מיסערפאָלג קאָן דערשיטערן די עקזיסטענץ פון די יוניאָנס.

אונזער אַרבעטער־באַוועגונג האָט נישט קיין געזונטן באָדן. זי איז געבויט אויף פליסיקע עלעמענטן, און איז דעריבער אָנגעוויזן אויף גרויסע געפאַרן.

איר וועט דעריבער באַמערקן, אַז מיר, די פירער, מוזן האָבן זייער פיל קוראַזש און זייער פיל מוט, כדי אַרויסצוטרעטן קעגן דעם ווילן פון די מאַסן, וואָס זענען גרייט ביי יעדן מינדסטן קאָנפליקט אַרויסצוגיין אין קאַמף און צו דערקלערן אַן אַלגעמיינעם שטרייק. פיל מאָל מוזן מיר פשוט ריזיקירן מיט אונזער נאָמען, מיט דעם גלויבן אין אונזער איבערגעגעבנקייט, כדי אָפּצוהאַלטן די מאַסע פון אַ געפערלעכן שטרייק, וואָס האָט קנאַפּע אויסזיכטן אויף דערפאָלג. די מאַסע איז אומגעדולדיק, קאָן אונז פאַרשעלטן, און ווער ווייסט

צי נישט פאַרדאַמען אַלס פאַררעטער, ווען מיר באַמיען זיך מיט אַלע מעגלעכקייטן זיי איינצוהאַלטן. מיר ווייסן, מיט וואָס דאָס שמעקט. פיל מאָל זענען מיר איבערצייגט, אַז דער שטרייק קאָן נישט געלונגען, ווייל מיר ווייסן גענוי די כוונות פון די קעגנער, פון די באָסעס-אָרגאַניזאַציעס, אַז זיי קאָנען אויסהאַלטן. און פאַרשפּילן אַ שטרייק איז אַזאַ מין זאַך, וואָס קאָן שטעלן אין סכנה די עקזיסטענץ פון אַ גאַנצער יוניאָן, און אַמאָל — פון עטלעכע יוניאָנס צוזאַמען.

אָט אַזוי לעבן מיר — מיט היינטיקן טאָג.

אָבער עס באַמערקן זיך צייכנס, אַז די אַרבעטער-באַוועגונג ווערט שטאַרקער און געזונטער. יעדעס יאָר גיט אונז צו נייע קרעפטן, דערצו נאָך ווערט איר איצט שוין געפינען מיט יעדער וואָך אַלץ מער אַרבעטער, וואָס באַטראַכטן זיך נישט נאָר אַלס דערוויילטיקע, און וואָס נעמען דעריבער זייער זאַך ערנסט.

— איז דער יידישער אַרבעטער אַזוי עגאָיסטיש און צו פאַרמאָגט ער נישט קיין שום אידעאַליזם?

— ניין, דאָס זאָג איך נישט, פאַרקערט: דער יידישער אַרבעטער איז אַ גוטער איבערגעגעבענער מענטש פאַר די אינטערעסען פון כלל. ער איז אַן אויסגעצייכנטער, אידעאַלער שטרייקער, און מיט פיל אידעאַליזם. אַזאַ באַגייסטערונג, אַזאַ איבערגעגעבנקייט, אַזאַ אויסגעהאַלטנקייט, ווי די יידישע קלאָוק-מייקער האָבן אַרויסגעוויזן אין זייער שטרייק, איז שווער צו געפינען. איר וועט לאַנג, לאַנג מוזן זוכן, ביז איר וועט עפּעס ענלעכס געפינען ביי נישט-יידן, — פון ווייטע און פאַרוואָרפענע ווינקעלעך פון לאַנד האָב איך פערזענלעך באַקומען בריוו פון יענקעס, וואָס האָבן מיט גרויס פאַרוואונדערונג גערעדט וועגן דעם ריזיקן שטרייק, וואָס האָט די אַמעריקאַנער באַוויזן, וואָס הייסט סאָלידאַר קעמפן און אויסהאַלטן. ס'איז געווען אַ רירנדיקע ריזיקע דעמאָנסטראַציע פאַר דעם גאַנצן לאַנד, און איך דערלויב מיר צו זאָגן, אַז דער יידישער נאָמען בכלל און דער נאָמען פון יידישן אַרבעטער בפרט איז

פיל געשטיגן צוליב אַט דעם שטרייק. דער אַמעריקאַנער האָט רעספּעקט פאַר ענערגישע טאַטן, און ווער שמועסט נאָך פאַר דערפאָלג האָט ער גרויס, גרויס דרך-ארץ. און יידן האָבן באמת אין דער צייט פון שטרייק אַרויסגעוויזן אַזאַ מין טרייקייט און איבערגעגעבנקייט, וואָס האָט געמוזט אימפּאָנירן.

מיר האָבן די בעסטע שטרייקער. די איבערגעגעבנסטע קעמפער אין צייט פון אַ שטרייק אָבער מיר האָבן די ערגסטע יוניאָן-לייט, וואו מיר האָבן אַ הינקענדיקע אַרבעטער-באַוועגונג, צוליב דעם וואָס דער יידישער אַרבעטער איז נישט קיין פאַרפאַלענער פּראָלעטאַריער, ווי ביי די אומות-העולם, און דער יידישער קאַפּיטאַליסט איז, צווישן אונז גערעדט, קיין קאַפּיטאַליסט נישט.

דאָס איז אין קורצן די מיינונג פון מאיר לאָנדאָן וועגן דער ניו-יאָרקער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג. איך האָב אים באַמערקט, אַז ער רעדט כמעט ווי אַן איבערצייגטער מיטגליד פון די ס. ס. וואָס האָבן אַט אויף דער באַדנלאָזיקייט פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט ווי פון דעם יידישן קאַפּיטאַל אויפגעבויט זייער טעאָריע.

נאָר טעאָריעס אינטערעסירן ווייניק אַזוינע טיפּישע אַמעריקאַנישע טוער, ווי לאָנדאָן. „וועלן" נו, יאָ. אַט אַזוי איז עס, און איבערפּעקלען די ניו-יאָרקער יידישע אַרבעטער קיין ציון אָדער אין אַ טעריטאָריע, כדי צו פּראָלעטאַריזירן זייער פּסיכאָלאָגיע — איז קיין פּלאַן נישט. „דאַטס אָלל".

מיר האָבן אַמאָל שפּעט אין דער נאַכט אַרומשפּאַצירט אויף איסט-בראָדוויי און גערעדט אַלץ איבער דער זעלבער טעמע. דאָס נאַכט-לעבן פון די „לויפערס" (וואוילע יונגען) האָט געווימלט אַרום אונז. פאַרדעכטיקע פּערזאָנען, פאַרבומלטע יונגע לייט.

— דאָס איז אַ טרויעריקער פאַקט — האָט מיר מאיר לאָנדאָן דערציילט — אַז פון די זין פון די עטלעכע הונדערט

טויזנט יידישע ארבעטער וועט איר קוים געפינען 5 פראצענט, וואס זענען ארבעטער. ווער עס האט די מעגלעכקייט, דערציט זיין קינד פאר א „לאיער", א דאקטאר, צי פאר א „טיטשער" (לערער); די גרויסע מאסע קאן אבער נישט דערגרייכן דעם ציל. א גרויסער טייל פון די קינדער ווערן בוכהאלטערן, משרתים אין געשעפטן, כאטש זיי פארדינען אזוי ארום אפשר נאר א האלב, וואס א שניידער פארדינט. די קינדער האסן די מלאכה פון זייערע פאטערס און עס איז פאר זיי א בזיון צו זיין אזוי ווי דער טאטע. אט אזוינע יונגע לייט, ווי איר זעט דא, זענען, לויט מיין אפשאצונג, דא אין ניו-יארק ביז 5000. זיי בילדן פארשידענע קלובן. אין די קלובן זענען פאראן פעסט-געזעצטע פרייזן: פאר לייכטע קלעפ לויט באשטעלונג — 5 דאלאר; פאר צעשלאגן ביז אפשיקן אין שפיטאל — 25 דאלאר; פאר דערהרגענען אויף טויט — 100 דאלאר.

עס איז טרויעריק. צווישן דעם ערשטן און צווייטן דור זענען איבערגעריסן אלע פעדעם. די קינדער קוקן אויף די פאטערס מיט דער גרעסטער פאראכטונג, און אזוי ווי דער טאטע איז אן ארבעטער, איז אויך זיין מלאכה א בזיון. אט אויף דעם באדן אנטוויקלט זיך א גרויסע דעמאראליזאציע ביי די קינדער פון די ארבעטער.

— און מיט וואס קאן מען העלפן?

נאר ווי געזאגט, איז לאנדאן אמעריקאניזירט. גלאט אזוי פראגן אין דער וועלט אריין אינטערעסירן אים נישט און פאר נאציאנאלע פראגן האט ער קיין זין נישט. אן אמעריקאנער האט ליב נאר אזוינע פראגן, וואס קאנען רייצן זיין ענערגיע, וואס לאזן זיך גלייך אויפן ארט, פשוט און קלאר פארענטפערן.

וואו איז די פֿרייד?

וועט אונז באַשערט זײַן אַמאָל צו באַשאַפֿן אַ ייִדישע קולטור, וואָס זאָל ווירדיק זײַן אַזאַ אַלט פֿאָלק, ווי מיר זענען, — וועט די דאָזיקע קולטור זײַן אפשר פֿון די אינטערעסאַנטסטע אין דער וועלט. אינטערעסאַנט — מיט איר פֿאַרשידנאַרטיקייט, מיט די פֿאַרשידענע עלעמענטן, וואָס זי האָט אין זיך אויפֿגענומען. דאָ וועט אַרײַנקלינגען דאָס מעלאַנכאָלישע ליד פֿון וואָלין און פּאָדאָליע, דאָס ברייטע סטעפּ־געזאַנג פֿון גרויס־רוסלאַנד, דאָס עלנט־פֿאַריתומטע ליד פֿון ליטע צוזאַמען מיט דעם ריטערישן פּוילישן טאָן. אין דער היים פֿון דער דאָזיקער קונסט, אין איר פּייזאַזש, וועט דער דניעפּער פֿליסן, די ווייסל וועט טראָגן אירע וואַסערן קיין דאַנציג, און טרויעריק וועט די ליטווישע ווילייע מורמלען.

און דאָס איז נישט בלויז קיין ליד פֿאַר דער צוקונפֿט. טײַלווײַז האָבן מיר די מוסטערן שוין פֿאַר די אויגן. ווײַל שלום אַש איז פּונקט אַזוי צוזאַמענגעבונדן מיט דער ווייסל ווי רײַזען און אײַנהאָרן מיט דער ווילייע, ווי מענדעלע מוכר־ספֿרים אין דער העברעישער שאַפֿמאַן — מיט דער קליינרוסישער לאַנדשאַפֿט, און נישט בלויז דער פּייזאַזש, די לאַנדשאַפֿט, איז בײַ די דערמאָנטע אויטאָרן גענומען בײַ יעדן פֿון זײַן לאַנד. — דאָס איז דאָך זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז באַשרײַבן און באַזינגען קאָן אַ קינסטלער נאָר די נאַטור, מיט וועלכע ער

איז צוזאַמענגעוואַקסן פון זיין קינדהייט אָן. — אַפילו ווען דער דערציילער אָדער פּאָעט באַזינגט נישט דירעקט די נאַטור, הערט זיך דאָך ביי אים, אין זיין ריטם, אין זיין מאַניר, אין זיין טעמפּעראַמענט, דער אָפּקלאַנג פון די וואַסערן, וואָס זיינע קינדערישע אויערן האָבן צום ערשטן געהערט מורמלען, און ער שפּיגלט אָפּ אין זיין אַרט דעם הימל און דעם זון־אונטערגאַנג, וואָס ער האָט נאָך אַלס קינד באַהאַלטן אין זיין נשמה. אַ ביישפּיל: ווען רייזין שרייבט זיין „גמילות חסד", (וואָס דערציילט גאָר אַ מעשה מיט אַן אָרעמען ייד) — וואו קיין נאַטורשילדערונג איז נישטאָ, ווערט אַ פּיין אויער דאָך הערן „ליטע", די זעלבע, וואָס איינהאָרן האָט אין זיין באַקאַנטן ליד אַזוי הערלעך באַזינגען אין פאַרבן און טענער.

מיר זענען אַ היימלאָז פאָלק — פּאָליטיש. נאָר וואָס ווייסט דאָס דערוואַקסנע קינד, דער זינגער, פון פּאָליטיק? דער קינסטלער וואַקסט אויף מיט זיינע „נאַטירלעכע רעכט" אויף זיין היים: אויף דעם טייך, וואָס אַרום זיין שטעטל, אויף די גערטנער און סעדער, אויף הימל און ערד און זון, וואָס ער זעט. און אַפילו ער וואַקסט דערנאָך אויס און נעמט טראַכטן פּאָליטיש און קומט צו דער טרויעריקער איבערצייגונג, אַז דאָס אַלץ „געהערט נישט אים", אַז ער איז דאָ אַ „פרעמדער", בלייבט ער דאָך צוזאַמענגעוואַקסן מיט יענער נאַטור, זיין האַרציקער מאַמע, וואָס איז אים איצט — אין זיין פּאָליטישער וועלט־אָנשויאונג — אַ שטיף־מאַמע געוואָרן.

אין דער קונסט זענען מיר נישט קיין היימלאָז פאָלק, נאָר אַ פאָלק מיט פיל היימען: מיר געפינען זיך אונטער אַלע מעגלעכע השפּעות, אין פאַרשידענע אַטמאָספערעס, און דאָס האָט געוויס איר גוטע זייט.

וואו־זשע — און די ווערטער מיינע זענען צו אונזערע יינגע יידישע דיכטער דאָ אין אַמעריקע געווענדט — וואו־זשע, פרעג איך, איז די פריירי געבליבן? 1)

---

1) זע אין ערשטן טייל דאָס קאַפּיטל: „ניו־יאָרק זינגט איר ליד" רעד.

איך וויל לאָזן אָן אַ זייט די פֿראַגע, וואָס איך בין נישט קאָמפּעטענט צו ענטפֿערן אויף איר — צי אַמעריקע פֿאַרמאָגט איר אייגענע קונסט, צי נישט. איך וויל אויך געדענקען, אַז מייסטנס זענען די יינגע יידישע שרייבער אין אַמעריקע איינגעוואַנדערטע, וואָס האָבן דעם אַמעריקאַנישן פּייזאַזש נישט איינגעזאַפּט אין זיך פֿון זייער קינדהייט אָן. נאָר ווי איך האָב שוין אויבן געזאָגט, ווירקט די לאַנדשאַפֿט נישט נאָר דירעקט, מיט אירע ליניעס און פֿאַרבן. ווען איך זאָג „פּריירי״, מיין איך דערמיט דעם גאַנצן ריטם פֿון לעבן, די גאַנצע סומע פֿון אייגנאַרטן, מיט וואָס אַמעריקע אונטערשיידט זיך פֿון אייראָפּע.

ווען מען לייענט די געדיכטן און די פּראָזע פֿון אונזערע יינגע אין דעם לאַנד, וואַרפֿט זיך אין די אויגן דאָס געדריקטע געמיט, וואָס דויערט שווער איבער זיי אַלע. שמאַרץ, ווייטיק, אָפּהענטיקער פּעסימיזם — דאָס איז דער לייט־מאָטיוו. זעלטן־ווען אַ טאָן פֿון האַרציקער מעלאַנכאָליע. אין די פֿריילעכערע מאָטיוון פֿעלט לגמרי די פֿרייהייט, די לעבנס־לוסט, דער שטאַרקער אַקצענט, וואָס איבערראַשט אַזוי דעם אייראָפּעער, ווען ער הערט די אַמעריקאַנישע (יענקישע) לידער און געזאַנגען. קינדער פֿון דער יידישער געטאָ זענען דאָס, פֿון דער אַמעריקאַנער יידישער געטאָ. נאָר בשעת די אַלטע געטאָ האָט צוזאַמען מיט דער מאַטעריעלער געדריקטקייט, צוזאַמען מיט דער נויט און דלות און קערפּערלעכער אַנטאַרטונג, דאָך נאָך פֿאַרמאָגט אַביסל היימישן נחת, אַ שבת, אַ יום־טוב א. אַ. וו., אַז שלום אַש האָט דערפֿון זיין „שטעטל״ געקאָנט באַשאַפֿן, — איז דער אָפּקלאַנג פֿון דער יידישער געטאָ אין אַמעריקע שוין צופֿיל פֿאַרדאַגהט און פֿאַרחושכט, שוין צופֿיל דערשטיקט אין באַרויבט פֿון אַביסל הרחבה, שוין צופֿיל וואָכעדיק, איבער וואָכעדיק. די פּאָעזיע, וואָס שעפּט איר יניקה פֿון דער געטאָ, איז דעריבער אַזוי גראָ, די פֿאַרבן — אַזוי בלאַס.

און זייער שלעכט וואָלט געווען, ווען פֿון דער שטימונג, וואָס הערשט אין דער פּאָעזיע, וואָלט מען גענומען באַאורטיילן דאָס לעבן פֿון דער אַמעריקאַנישער יידישער געטאָ, מען וואָלט

זיך אויסגעמאָלט אַ גיהנום אויף דער ערד. איך וואַג אָבער צו זאָגן, אַז מיינע ערשטע איינדריקן — און די ערשטע איינדריקן זענען שטענדיק די ריכטיקסטע — האָבן מיר נישט געגעבן אַזאַ באַגריף וועגן דער לעבנסשטימונג פון די איינגעוואַנדערטע יידן. אמת, דאָס לעבן איז דאָ האַרט, שווער, רוי, טיילמאָל — ליידן־פול. אָבער דאָך איז דער היגער ייד קערפּערלעך און גייסטיק פיל געזונטער, פיל מער לעבנסלוסטיק, ענערגיש און הייסער, ווי דער דורכשניטלעכער ייד אין רוסלאַנד.

ס'איז גענוג אַ שפּאַציר צו מאַכן איבער די גאַסן און אָנקוקן די פּנימער, דעם הייטערן אויסדרוק פון די אויגן, די פרייע באַוועגונג, און מען איז דערצו ערשט געקומען פון רוסלאַנד, און די דאָרטיקע פיזיאָנאָמיעס זענען נאָך פריש אין זכרון, וועט דער אונטערשיד אַרויסקומען זייער גרויס. ווי נישט ווי, נאָר אויב איך זאָל שטעלן דעם יידישן לעבן אין אַמעריקע די פראַגע: „וואו איז די פריירי?״, ד. ה. אויב איך וועל וועלן זוכן, צי איז דאָס יידישע לעבן באַאיינפלוסט געוואָרן צום גוטן פון דעם יענקישן, צי איז די ענערגיע, די לעבנסלוסט, לעבנס־טעמפּאָ פון יידן דערהויבן און געשטאַרקט געוואָרן אין פאַר־גלייך מיט רוסלאַנד, וועל איך קאָנען ענטפערן מיט יאָ, אפשר נישט אַזוי פיל, וויפיל מיר וואָלטן געוואָלט, אפשר אין א קליי־נער מאָס. אָבער דאָך זעט איר די השפעה בחוש, און זי דריקט זיך אויס אי קערפּערלעך, אי גייסטיק.

פּרוּווט דאָס אָבער זוכן אין דער פּאָעזיע פון די יונגע יידישע שרייבער דאָ, און איך וועט שווער זיין צו געפינען.

זי איז פּאַרווייטאָגט, פּאַרווייטאָגט פריער פאַר אַלץ; די לאַסט פון לעבן דריקט זי נאָך מער, ווי די לעבעדיקע אַליין, ווי די, וואָס האַנדלען און וואַנדלען און „מאַכן אַ לעבן״.

עס מוז געפינען ווערן אַ וועג צו פרייהייט, און דאָס איז דער וועג צו דער „פריירי״, צו די וועלדער פון מיסיסיפי, וואָס פּראָטעסטירט שוין אויף זיין אָרט אין אונזער פיל־היימיקער קונסט, צוזאַמען מיטן דניעפּר, ווייסל און דער ווילייע —.

רוזוועלט

אויב איר זאָלט מיך הייַנט פּלוצלינג אָפּשטעלן און פרעגן, וואָס איך בין, וועל איך ענטפערן: אַ רוזוועלטיסט.

אַזאַ כוח האָט די מדינה, וואָס זי כאַפּט אייך אַריין און איר לעבן אַריין, אין דעם קאָכעדיקן און רוישדיקן.

עס מאַכט נישט אויס, וואָס דו ביסט אינגאַנצן עטלעכע חדשים אין לאַנד; עס מאַכט נישט אויס אַפילו, אויב דו האָסט שוין אַ שיפס־קאַרטע אויף צוריקצופאָרן: אַמעריקע איז הייַנט, איצט, די מינוט.

דאָ ווערט אַלץ געבוירן אַזוי ווי אַ כוואַליע אויפן ים. עס ווערט אויפגעבלאָזן און אויפגעקאָכט, און עס שוימט און רוישט, און יאָגט און אײַלט, און באַלד ווערט עס צעשאָטן: אַן אַנדערע יאָגט שוין און רוישט און שוימט.

איר קאָנט שטיין אין מיטן אַ שטראָם און האַלטן זיך אויף אָן אָרט, אויב איר האָט גענוג כוח. וואָס וועט איר מאַכן מיט אַ כוואַליע?

עס איז אַ לעבעדיק לעבן, יונג: צו יונג אַמאָל ביז קינדישקייט.

*

אַ שטיק אַמעריקאַנער היסטאָריע ווערט איצט געמאַכט

אין שיקאַגאָ, אויף דער קאָנווענץ פון דער רעפּובליקאַנער פּאַר־טיי. ס'איז איינער פון די אינטערעסאַנטסטע מאָמענטן אין אַמע־ריקאַנער פּאָליטישן לעבן. עס איז אַן עפּאָפּייע, און דער העלד איז רוזוועלט.

בשעת איך שרייב די שורות, איז די קאָנווענץ נאָך נישט געענדיקט. נאָר די צייטונגען און די פּאָליטישנס שאַלן שוין — זיי האָבן אים בייגעקומען, דעם ביטערן קעגנער, וואָס האָט זיך זיי אַזוי איינגעגעסן אין די ביינער.

אין אַפריקע האָט זיך דער מענטש געיאָגט אויף לייבן: אין שיקאַגאָ איז ער געוועזן אַ לייב צווישן אַ גאַנצע מחנה בי־טערע און הונגעריקע וועלף און וועלפלעך, און דער לייב איז איצט פאַרוואונדעט.

ס'האָט אַן ענגלישער פּאָעט געשריבן אַן אָדע לכבוד רוז־וועלטן. אינמיטן קאַמף איז דאָס ליד איבערגעגעבן געוואָרן אין אייניקע היגע צייטונגען. פאַראַן אַ שורה, וואָס איז אומבאַדינגט וואָר. זי הייסט: „אַמעריקע — דאָס ביסט דו".

אַן אמתער נייער העלד פון אַ נייער ראַסע.

ס'וואָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ, אויב איך וואָלט גענומען באַשרייבן אַלע דריידלעך און אַלע קאָמבינאַציעס ביי דעם צו־זאַמענשטויס. דאָס היגע פּאָליטישע לעבן איז אַזוי פאַרשידן פון אייראָפּע. פּאַרטייען, פּראָגראַמען, פּאָליטיקער — די זעלבע ווערטער ווערן באַנוצט אי דאָ, אי אין אייראָפּע. אָבער די באַ־דייטונג פון די ווערטער איז גאָר אַן אַנדערע.

די פּאַרטייען זענען נישט אַזוי דיפערענצירט, אָפּגעטיילט און אָפּגעגרענעצט איינע פון די אַנדערע, ווי אין אייראָפּע. נישט זיי שטעלן פאַר מיט זיך באַזונדערע וועלט־אָנשויאונגען. כמעט ביי יעדן קאַמף ווערט אַרויסגעגעבן אַ נייער „אישו" (אַ לאָזונג, להבדיל). היינט ווערט געקעמפט פאַר דער זילבער־וואַלוטע, מאָרגן — פאַרן טאַריף, איבערמאָרגן — וועגן דעמאָ־קראַטישע ענדערונגען אין דער קאָנסטיטוציע.

אַ „פּאָליטישען" ווידער איז לגמרי נישט וואָס ביי אונז אַ מענטש פון אַ געוויסער ריכטונג און פּראָגראַם. פּראָגראַם

איז דאָס לעצטע. דער „אישו״ וועט זיך שוין ווי עס איז אויס־געפינען. אַ „פּאָליטישער״ איז קודם־כּל — אַ מענטש, וואָס זיין „דזשאַב״ (פּראָפעסיע) איז פּאָליטיק. ער מאַכט דערפון אַ לעבן, די גרעסערע — אַ פאַרמעגן. יעדע קליינע קליקע פּאָליטישענס האָט איר „באָס״, און מען מאַכט, גאָט זיי דאַנק, גוטע געשעפטן אויף ביידע זייטן, אויף דער רעפּובליקאַנישער, ווי אויף דער דעמאָקראַטישער.

די „באָסעס״, זיי פירן דאָס רעדל, זיי האָבן דאָס ביז אַהער באַמינירט דעם פּרעזידענט, און פון זיי איז דער פּרעזידענט געווען אָפּהענגיק. אונטער די „באָסעס״ זענען געשטאַנען די געלט־מאַגנאַטן, די וואָל־סטריט, וואָס באַהערשן, דעם אמת זאָגנדיק, דאָס לאַנד.

דאָס איצטיקע מאָל איז רוזוועלט אומבאַדינגט אַרויסגעטרעטן אַנטקעגן די „באָסעס״. צי ער האָט עס געוואָלט פון אָנהויב, צי עס האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזט, אַז ער האָט געמוזט אָננעמען דעם נישט־גלייכן קאַמף — סיי־ווי־סיי ער איז געשטאַנען אין פעלד, ווי אַ ריז צווישן ליליפּוטן. ער האָט געהאַט אַנטקעגן זיך כּמעט די גאַנצע פּאַרטיי־מאַשין און מאַשינדלעך פון די רעפּובליקאַנער; פאַר זיך — אָן פּראַזן און אָן איבערצוטרייבן — די סימפּאַטיע און אונטערשטיצונג פון פאָלק.

און די „באָסעס״ האָבן געזיגט. אויב רוזוועלט וועט אַליין נישט אויפבויען אַ נייע פּאַרטיי, איז ער פּאָליטיש נידערגעשלאָגן ביז צו די וואַלן אין פיר יאָר אַרום. ווען איך שרייב די שורות, זענען פאַראַן נאָך צוויי מעגלעכקייטן. גיכער פאַר אַלץ וועט די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי נאָמינירן טאַפטן, אָדער אַ „דאַרק דאַרז״ (אַ טונקל פערד) וועט אַרויסשפּרינגען ד. ה. אַ דריטער קאַנדידאַט וועט באַקומען די נאָמינאַציע.

און וואָס וועט זיין ביי די וואַלן אין נאָוועמבער? צי וועט דער רעפּובליקאַנער קאַנדידאַט נישט געשלאָגן ווערן פון דעמאָקראַטישן נאָך אַזאַ סקאַנדאַל און נאָך אַזויגע אומדערהערטע שווינדלען, וואָס די „באָסעס״ האָבן אָנגעטון? —

דער תּירוץ איז: אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי איז

די לאַגע נישט בעסער, ווי אין דער רעפּובליקאַנישער. אויך דאָרט, קאָן זיין, וועט אויסגעשטעלט ווערן אַ קאַנדידאַט פון די „באָסעס", געשטיצט פון דער זעלבער וואָל-סטריט. אויב אָבער עס וועט קומען אַ מענטש ווי ברייען, ווי ווילסאָן, אָדער ווי געינאָר, דער מעיאָר פון ניו-יאָרק — מילא, איז פאַרפאַלן, וועלן טאַקע די דעמאָקראַטן אַריינציען אין ווייסן הויז אין וואַשינגטאָן, די רעפּובליקאַנער פּאָסט-מייסטערס אין דרום וועלן אָפּגעזאָגט ווערן פון זייערע שטעלעס, און זייער אָרט וועלן פאַרנעמען דעמאָקראַטן, די רעפּובליקאַנער באָסעס וועלן בלייבן אָן ברויט פאַר זיך און פאַר זייערע קליקעס אויף פיר יאָר. נאָר וואָס מאַכט עס אויס? אַלץ בעסער פאַר זיי, ווי ווען רוזוועלט זאָל ווערן פּרעזידענט. די „באָסעס" נעמלעך ווילן ליבער אַ מפּלה מיט טאַפטן, איידער אַ זיג מיט רוזוועלטן.

* *
*

רוזוועלט איז זיי קיינמאָל נישט ליב געוועזן. ער איז געווען צופיל זעלבשטענדיק, כדי צו זיין אַ מענטש, וואָס מען קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן, דער מענטש איז געוואַקסן פון זיך אַליין. מיט אַן אומגעהויערער ענערגיע, מיט אַ טעמפּעראַמענט פון אַן אמתן פאָלקס-העלד, מיט אַ היפּש ביטל וויסן, מיט קלוגשאַפט און טאַקט און מיט זיין רעדנער-טאַלאַנט האָט ער זיך אַרויסגערוקט אויף דער פּאָליטישער אַרענע. מען האָט אים ליב געהאַט, אָבער מען האָט פאַר אים מורא געהאַט. בשעת ער איז געווען פּאָליציי-קאָמיסיאָנער אין ניו-יאָרק, האָט ער געשריבן זיינער אַ פריינדין, אַז ער וואָלט גערן אָנגעקומען אויף אַ שטעלע אין דער צענטראַלער רעגירונג אין וואַשינגטאָן, די דאַמע איז געווען באַקאַנט צו דעם דעמאָקראַטיקן פּרעזידענט מאַק-קינליי. מאַק-קינליי האָט זיך שטאַרק געוואָלט אַרויסדרייען פון דעם פאַרשלאַג. ער איז אַן איינגעשפּאַרטער מענטש — האָט ער געטענהט מיט דער דאַמע — אַן אייגנזיניקער.

די „פּאָליטישענס" האָבן אים נישט געוואָלט האָבן אין

ווייסן הויז, האָבן זיי אים געמאַכט — צוריק מיט 12 יאָר — פאַר וויס־פּרעזידענט; אין די פּאַרייניקטע שטאַטן הייסט דאָס אַזוי גוט ווי אַפּרוימען פון וועג, ווי להבדיל אין רוסלאַנד אַריינזעצן אין גאָסודאַרסטווענני סאָוויעט, אָדער פּשוטער געזאָגט — אין מושב־זקנים. אמתע העלדן האָבן אָבער אָפט מזל, און רוזוועלטס מזל האָט געוואָלט, אַז מאַק־קינלי זאָל דערהרגעט ווערן, און ער האָט אַריינגעצויגן אין ווייסן הויז אַריין.

דער קאָנפליקט צווישן רוזוועלטן מיט די „באָסעס" איז נישט מיט אַמאָל געבוירן געוואָרן. זיינע וואָרצלען ליגן אין דער פאַרגאַנגענהייט.

* *
*

אין אַן אַנדער צייט און מיט אַן אַנדער מענטש אויף רוזוועלטס אָרט וואָלט גאָר צו קיין סקאַנדאַל אַפילו נישט געקומען. א גרעסערער העלד, ווי רוזוועלט, וואָלט זיך נישט געקאָנט אַנטקעגנשטעלן די „באָסעס" און האַלטן זיך כאָטש איין טאָג אויף דער אויבערפלאַך. די גאַנצע פּאָליטישע מאַשין באַשטייט פון אַ האַרטן מענטשן־מאַטעריאַל, געשמידט פון שטאָל און אייזן, דורכגעטריבענע ביטערע יונגען, און זיי האָבן אונטער זיך דעם מעכטיקסטן אינסטרומענט פון פּאָליטישן לעבן — די פּרעסע. דאָ גילט נישט קיין איינזען, קיין ריקזיכט, קיין האַלבע מיטלען. דער ווידערשפּעניסטיקער ווערט צעמאָלן, איידער ער קאָן באַווייזן אַ מויל צו עפענען — און פאַרטיק. ער עקזיסטירט נישט מער. די פּאַרטיי — דאָס איז אַ מאַשין פון קליינע און גרויסע רעדער, און וועט קיין רגע נישט ליידן אַ פרעמדן שטערנדיקן עלעמענט.

אויב רוזוועלט, כמעט אייגער אַליין אַנטקעגן די „באָסעס", האָט אַזוי ווייט געבּרענגט, וואָס אין אמתן האָט ער אין שיקאַגע געהאַט אַ מערהייט, און ווען נישט די שרעקלעכע שווינדלען ביים אויסבּראַקירן זיינע דעלעגאַטן און אַוועקזעצן אויף זייער אָרט טאַפּטס דעלעגאַטן, וואָלט ער דאָך אומבאַדינגט באַ־

מינירט געוואָרן — איז דאָס צוליב צוויי טעמים. ערשטנס, רוזוועלטס פּערזענלעכקייט, צווייטנס, די „פּריימעריס", וואָס זע-גען די לעצטע צייט איינגעפירט געוואָרן אין פאַרשידענע „סטייטס".

רוזוועלט איז מער ווי אַ פּאָליטיקער, ער איז דאָס גע-ליבטסטע קינד פון פאָלק. אַ „פייטער" לויט זיין נאַטור, אומ-רואיק, מוטיק, אַ „רוי-רייטער", אַ יעגער, איינגעטונקט, דאַכט זיך, איינגאַנצן אין זידיקן קאָכעדיקן „בלאָף" פון טאָג, און דאָך שטעקט אַרויס אַ קאָפּ פון אַ מענטש, און פון אַ באַדייטנדיקן מענטש, פון דעם דאָזיקן „בלאָף" אַרויס. ער איז אַ ביטערער קעמפער און אָנגרייפער אַנטקעגן זיינע קעגנער, אָבער אין קאַמף אַליין האָט ער ליב צו געבן זיין קעגנער אַ „סקווער דיל" — וואָס יענעם געהערט על פּי יושר. ער איז קיין „פּאָליטישען" נישט אין דעם זין, וואָס אויב קאַמף, וויל ער דעם אָפּענעם קאַמף אויף דעם ברייטן פעלד און מיט גלייך געווער. ער איז אַ דזשענטלמען אין זיין אינערן, אויסערלעך — דער בעסטער גוטער ברודער, פּאָפּולער, פּאָלקסטימלעך, צוגענגלעך, געמיט-לעך און וויציק. „טעדי" רופט אים דער עולם (פאַרקירצט פון טעאָדאָר).

— העלאָ, טעדי! — שרייט מען, ווען ער באַווייזט זיך,— זאָג אונז עפּעס נייעס.

— „אָל רייט, באָיעס" — ענטפערט ער (גוט, יונגען).

— רעד צו אונז, טעדי! — שרייט איינער, וואָס שטייט פון אונטן און קאָן אים נישט זען.

ער דרייט זיך אויס און ענטפערט:

— איך באַדויער, וואָס איך האָב נישט מער, ווי איין פּנים — פון פאָרנט.

אַזוי האַלט ער זיך מיטן פאָלק, זיין רייזע איבער איי-ראָפּע האָט געוויזן, אַז ער ווייסט זיך ווי צו האַלטן אין די הויפן מיט זייער שטרענגע עטיקעט. און אינמיטן בעסטן קאַמף אין שיקאַגע דערזעט ער צווישן זיינע דעלעגאַטן, וואָס זענען געקומען צו אים אויף אַ באַראַטונג, אַ געלערנטן, אַ ספּעציאַ-

ליסט אין זאָלאָגיע, און הויבט אים אָן אויסצופרעגן וועגן א געוויסן סאָרט פייגל, וואָס זענען פארשוואונדן פון א געוויסן אָרט — פון „איסטער בעי", רוזוועלטס רעזידענץ.

„גיוו עס טעדי" (גיט אונז טעדין) — דאָס איז געווען דער פאראָל פון פאָלק, ווען ער האָט זיך באוויזן.

אָט דער אויסערגעוויינלעכער פאָפולאריטעט און באליבט־קייט ביים עולם האָט דאָס רוזוועלט צו פארדאנקען, וואָס ער האָט אָנגעפירט א קאמף קעגן די „באָסעס", און כאָטש, ווי עס זעט אויס, האָבן זיי געזיגט, האָבן זיי אָבער באקומען אזוינע טויט־קלעפ, אז אויף זיי גילט דאָס ווערטל: נאָך איין זיג אזוי־נער, און דו ביסט פארלוירן.

דער צווייטער מאָטיוו, ווי געזאָגט, זענען די „פריימע־ריס" אָדער די פאָרוואלן. אין עטלעכע „סטייטס" איז אָנגענו־מען געוואָרן א געזעץ, אז די מיטגלידער פון יעדער פארטיי זאָלן פריער אָפשטימען, ועמען זיי ווילן האָבן פאר א קאנדי־דאט. אָנשטאָט וואָס ביז אהער האָבן נאָר די „פאָליטישענס" געהאַט די דעה צו באַמינירן דעם פרעזידענט, האָט דאָס רעכט איצט, אין מאנכע סטייטס, יעדער בירגער. א דאנק דעם געזעץ, איז רוזוועלטן געלונגען צו באקומען אויף דער קאָנווענץ מער ווי א העלפט פון די דעלעגאטן. אָבער די „פאָליטישענס", וואָס ווילן די לייצעס נישט ארויסלאָזן פון האנט, האָבן מיט שווינדל און קאָרופציע געוואונען דעם זיג.

עס איז געווען א גרויסארטיקער שוישפיל אויף דער קאָנווענץ. דאָס לאנד האָט אנטפלעקט אלע זיינע באהאלטענע זייטן.

רעקאָווי ביטש 23 יוני 1912.

מיסטער ברייען

מיסטער ברייען, דער מיניסטער פון אויסערן אין אַמעריקע, איז ווי אַ ביין אין האַלז פאַר אַלע דיפּלאָמאַטן. זיי האָבן פון אים אויסצושטיין חרפּות און בזיונות.

אַ מיניסטער, און ער טרעט אַרויס אין צירקן!

די גאַנצע אייראָפּעישע פּרעסע איז פאַר עטלעכע חדשים געווען פול מיט דער „סקאַנדאַליעזער" געשיכטע פון מיסטער ברייען, וואָס האָט געהאַלטן לעקציעס פאַר געלט און האָט זיך כּלל נישט געקימערט וועגן דעם, וואָס אויף די זעלבע ברעטלעך, וואו ער האָט געהאַלטן זיינע דעמאָקראַטישע רעדעס האָבן נאָכדעם אַקראָבאַטן באַוויזן זייערע קונצן און אַ דרעסי־רער פון חיות האָט אַרומגעפירט זיינע לייבן און טיגערן.

דעמאָלט האָט מיסטער ברייען זיך פאַרענטפערט, אַז די 12 טויזנט דאָלאַר וואָס ער באַקומט שכירות אַ יאָר, קלעקן פאַר אים נישט, און ער קאָן זיך נישט אָפּזאָגן פון זייטיקע הכנסות.

האָט מען זיך ערשט רעכט צעלאַכט אין די צייטונגען אויף דער מאַטעריאַליסטישער אַמעריקע און אויף איר מיני־סטער, וואָס איז אַזוי להוט נאָכן דאָלאַר.

אויב דער מיניסטער פון לאַנד איז אַזאַ איינער, וואָס פאַר אַ דאָלאַר שאַנעוועט ער נישט זיין הויכן אַמט, מילא, ווי זעט אויס דאָס גאַנצע לאַנד?! עס פאַרשטייט זיך, עס איז

רעכט, אַז פאַרן דאָלאַר זאָל מען פאַרקויפן אַלעס הייליקס, טאַטע-מאַמע און אַלע געפילן און יעדע שעמעוודיקייט.

ווער-זשע איז ער דאָס, דער שרעקלעכער מאַטעריאַליסט, דער גראָבער ביזנעס-מענטש, דער געמיינער דאָלאַר-דינער, דער מיסטער ברייען?

עס איז שוין אַ מעשׂה פון אַ 15 יאָר, ווען די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז זיך צוזאַמענגעקומען פאַר די פּרעזידענט-וואַלן אויף אַ קאָנווענץ, צו נאָמינירן אַ פּרעזידענט, און האָט געזוכט אַ מענטש, וואָס זאָל פירן די פּאַרטיי אין קאַמף צום נצחון אַנטקעגן די רעפּובליקאַנער.

די „טרעסטן", די הערשאַפט פון די גרויסע געלט-מאַגנאַטן, האָבן זיך דעמאָלט שוין געפילט אין לאַנד. די רעפּובליקאַנער האָבן געשטיצט די געלט-מאַגנאַטן, די דעמאָקראַטן האָבן זיי לפּנים באַקעמפט, אָבער קיינער האָט צו זיי קיין צוטרוי נישט געהאַט, ווייל וואָס גרעסער און איינפלוסרייכער דער „פּאָליטישען" איז געווען, אַלץ מער קאָרומפּירט איז ער געווען, אַלץ גרעסער אין אים דער שווינדל און דער דעמאַגאָג. אַ נייער מענטש האָט געדאַרפט קומען.

און אָט, אויף דער היסטאָרישער קאָנווענץ, איז אַרויס-געטרעטן גאָר אַן אומבאַקאַנטער דעלעגאַט, אַ יונגער לערך, אָן נאָמען, אָן איינפלוס, אָן ראָלע, אָן קליקע, און האָט גע-האַלטן אַ רעדע.

— ווער איז ער? — האָט איינער דעם אַנדערן גע-פרעגט.

— אַ דעלעגאַט פון דער „סאַוט" (דרום), מיסטער ברייען.

אָבער דאָס איז נישט געווען קיין רעדע, נאָר אַ גע-שריי פון עמפּערונג, דאָס האָט נישט גערעדט קיין „פּאָליטי-שען", נאָר אַ פּוריטאַנער, אַ קנאַי פון אמת און גערעכטיקייט, און מיט אַ דונערנדיקער שטים האָט עס געקלונגען איבערן זאַל און איבערן גאַנצן לאַנד:

„איר וועט נישט קרייציקן די מענטשהייט אויפן גאָלדע-נעם קרייץ!"

די ווערטער, וואָס זענען געבליבן היסטאָריש.

חברה „פּאָליטישענס״ זענען געריבענע יונגען, זיי ווערט איר נישט אויסנאַרן מיט קיין רעדע. זיי ווייסן די מלאכה, ווי צו גענאַרן דעם עולם, און מען קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר א געוואַלטיקע מאָראַלישע קראַפט עס האָט געמוזט שטעקן אין דעם יונגעמאַן פון דער „סאַוט״, אז ער האָט די „פּאָליטישענס״ מיט אַלע זייערע קליקעס און רויב-אָרגאַניזאַציעס מיט איינמאָל איבערגעקערט צו זיך. אויף דער זעלבער קאָנווענץ נאָך איז דער אומבאַקאַנטער נייער מענטש נאָמינירט געוואָרן פאַר פּרעזידענט.

דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן זיין פּאָליטישע קאַריערע, אייגנטלעך זיין פּאָליטישן קאַמף.

ווייל ברייען האָט ביז אַהער נאָר געקעמפט.

דריי מאָל איז ער „געלאָפן״ אויף פּרעזידענט, דריי מאָל איז ער דורכגעפאַלן, מען זאָגט: מיט שווינדלען, וואָס די רעפּובליקאַנער האָבן געמאַכט.

און יעדעס מאָל איז דער קאַמף געווען א ריינער. יעדעס מאָל האָט גערעדט דער מאָראַליסט, יעדעס מאָל איז די הויפּטזאַך געווען די גערעכטיקייט.

ווייל מען קאָן נישט זאָגן, אז ברייען איז א גרויסער פּאָליטיקער. זיין פּראָיעקט מיט דער זילבער-וואַלוטע, וואָס דורך דעם וואָלט א דריטל פון די קאַפּיטאַלן איבערגעגאַנגען פון די מאַגנאַטן-הענט אין די הענט פון דער קליין-בורזשואַזיע, צייכנט זיך נישט אויס מיט פיל מלוכה־זין און פּראַקטישקייט. ער האָט שטענדיק פאַרקערפּערט אין זיך דעם פּראָטעסט קעגן דער קאָרופּציע, קעגן דער פאַרדאָרבנקייט, קעגן דער ממשלה פון די רייכע און שטאַרקע — ער האָט געשפּילט די ראָלע פון דעם נביא אין זיין לאַנד.

אָבער אים איז נישט באַשערט געווען צו זיצן אין ווייסן הויז אין וואַשינגטאָן.

ביי די לעצטע-וואַלן, ווען די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי איז זיך צעפאַלן, און דער דעמאָקראַטישער נצחון איז זיכער

געוועז, האָט מען זיין פּערזענלעכקייט מער נישט געדאַרפֿט. ספּיקער קלאַרק (אַ באַרימטער פּאָליטישען, דער פּאַרזיצער פֿון קאָנגרעס) האָט געקאָנט האָבן דעם נצחון, פּונקט אַזוי, ווי פּראָפעסאָר ווילסאָן האָט אים געהאַט. די קליקע האָט דערפֿילט, אַז איר צייט צו רעגירן איז געקומען, די „פּאָליטישענס", אויסגעהונגערט אַזוי פֿיל יאָרן נאָך הויפּט־שטעלעס, האָבן זיך געגרייט איצט צו זעטיקן פֿון דער קהלישער שיסל.

דעמאָלט טרעט ווידער אַרויס אויף דער אַרענע ברייען און קעמפֿט, ווי אַ לייב. ער קעמפֿט נישט פֿאַר זיך און נישט פֿאַר קיין באַשטימטן קאַנדידאַט. ער קעמפֿט קעגן דער קאָרופּ־ציע. ער האָט נישט געזאָגט, פֿאַר וועמען מען זאָל יאָ שטי־מען, אָבער פֿאַר וועמען נישט צו שטימען האָט ער געוואוסט.

וועמען „טעמעני־האָל" (די ניו־יאָרקער געפֿאַלענע קאָרופּ־טירטסטע אָרגאַניזאַציע) וויל — דער טויג נישט.

— „טעמעני־האָל" וויל קלאַרקן — שטימט פֿאַר וויל־סאָנען.

און ער, מיט זיין מאָראַלישער קראַפֿט און פּוריטאַנישער גייסט־פֿעסטקייט, האָט בייגעקומען די שטאַרקסטע, די שרעק־לעכסטע, די פֿאַרדאָרבנסטע — מורפֿי און זיין רויבער־באַנדע פֿון „טעמעני־האָל".

אָט אַזוי האָט אַמעריקע באַקומען אַ פּראָפעסאָר פֿאַר אַ פּרעזידענט, און די ממשלה פֿון קאָרופּציע האָט באַקומען דעם ערשטן קלאַפּ.

* * *

איצט איז מיסטער ברייען מיניסטער פֿון אויסערן, אונ־טער פּרעזידענט פּראָפעסאָר ווילסאָן.

12 טויזנט דאָלאַר האָט ער געהאַלט. קיין שוחד נעמט ער נישט, אונטערקייפֿן קאָן מען אים נישט.

ער האָט זיך ביז איצט באַשעפֿטיקט מיט אַרויסגעבן אַ וועכנטלעכע צייטונג „דהי קאָמאָנער" (דער איינפֿאַכער מענטש)

און מיט האַלטן לעקציעס וועגן פּאָליטישע און מאָראַלישע ענינים.

דערמיט האָט ער פיל מער פאַרדינט.

פאַרוואָס זאָל ער זיך איצט נישט קאָנען באַשעפטיקן — דער „קאָמאָנער“ פאַרשטייט דאָס נישט. די מאָראַל פון דעם פוריטאַנער געפינט, אַז מיט ערלעכע מיטלען פאַרדינען געלט איז זייער אַ כשרע זאַך.

דער אויפריכטיקער דעמאָקראַט ווייסט נישט, וואָס איז דער מער אויב מען איז מיניסטער. אַלע זענען מיר גלייך, און אַלע האָבן מיר אונזערע ערלעכע „ביזנעס“, וואָס מיר דערפילן לויט דעם געפיל פון מאָראַל און ערלעכקייט, וואָס אין אונזער האַרץ.

אויב די געזאַנדטע פון די קיסרים און מלכים פון אייראָפּע שטייט עס נישט אָן, איז עס... אוממאָראַליש פון זייער זייט.

דער פוריטאַנער ווייסט נישט פון קיין פשרות און נאָכגעבעניש, ער האָט זיין גראָדן וועג.

אָט דאָס איז די פיגור פון דעם „גייציקן“, „קאַבאַרעטאָוון“, מאַטעריאַליסטישן“ מיסטער ברייען.

אָן אמתער פוריטאַנישער גייסט.

איצט איז אַ נייער סקאַנדאַל מיט מיסטער ברייען.

דער געזאַנדטער פון יאַפּאַן האָט אים צוגעשטעלט אַ ראַפּאָרט וועגן דער יאַפּאַנישער עמיגראַציע, זייער אַ וויכטיקן דיפּלאָמאַטישן דאָקומענט.

מיסטער ברייען האָט דעם דאָקומענט אַריינגעלייגט אין קעשענע, מעשה „קאָמאָנער“, און געגאַנגען האַלטן אַ פאָרלעזונג. דאָרט איז דער דאָקומענט פאַרלוירן געגאַנגען...

טוט זיך מעשים, די יאַפּאַנישע רעגירונג איז באַליידיקט, אַלע דיפּלאָמאַטן פילן זיך שרעקלעך באַליידיקט, וואָס זיי דאַרפן האָבן צו טון מיט אַזאַ גאַסן־מענטש.

און מען זאָגט: צוליב דעם סקאַנדאַל וועט ברייען מוזן אַראָפּ אין דימיסיע.

קיין גרויסן שאָדן וועט די וועלט נישט האָבן דערפון. בריינען פאַסט ווירקלעך נישט אַריין צווישן די שפּיציקע קאַ־פּעלושן און די מונדירן מיט די אָרדנס. ער איז דער „קאָ־מאָנער", און דאָרט איז זיין אָרט, און אין קאַמף איז ער פיל שענער און אינטערעסאַנטער, ווי אין די פּאַראַדנע צימערן פון מיניסטעריום פון אויסערן.

יידן זענען „אָלל־רייט" אין אַמעריקע

קוים בין איך אָנגעקומען בשלום פון אַמעריקע קיין אייראָפּע, דאָס מיינט מען — פון שלומס קאַפע אין ניו־יאָרק גלייך אריין אין קאַפע „מאָנאָפּאָל" אין בערלין, האָב איך מיך דערפילט אין אַ שווערער לאַגע.

דער כוח־הדיבור איז אָפּגעטון געוואָרן פון מיר. מען פרעגט, און איך קאָן נישט ענטפערן. מען שטעלט מיר פראַגן און איך קווענקל מיך און שטאַמל, און גיב נישט קיין קלאָרן ענטפער.

קאָלעגן, באַקאַנטע, פריינט, באַעקנטע אין ווייטע, ווילן אַלע וויסן, וואָס מאַכן יידן אין אַמעריקע.

— אַנו? — פרעגט איינער, באַלד נאָכן שלום־עליכם, און ער רעדט נישט מער, איך דאַרף דאָך מיך אַליין אָנשטויסן, וואָס אים אינטערעסירט.

— ווי איז עפּעס דאָרט די יידישע לאַגע?

— איז דאָ אַנטיסעמיטיזם?

— האָט יידישקייט אַ צוקונפט?

— וועלן יידן בלייבן יידן?

— זענען יידן צופרידן?

— איז מען פון זיי צופרידן?

— און די יידישע פּרעסע און ליטעראַטור אין אַמעריקע?

געל? האַ?

און דאָס יידישע טעאַטער? שונד? האַ?

— וואָסערע מיינונג האָט איר וועגן אַמעריקע? — פרעגט דער איינפאַכער מענטש, דער תם.

און איך פרעג מיך אַליין, פאַרוואָס קאָן איך די אַלע גוטע מענטשן נישט צופרידן שטעלן מיט אַ צוויי־דריי קלאָרע זאַצן: פאַרוואָס קאָן איך נישט אויסדריקן אין עטלעכע געשיקטע פראַזן מיין מיינונג וועגן די פראַגן און מיין באַציאונג צו דעם, וואָס איך האָב געזען און דערלעבט אין דעם גאָלדענעם לאַנד.

צי האָב איך אַליין קיין מיינונג נישט? האָב איך קיין באַציאונג נישט? קיין סימפּאַטיע? קיין אַנטיפּאַטיע?

* * *

דער אמת איז, אַז אַמעריקע איז נישט נאָר אַן אַנדער לאַנד, נאָר גאָר אַן אַנדערע וועלט. איך קאָן מיט דעם אייראָפּעישן לשון נישט אויסקומען, רעדנדיק וועגן אַמעריקע. נישט אין דעם אונטערשיד פון דער שפּראַך האַנדלט עס זיך, נאָר אין דעם אונטערשיד פון באַגריפן, אָפּשאַצונגען און קוק אויפן לעבן. קאַרטאָפל קאָן מען נישט מעסטן מיט קיין אַרשין, אין זיידנס קאָן מען נישט מעסטן מיט אַ וויאַדרע. אַמעריקע, דאָס יידישע ווי דאָס אַלגעמיינע לעבן, דאַרף געמאָסטן ווערן מיט איר אייגענער מאָס.

איך וועל פּרואוון צו רעדן, למשל, וועגן אַזאַ איינפאַכער פראַגע: צי איז פאַראַן אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע?

מען קאָן, דאַכט זיך, ענטפערן גאַנץ באַשטימט „יאָ" און מיטן פולן מויל. אָט האָט איר אַ מאַסע האָטעלן, וואו יידן ווערן נישט צוגעלאָזט; אָט ווייסט מען, אַז די רייכע יידן ליידן פון סאָציאַלן בויקאָט, זיי ווערן אין די פּאָרנעמע קלובן נישט אויפגענומען, די נאָענטסטע פּאָליטישע פריינט ווערן נישט איינגעלאַדן אויף אַ פּריוואַטע שמחה, אויב זיי זענען יידן.

און נישט נאָר אין די הויכע פענסטער איז דאָ אַנטי־

סעמיטיזם. אַ חוץ די באַקאַנטע פאַקטן פון פאַבריקן און ווערק־שטאַטן, וואו יידן־אַרבעטער האָבן צו ליידן פון די קריסטלעכע אַרבעטער, ווייס איך צו דערציילן פון פּאָפּולערע אַנטיסעמיטי־שע גאַסן־לידלעך. איך קאָן זאָגאַר די מעלאָדיע פון די לידלעך. איינס (הייסט אין יידישער איבערזעצונג):

„פאַראַן אַ פלאַץ אין ניו־יאָרק
גערופן קעסטל־גאַרטן
און צו יעדער צייט קומט אָן אַ שיף
און ברענגט אַ מחנה יידן, —
גאָט־פאַרפלוכטע יידן!"

אַ צווייטס רעדט נאָך באַשטימטער:

„ווער אַרבעט אין די סאָבווייס? — דער אַוריש־מאַן.
— ווער פאַרדינט דאָס געלט? — דער ייד א. אַ. וו.

און פונדעסטוועגן אויב איך זאָל געבן אַזאַ באַשטימטן ענטפער, אַז אין אַמעריקע איז דאָ אַנטיסעמיטיזם, פיל איך, אַז איך האָב עפּעס נישט דערזאָגט, נישט ריכטיק זיך אויס־געדריקט.

„וועל — וואָלט איך געזאָגט אויפן ניו־יאָרקער לשון — מען „גלייכט" אונז נישט שטאַרק, אָבער ס'איז „אָל־רייט".

און עס איז „אָל־רייט" דערפאַר, וואָס אין אַמעריקע זענען די פאַרהעלטנישן גאָר אַנדערע, די באַגריפן גאָר אַנ־דערע, די וועלט־אָנשויאונג — אַן אַנדערע.

מען האָט פיינט דעם נעגער שנאת־מות, מען האָט פיינט דעם כינעזער, מען האָט פיינט דעם סלאַווישן, מען האָט פיינט דעם איטאַליענער און — מען האָט פיינט יידן. דעם ייד, פאַר־שטייט זיך, אויף גאָר אַן אַנדער אופן. און ווער אייגנטלעך האָט פיינט? דער ריינער אַמעריקאַנער? דער יענקע? איז נאָך אַ פראַגע, צו דער ריינער „אַמעריקאַנער" איז שוין אַ טיפּ, וואָס עקזיסטירט, אָדער ער ווערט איצט באַשאַפן.

פאַר עטלעכע חדשים, נאָכדעם ווי ווילסאָן איז נאָמינירט געוואָרן אַלס פּרעזידענט, האָט ער געהאַלטן אַ רעדע פאַר פער־ציק־פופציק מאַן, פאַרטרעטער פון פאַרשידענע אַמעריקאַנער

ציי‍טונגען אין נישט ענגלישע שפּראַכן. ער האָט געוואָלט אַפּליקעגען די קלאַנגען, אַז ער איז אַ קעגנער פון אימיגראַציע.

מיר זענען זיך צוזאַמענגעקומען אין וואָכעדיקע רעקלען. אָן שום צערעמאָניעס, אין די שיינע זאַלן פון ניו-יאָרקער קינסטלער־קלוב אויף דער 22־טער סטריט. באַלד איז אָנגעקומען אַ הויכער דזשענטלמאַן, געהאַלטן זיך אויך נישט זייער יום־טובדיק, און האָט פאַר אונז געהאַלטן אַ רעדע:

„אומזיסט באַשולדיקט מען מיך — האָט ער געזאָגט צווישן אַנדערן — אַז איך פאַרטרעט דעם פּרינציפּ פון ריינעם אַמעריקאַנערטום און בין אַ קעגנער פון פרייער אימיגראַציע. דער „ריינער אַמעריקאַנער" איז מער אַן אידעע, ווי אַ ממשותדיקע זאַך. מיר פאַרשטייען דערונטער אַ געוויסע הויך פון לעבן („סטענדערד אָוו ליווינג"), געוויסע אָנשויאונגען, פרייהייט־ליבע. עס קאָן זיין, אַז אַ געוויסער איטאַליענער אָדער רוסישער ייד, וואָס געפינט זיך נאָך אויף דער שיף, איז מער „ריינער אַמעריקאַנער" ווי אַ געוויסער „יענקע" וואָס איז דאָ געבוירן. דער אַמעריקאַנער, מיינע הערן, איז אַן אידעע".

דאָס איז געווען בקיצור דער אינהאַלט פון דעם הויכן דזשענטלמענס־רעדע, וואָס וועט איינגיכן אַריינציען אין ווייסן הויז.

און ער האָט אין תוך אַרייגגעזאָגט, וואָס ריכטיק איז.

נו, איז די פראַגע — צי האָט דער „ריינער אַמעריקאַנער", בעסער געזאָגט: „דאָס ריינע אַמעריקאַנערטום" פיינט דעם ייד, אָדער נישט?

און דערויף קאָן מען פונקט פאַרקערט ענטפערן: ניין, דער „אַמעריקאַנער" (אין „געגזענפּיסלען") האָט דעם ייד נישט פיינט.

אַמעריקע איז אַ לאַנד, וואוהין די היסטאָריע האָט געשיקט ראַסעס און פעלקער אויף עקזאַמען צו באַווייזן, וואָס זיי קאָנען. ס'איז אַן אָפן, פריי פעלד פאַר טיכטיקייט, פלייס, פאַרשטאַנד און ענערגיע. יידן האָבן אויסגעהאַלטן זייער אַ גוטן עקזאַמען. זיי האָבן זיך עקאָנאָמיש גאַנץ גוט באַפעסטיקט, האָבן

פיל רייכטום אין זייערע חענט, האָבן אָרויסגערוקט אַ גאַנצע מענגע באַדייטנדיקע מענער, האָבן אַ גרויסן איינפלוס א. אַ. וו.

דאָס אַווירישע לידל שעלט זיי דערפאַר און איז זיי מקנא. דער „אַמעריקאַנער" בענטשט זיי דערפאַר, ווייל לויט דער אַמעריקאַנער מאָראַל, איז נישט פאַראַן קיין שענערע און בעסערע זאַך — ווי דערפאָלג.

אויב יידן האָבן דערפאָלג, הייסט עס, זיי זענען „אָל־רייט".

פון „דרך רשעים צלחה" (דער וועג פון די רשעים איז גליקלעך) האַלט דער אַמעריקאַנער כּלל נישט. לויט זיין מיינונג האָבן שלימזלען אויסגעטראַכט דעם זאַץ, אַז דעם צדיק איז שלעכט, און דעם רשע איז גוט. די מאָראַל פון אומבאַהאָלפּנקייט מיט דער ברוגזער מינע אויף דער וועלט איז אים פרעמד.

דעם גוטן איז גוט, און דעם שלעכטן איז שלעכט — וואָלט דער אַמעריקאַנצער געזאָגט, ווען ער וואָלט זיך איבערהויפּט אינטערעסירט מיט מאָראַלישע פראַגן.

* * *

וואָס־זשע זאָל איך ענטפערן, ווען מען שטעלט מיר אָט אַזאַ פּשוטע פראַגע: צי איז פאַראַן אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע?

— „וועל", פאָרט אָקאָרשט אַריבער און באַקאָנט אייך אויפן אָרט, און אויב איר זענט קיין שלימזל נישט און האָט נישט קיין שלימזלדיקע אָנשויאונגען און האָט אויך נישט ליב צו קרומען זיך אויף דער וועלט און טענהן, אַז עס קומט אייך אַ רעשט — דאַן וועט איר דער דאָזיקער נייער וועלט „גלייכן", און וועט אפשר פאַרשפּאָרן צוריקצוקומען.

און עס איז נישט אַזוי בלויז מיט דער פראַגע פון אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע. וואָס איר זאָלט נישט פרעגן, מוזט איר באַקומען אַן ענטפער מיט הקדמות, מיט באַמערקונגען, און נאָך אַלעם ווייסט איר אַלץ נאָך נישט ריכטיק.

קלאָר איז מיר נאָר אַזוי פיל, אַז יידן האָבן אַלס מענטשן,

צייסטיק און פיזיש, זייער פיל פראָגרעסירט אין אַמעריקע. דער יידישער טיפ איז אין פאַרלויף פון אַזאַ קורצער צייט אי אויסערלעך, אי אינערלעך געזונטער און סימפּאַטישער געוואָרן. דער רוקן איז געוואָרן אויסגעגלייכטער, די אויגן — קלאָרער, די באַוועגונגען — ריטמישער, דאָס זעלבסטגעפיל שטאַרקער און פרייער, די פעיקייט צו אָרגאַניזאַציע גרעסער.

נאָר צי וועט אַמאָל נישט זיין קיין פּאָגראָם? צי וועלן יידן בלייבן יידן? צי האָט דאָס יידישקייט אַ קיום? א. אַ. וו.

— אָט פאָרט אָקאָרשט אַריבער. כ׳לעבן, ס׳לוינט. ס׳איז שווער צו זיין אַ נביא, און ווער שמועסט נאָך, ווען מען רעדט וועגן אַמעריקע מיט... אונזערע באַגריפן.

איך האָב נעכטן געטראָפן אַ ייד. וואָס איז געווען אַ לענגערע צייט אין אַמעריקע, האָבן מיר גערעדט אויך וועגן יידן, און מיט איין פראַזע האָבן מיר אַלץ געהאַט אָפּגערעדט:

„יידן זענען „אָל-רייט" אין אַמעריקע."

יאַהודים

אַזוי דאַרף מען שרייבן דאָס וואָרט — יאַהודים מיט פּתח אלף, כּדי עס נישט צו פאַרבייטן מיט דעם געוויינלעכן יהודי. יאַהודי און יהודי דאָס זענען צוויי באַגריפן, נישט נאָר פאַרשידענע, נאָר אַנטקעגן געזעצטע, איינער דעם אַנדערן איז סותר. ווען איר זאָגט „יהודי", הערט זיך אַן אָפּקלאַנג פון נאַענטקייט און ברידערלעכקייט; אַזוי ווענדט איר זיך צו דעם ר' קרוב פון דער גרויסער יידישער משפּחה, וואָס איז צעזייעט און צע־שפּרייט אויף דער וועלט. אין זאַל פון שיף, וואָס וויגט זיך אויף די כוואַליעס פון אוקינוס, צי אין אַ ווייט און אין אַ פרעמד לאַנד צווישן אַ פרעמדער ראַסע, קוקט איינער דעם אַנדערן לאַנג אין די אויגן און פרעגט נישט דרייסט: „יהודי?" און ווען ער באַקומט דעם ענטפער יאָ, איז קיינער פון זיי מער נישט אַליין. פאַרקערט אָבער, „יאַהודי" איז אַן אויסדרוק, ספּעציעל באַשאַפן צו באַצייכענען פרעמדקייט און אָפּגעריסנקייט: די שרעק און די אַנגסט, וואָס די יידישע געלט־אַריסטאָקראַטיע, די אויבערשטע פון שטייסל, פילן צו דער יידישער ס ט י כ י ע, דאָס מיינט מען: צו דעם גרויסן, גראָען און וואָכעדיקן יידישן המון מיט זיין אָפּגעזונדערטקייט, מיט דעם לשון, וואָס אין זיין מויל, מיט זיין רירעוודיקן, צו־רירעוודיקן טעמפּעראַמענט אין זיין איינגעשפּאַרטן ראַסע־אינסטינקט.

יאַהודי — דאָס איז אַ באַשעפעניש פון מענטשלעכן מין,

פון דער יידישער ראַסע, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין סטיכיע, און ווען ער דערזעט, אַז זי נעמט זיך באַוועגן, אַז אין איר הויבט אָן צו שמעקן מיט דער אומרואיקייט און גער־וועזשקייט פון שאַפן, פאַלט אים דאָס האַרץ איין פאַר שרעק, אַזוי שרעקט זיך דער טראָפּן וואַסער, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון ים, בשעת די כוואַליעס נעמען שפּרינגען.

געבוירן איז דאָס וואָרט אין אַמעריקע, אויף דער איסט־סייד אין ניו־יאָרק פאַר אַן ערך 30—40 יאָר. דאָס איז דער צייט־פּונקט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע מאַסן־עמי־גראַציע פון ליטווישע און פּוילישע יידן אַהין. צו יענער צייט האָבן זיך אין אַמעריקע שוין געהאַט גוט איינגעפונדעוועט די דייטשע יידן, וואָס זענען אָנגעקומען מיט אַ 25 יאָר פריער, און האָבן דערגרייכט גרויסע דערפאָלגן און מסחר אין אינדו־סטרי. די ניי־אָנגעקומענע יידן האָבן אויף זיי אָנגעוואָרפן אַ שרעק, וואָס איז טיילמאָל דערגאַנגען צו דער מדרגה פון פּאַ־ניק. און די שרעק איז נישט געווען קיין מאַטעריעלע, ווייל די נייע יידן האָבן לייכט געפונען אַרבעט, און האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין שום סמנים, אַז זיי זאָלן פאַלן צו לאַסט. דאָס לאַנד איז גרויס און ברייט, און פּלאַץ איז פאַראַן פאַר יעדן, וואָס וויל אַרבעטן, געשראָקן האָט דאָס ס ט י כ י ש ע, וואָס די מזרח־יידן האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך, אין „קאַר" און „סאָבוויי" (טראַמוויי און אונטערערדישע באַן) האָבן זיי גע־רעדט יידיש, זיי האָבן גענומען אָרגאַניזירן זיך אין „סאָסייע־טיס" און אַרויסגעבן יידישע צייטונגען און ענדלעך גענומען שפּילן יידיש טעאַטער.

דער יידישער אַקטיאָר טאָמאַשעווסקי דערציילט אין זיינע מעמואַרן זייער אינטערעסאַנטע זאַכן, ווי אַזוי „שולמית" איז דאָס ערשטע מאָל אויפגעפירט געוואָרן אין אַמעריקע. די „יאַ־הודים", געוואָר ווערנדיק, אַז דאָס אומדערהערטע און שרעק־לעכע האָט ביי פאַרווירקלעכט ווערן, אַז מען קלויבט זיך צו שפּילן אויף יידיש, האָבן דערין איינגעזען אַזאַ גרויסע סכנה, אַז זיי האָבן אָרגאַניזירט אַן אמתע פאַרשווערונג. מען האָט

אויסגעדרונגען איין זאַל, מען האָט די אַקטיאָרן געדראָט, ענד־לעך האָט מען אונטערגעקויפט די סובערעטין. אַן אמתע מהומה האָט די אונטערנעמונג אַרויסגערופן צווישן די „יאַהודים״, און מען האָט מיט אַלע מעגלעכע מיטלען געלאָזט זיך אין קאַמף דאַקעגן — געהאָלפן, פאַרשטייט זיך, האָט דאָס קנאַפּ, נישט גאָר „שולמית״ איז, נאָך פיל מאַטעריש, אויפגעפירט געוואָרן, גאָר מיט דער צייט זענען גרויסע און פּרעכטיקע יידישע טעאַ־טערן אויפגעבויט געוואָרן, די אָרגאַניזאַציעס זענען געוואַלטיק אויסגעוואַקסן. די צייטונגען ציילן הונדערטער טויזנטער לעזער.— דאָס יידישע מאַסן־לעבן, עטעמענדיק די פרייע לופט פון דער צפון־אַמעריקאַנישער גרויסער רעפּובליק, האָט זיך צעבליט און צעוואַקסן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן דער אַלטער און באַקאַנ־טער אמת, אַז דער ים ווערט נישט שטיל, אויב מען שלאָגט אים מיט ריטער, אַז דאָרט וואו עס אַרבעטן סטיכישע כּוחות, קאָנען געציילטע מענטשן, מעגן זיי זיך האַלטן פיל מאָל קלי־גער און בעסער פאַר דער סטיכיע, גאָר נישט אויפטון. היינט צו טאָג האָבן די אַמעריקאַנישע יאַהודים אויפגעגעבן די האָפע־נונג צו בינדן און אָנצופירן מיט דער מאַסע; זיי זענען איצט צופרידן, אויב די איסט־סייד טיילט מיט זיי די מאַכט און השפעה. פונדעסטוועגן דאָס „יאַהודישע״ איז ביי זיי פאַרבליבן ביז היינט. איר וועט עס דערקענען זאָגאַר אין דער האַרטנע־קיקער אָפּאָזיציע, וואָס זיי האָבן געשטעלט און שטעלן נאָך איצט (אַ היפּש ביסל האָבן זיי שוין נאָכגעגעבן) דעם פּראָיעקט פון אַ יידישן קאָנגרעס.

* *
*

יאַהודישקייט איז נישט די געוויינלעכע אַסימילאַציע, אַסי־מילאַציע איז אַ ריכטונג אויף פּטור צו ווערן פון דער יידי־שער פראַגע; יאַהודישקייט — אַ רעפלעקס, אַ מורא. ביידע, אי דער אַסימילאַטאָר, אי דער יאַהודי טראָגן די געלע לאַטע אין זייער נשמה, ווייל אין זיי לעבט דאָס געפיל, אַז די סטיכיע,

וואָס האָט זיי געבוירן, איז עפּעס נידעריקס. אָבער בשעת דער איינער זאָגט, אַז די סטיכיע מוז פֿאַמעלעך פֿאַרשווינדן, פֿאָדערט דער צווייטער נאָר, מען זאָל זיך מיט דער שאַנד נישט ווייזן אויף דער וועלט.

דאָרט, וואו דאָס געפֿיל פֿאַר די נאַטירלעכע רעכט פֿון מענטש, צי אַלס יחיד, צי אַלס כּלל, איז ווייניק אַנטוויקלט, ווי למשל, בײַ אונז אין פּוילן, האָט די אַסימילאַציע געפֿירט דאָס וואָרט, ווייל די סיסטעם פֿון אויסראָטן געהערט אין אַזוי־נע לענדער בכלל צו די פּראַקטישע מעטאָדן. דאָרט אָבער, וואו די דעמאָקראַטישע פּרינציפּן זענען אָנערקענט, וואו די אויס־ראָטונג־סיסטעם עקזיסטירט נישט — האָבן מיר די יאַהודישקייט,

דריטער טייל

ארגענטינישע רייזע אין יאָר 1922

אינהאַלט פון דריטן טייל:

זייט:

אַדיע, איירָאָפּע!	5
„אַ קליין ביסל ווינט" . . .	11
ביי די ברעגעס פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל	16
ביים עקוואַטאָר	21
ביי די ברעגעס פון בראַזיליע . .	26
ריאָ דע זשאַנעירא	31
די „טמאים"	36
פרויען־הענדלער אויפן וועג . . .	43
מען בענקט אין בוענאָס־איירעס . .	49
אין דער פּאַמפּאַ	55
פאַרכאַפּט פון פּאַמפּערא . . .	60
די קרוין פון די יידישע קאָלאָניעס .	67
מעשיות פון פּאַטאַגאָניע . . .	75
30 יאָר קאָלאָניזאַציע אין ארגענטינע .	80

אַדיע, אייראָפּע

דער שנעל-צוג פֿאָרט איצט פֿאַמעלעך צווישן די מיטלאַלטערישע הייזער פֿון שערבורג און פֿירט אונז צום פּאָרט. מען דערזעט די ערשטע מאַסטן, די ערשטע קוימנס פֿון די שיפֿן וואָס שטייען אין קאַנאַל. אַז איך דערזע מײַן צוקונפֿטיקן עלעמענט, דאָס וואַסער, וואָס דאַרף מיך טראָגן העט-ווייט, טויזנטער קילאָמעטער וועג, און וויגן מיך פּסדר אַ דריי וואָכן, אָדער שלײַדערן און וואַרפֿן אין שטורם, פֿאַרקלעמט מיר אַזש דאָס האַרץ פֿון פֿרייד. היידאַ און אַדיע! ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט דאָס נאַרישקייט, אַז מענטשן דאַרפֿן טרויערן, אַז זייער האַרץ דאַרף קלעמען, ווען מען צעשיידט זיך, ווען מען רײַסט איבער, ווען מ'לאָזט אַ וועלט מיט פֿרײַנט און פֿײַנט הינטער זיך?! די צעשיידונג, דאָס איבעררײַסן — עס איז נאָר דער צער פֿון די קלײנע און נאַרישע; עס איז אָבער די פֿרייד פֿון אַ קינד פֿון דער וועלט, פֿון אַ מענטש, וואָס הימל, ערד, ים, שטורם און אַלע כּחות פֿון דער נאַטור האָבן נאָך מיט אים עפּעס אַ שײַכות. אַזוי לאַנג ווי מײַנע פֿינף חושים וועלן מיר בלײַבן געטרײַ, וויל איך זײַן אַ קינד פֿון דער וועלט. בלײַב-זשע געזונט, אייראָפּע! בלײַבט געזונט, נאָענטע און ווײַטע. ניטאָ קיין פֿרײַנט און פֿײַנט! אַלע זענט איר מיר איצט גלײַך, אַזוי ווי די טראָפּנס וואַסער פֿון אוקינוס דעם ים.

אין אַזאַ דערהויבענער שטימונג האָט מיך דער צוג צוגע-

פירט צו דעם לעצטן פראַנצויזישן גרענעץ-פּאָסטן. דער לאָקאָמאָטיוו פייפט און גרילצט אָן אויפהער. אַרום ווימלט שוין פון מענטשן, מאַסן פּאָרט-אַרבעטער, פאַרהאָרעוועטע, אין שווערער אַרבעט פאַרזונקענע, אָבער מיט פנימער ברוגזע און בליקן, דאַכט זיך, צאָרניקע. אין מאָסקווע, אין קרעמל, זיצט אַ רוסישער גרויסער בער און ברומט איבער דער וועלט, און דאָ, ביים קאַנאַל לאַ-מאַנש, ווערן געבליטן קאָכיק און אויגן שפריצן מיט פייער...

דער לעצטער פּאָסטן! נאָך איין-איינציק מאָל וועט מען מיך באַטאַפּן, באַזוכן, דורכשטודירן מיינע פּאַפּירן און צולייגן נאָך אַ שטעמפּל צו דעם טוץ, וואָס איך פאַרמאָג שוין. דער אייראָפּעישער מענטש וואַנדערט איצט אַזוי ווי אַ דרעסירטע חיה צווישן איינגעצוימטע שטייגן, ווען ער לאָזט זיך אין וועג אַריין. זיין מענטשלעכער ווערט איז נול, זיין רעכט צו עטעמען און לעבן און רירן זיך פון אָרט גיבן אים פּאַפּירן און שטעמפּלען. עס איז היינטיקע צייטן דער גרויסער יום-טוב פון דער ביוראָקראַטיע פון גאָר דער וועלט. דער מענטש איז אַ צוגאָב. אָט האָט איר אַ קורצן חשבון: 34 מאָל האָב איך ביים אַרגענטינישן קאָנסול אין וואַרשע געמוזט שטעמפּלען מיט מיין פינגער אַזוי ווי אַ גנב, און לאָזן מיינע פינגער-צייכן אין ביכער און פּאַפּירן; 15 פאָטאָגראַפיעס האָב איך צוגעשטעלט, 8 מאָל האָב איך אונטערגעשריבן. מיט מיר האָבן געהאַט צו טון אַ האַלב טוץ פּוילישע רעגירונגס-אינסטיטוציעס. מיך האָבן געטרייבערט און אין מיינע זאַכן האָבן גענישטערט: פּוילישע, דייטשע, בעלגישע, פראַנצויזישע גרענעץ-באַאַמטע; די לעצטע — צו צוויי מאָל, ביים אַריינפאָרן און אַרויספאָרן פונם לאַנד; ביים אָנקומען צו דער פראַנצויזישער גרענעץ האָט מען מיך חושד געווען — אין שפּיאָנאַזש. איינמאָל, ווייל איך בין געווען פאַרשלאָפן און בין אַרויס זיך וואַשן מיט קאַלט וואַסער. צווייטנס, ווייל זוכנדיק (אין מיין אָפּוועזנהייט!) צווישן מיינע זאַכן, האָבן זיי געפונען אַ שפּאַקטיוו און אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט. מיך האָט געראַטעוועט פון דעם חשד מיין פּוילישער פּאַס. אַ פאַרבונדעטער.

אייראָפּע האָט, אַפּנים, שוין גאָר פֿאַרגעסן די פֿרייהייט פֿון פֿאַר דער מלחמה. קלעמאַנסאָס פּשרה ווערטער, אַז די מלחמה געדויערט ווייטער, פּערמאַנענט, זענען מקוים געוואָרן. אָבער די מלחמה איז נישט נאָר קעגן דייטשלאַנד: עס איז אַ מלחמה פֿון טינט און פּעדער, פּאַפּירן, שטעמפּלען און ביוראָקראַטן קעגן דעם אומבאַהאָלפֿענעם מענטש. אַ מלחמה אָן שום האָפֿענונג, אַז זי זאָל זיך אַמאָל ענדיקן. אַ מלחמה אָן אַ סוף.

צום לעצטן מאָל האָט מען מיך געשטעמפּלט, צום לעצטן מאָל רעווידירט די זאַכן און... געהייסן גיין. פֿריי איז דער וועג. נעם מיך אויף, גרויסער, פֿרייער ים!

אונזער שיף „אַלמאַנזאַראַ" איז פֿאַראַנקערט ווייט אין האַפֿן. אַ קליין שיפֿל פֿירט אונז אַהין. דערווייל איז די זון אונטערגעגאַנגען און אַ נאַסער קילער ווינט האָט געבלאָזן. עס געדויערט לאַנג ביז דאָס קליינע שיפֿל רירט זיך פֿון אָרט. עס געדויערט לאַנג ביז דאָס קליינע שיפֿל רירט זיך פֿון אָרט. עס איז אַ גערודער און אַ געלויף, אַ געמיש פֿון מענטשן, פֿון אַלע דריי שיף-קלאַסן און פֿון פֿאַרשידענע פֿעלקער. די טרעגער לויפֿן מיטן געפּעק. מ'רעדט אויף פֿאַרשידענע שפּראַכן, און צווישן דעם געווימל און געטומל דערקאָן איך אין דער טונקלקייט די פּנימער פֿון יידישע עמיגראַנטן פֿון צווישנדעק. זיי זענען דאָ, מיין געליבט פֿאָלק ישראל. און די יידישע פֿראַגע איז מיט מיר און אַרום מיר. מ'בלייבט נישט אַליין אויף דער וועלט, כאָטש אַפֿילו ווען מען טוט נאָך יונה הנביאן און מ'אַנטלויפֿט אויף אַ שיף.

דער האַפֿן רוקט זיך אָפּ און מיר פֿאָרן אַרויס אין קאַנאַל אַריין. עס טונקלט. און פֿון דער טונקלקייט רוקן זיך אַרויס סילועטן פֿון קריגס-שיפֿן. וואָס שטייען אונטער פּאַרע און מיט אָפֿענע פּיסקעס פֿון גרויסע האַרמאַטן; פֿון אָפּגערוקטן ברעג קוקן ווידעראַמאָל האַרמאַטן, באַפֿעסטיקונגען, און עס גייט אַ סיגנאַליזאַציע מיט רויטע פֿייערלעך, אַלץ אַרום שמעקט מיט פּולווער, מיט מלחמה-אָנגעשטרענגטקייט. האַרט, אויף יענער זייט קאַנאַל, וואוינט דער פֿאַרבינדעטער **פֿריינט**, ענגלאַנד.

רעדן דאָס די אָפּענע מײַלער פֿון די האַרמאַטן צו אים? װײַל װאָס האָבן זײ צו מיר, די אַ״ע שיסערס מיט זײער שיס־געצײַג — צו מיר, אַ שװאַכן מענטש, אַ ייִד פֿון פּױלן, װאָס זוכט סך־הכּל אַ קלײן־קלײן ביסעלע פֿרײהײט?

אַז איך בין דורכגעפֿאָרן די צפֿון־פּראָװינץ פֿון פֿראַנקרײַך, האָב איך געזען אַ צעשאָסענע װעלט. רואינירטע שטעט און דערפֿער, אױסגעריסענע בױמער, צעאַקערטע װעגן; דאָ, װידער איז אַ שיסנדיקע װעלט: האַרמאַטן און האַרמאַטן! פֿון אַלע זײַטן קוקן זײ אױף דיר.

עס געדױערט אַ היפּש ביסל צײַט ביז מיר קומען צו צו אונדזער שיף. מיר פֿאָרן פֿאַרבײַ דעם „אָלימפּיק״, אַ ריזן־שיף, װאָס די אַמעריקאַנער האָבן צוגענומען בײַ די דײַטשן. זי ליגט אױף פֿאַראַנקערט אין מיטן ים־אױסגוס, און אָט זעען מיר די שיף „אַלמאַנזאַרא״, אײנע פֿון די גרעסטע ענגלישע שיפֿן. דאָס איז אונדזער הײם אױף 32 טעג. זי װינקט צו אונדז מיט הונדערטער באַלײַכטנדיקע פֿענסטערלעך, װי אַ לאַנגע ריזן־געבײדע פֿון אַ פֿיר שטאָק די הױך. עס דאַכט זיך, זי איז פֿעסט אײַנגעמױערט אין װאַסער, אַזױ זיכער און רואיק ליגט זי זיך, װי זי װאָלט קײנמאָל נישט בדעה געהאַט זיך צו רירן פֿון אָרט. דער ים האָט זיך אַ קלײן ביסעלע צעשפּילט. אונדזער קלײן שיפֿל טאַנצט אױף די כװאַליעס. קױם 15 מינוט פֿאָרן מיר, און אײנער אַ פּאַסאַזשיר, װאָס שטײט נעבן מיר, זע איך, װי ער רוקט זיך פּאַמעלעך צו צום אָנלען און טוט דאָרט עפּעס... װאָס מען טוט געװײנלעך בײַ דער ים־קראַנקײט. פֿאַראַן אַזעלכע נאַטורן, װאָס קױם דערפֿילן זײ דעם ריח פֿון ים און קױם הױבט די שיף אָן זיך צו רירן, װערן זײ באַלד קראַנק. דאָס זענען ספּעציאַליסטן אױף דער ים־קראַנקײט. פֿאַראַן, פֿאַרקערט, ספּעציאַליסטן, װאָס װײסן נישט פֿון קײן ים־קראַנקײטן און דער גרעסטער שטורעם און דאָס גרעסטע װאַרפֿעניש מאַכט אױף זײ קײן פּיצל אײַנדרוק נישט. איך געהער גראָד צו די, װאָס מאַכן זיך כּמעט גאָרנישט פֿון דער ים־קראַנקײט. דערצו נאָך רוקט זיך צו מיר צו מײַן שכן אין קופּע פֿון צוג פּאַריז־שער־

בורג, אַ פּאַראַליזירטער אויף אַ האַלבן גוף, וואָס איז געקומען פון אַרגענטינע קיין פּאַריז זיך היילן, און פאָרט איצט צוריק, אַזוי ווי ער איז געקומען:

— אָ, גאָלדענע וואַסערן זענען דאָ, רואיקע, נישט אַזוי ווי, אַז מען פאָרט קיין ניו־יאָרק.

ווער איז דאָס דער דאָזיקער ייד, וואָס איז אַן אַרגענטינער בירגער, זיינע קינדער וואוינען אין פּאַריז און ער, אַ פּאַראַליזירטער, פאָרט אַהין און צוריק און איז אַזוי חבר־לאַפּ מיט די וואַסערן?...

מיר ווילט זיך זיין אַליין. עס איז געוואָרן פינסטער. הימל און ים האָבן איין קאָליר. דער ברעג מיט די אויסגעשטעלטע האַרמאַטן ווערט פאַרשוואונדן. דער ייד רעדט עפּעס צו מיר, און איך הער נישט. ערשט אָפּגעריסן געוואָרן פון אַלץ, ערשט פאַרלאָזן אַ וועלט הינטער זיך, גלוסט זיך נישט באַלד מאַכן נייע באַקאַנטשאַפטן, אָנקניפּן נייע פעדעם.

— אין אַרגענטינע זענען דאָ גוטע ציגאַרעטן...— רעדט ער ווייטער.

איך קער מיך אָפּ.

מיר קומען אָן צו דער „אַלמאַנזאַרא". אונזער שיפל שטעלט זיך אָפּ, די פּאַסאַזשירן מיטן געפּעק דאַרפן זיך ווידער איבערציען. ווידער אַ געלויף און אַ געטומל, אַן איילעניש. איך שטעל מיך אָפּ אין אַ ווינקל, קוק אין דער פינסטערער נאַכט אַריין און האָב בדעה איבערצוואַרטן. מיך נעמט צרום אָט די דאָזיקע וויסטעניש פון נאַכט, הימל און וואַסער, וואָס מורמלט קוים־קוים מיט קליינע לויפנדיקע כוואַליעס. איך שטיי אָפּגעקערט פון די פאַרטוועגע פּאַסאַזשירן ביז עס באַרואיקט זיך אַביסל, און איך האָב שוין בדעה צו רופן אַ טרעגער, ער זאָל מיך איבערציען צו מיין דריי־וואָכעדיקער היים, ערשט אַ יונגערמאַן קומט מיר אין וועג אַריין און פרעגט מיך אַזוי, אויף וואַרשעווער יידיש:

איר ווילט אפשר לייענען מאַרקישס ענטפער אויף הלל צייטלין?

אַ יידישער אַרבעטער פון וואַרשע איז עס, און ער דער־לאַנגט מיר דאָס לעצטע, דאָס נייעסטע בלאַט פון „דאָרטן".

ער פרעגט נישט, ווער איך בין: ער קאָן מיך. און ער איז זייער און זייער נייגיריק צו וויסן מיין מיינונג וועגן דעם ליטעראַרישן וויכּוח.

היינט פּרוּאוו ענטפער אים נישט אָדער פאַרפּיר מיט אים קיין שמועס נישט, אַז ער איז אַזוי אינערלעך, אַזוי אמתדיק באַטייליקט אין דעם וויכּוח, און ער ווייזט אַרויס אַזאַ אינטערעס און אַ קענטעניש פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איך האָב נאָך ביי קיינעם פון אונזערע מעצענאַטן נישט געטראָפן!

אַזוי ווערט געשלאָסן די ערשטע באַקאַנטשאַפט, אַזוי קניפּט זיך אָן דער אַלטער פאָדעם.

„אַ קלייז ביסל ווינט״

דער ים האָט אונז מקבל פּנים געווען מיט אַ ירגזון. מיר פאָרן איבער דעם ביסקייאישן ים־אויסגוס, צו די ברעגן פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. עס רוישט און שוימט; דער הימל איז פאַרוואָלקנט, נודנע־גראָ, אַזוי ווי די פּנימער פון די פּאַסאַזשירן, איך מיין פון די, וואָס האַלטן זיך אויף די פיס. דער גרעס־טער טייל ליגט פאַרשטעקט אין די קאַיוטעס, אָדער מען זוכט זיך אויף פאַרבאַהאַלטענע, אָפּגעזונדערטע ווינקעלעך. די ים־קראַנקייט מאַכט אַ מענטש מיזאַנטראָפּיש, איינער דעם אַנ־דערן ווייכט. עס איז די געוויינלעכע שטימונג אין די ערשטע צוויי טעג פון אַ נסיעה, ווען דעם ים צעשפּילט זיך אַביסל.

אינדערפרי איז אונזער טיש אין עס־זאַל פון צווייטן קלאַס געווען נאָך גוט באַזעצט, צום מיטאָג האָבן שוין עטלע־כע געפעלט, און צום נאַכט־עסן זענען אונזערע רייען זייער שיטער געוואָרן. איך, איינער פון די שיף־אָפיצירן, וואָס פאַר־נעמט עקסטרע פלאַץ נעבן מיר, ווייסנדיק, אַז איך האָב עפּעס אַ שייכות מיט די 150 עמיגראַנטן פון דריטן קלאַס, און נאָך איין פּאַסאַזשיר, אַן עלטערער ענגלענדער, אַ נידעריקער, אַ רירעוודיקער און גראָד אַ רעדעוודיקער — דאָס איז אונזער גאַנצע טיש־געזעלשאַפט. דער טיש ווערט אַרומגעשטעלט מיט לייסטן, דאָס געשיר קלינגט משונהדיק, אויף די שויבן פון די פענסטער קלאַפּן די כוואַליעס מיט אַ גרינער גער, איך און

דער ענגלענדער, מאַכן מיר זיך קוראַזש און דער אָפּיציר דערציילט אונז אַ נייעס:

— מיר האָבן אַ קליין ביסל ווינט.

דער פּשט דערפון איז, דאָס רעכטע געדיכטע וועט ערשט קומען. אַ מאָדנע נאַטור בײַ זיי, בײַ אַלע שיף־פירער: פון מאַטראָס, וואָס ציט די שטריק, ביז צום קאַפּיטאַן, אַלע האָבן זיי ליב חוזק צו מאַכן פון די פּאַסאַזשירן און לייגן זיי שטײַנער אויפן האַרץ. מען דאַרף זיי פאַרגינען דעם פאַרגעניגן, זיי זענען דאָך די אמתע נזירים, די אָפּגעשיידטע פון דער טרוקענער וועלט, חדשים און יאָרן נאָכאַנאַנד.

איר זאָלט זען אַ פאַרנאַכט אויפן שיף, ווי די אָפיצירן און די איבעריקע באַדינער נעמען לויפן אַהין און צוריק איבערן דעק, האַסטיק, פאַרטון, שנעל, דערמאָנט איר זיך, נישט ווילנדיק, אין דעם טיגער, ווי ער שפּאַצירט אַהין און צוריק אין זײַן שטײַג מיט אַ מינע, גלײַך ער וואָלט געהאַט עפּעס זייער אַ וויכטיקע שליחות אויסצופירן. ער פאַנטאַזירט אַוודאי דעמאָלט פון גרויסן פרייען מדבר. אונזערע שיף־לײַט מאַרשירן אָט אַזוי און האָבן אפשר די אילוזיע, אַז זיי לויפן ערגעץ איבער די לאַנדאָנער גאַסן. דער גרויסער עולם פּאַסאַזשירן ליגט דעמאָלט אויסגעצויגן אויף ליג־בענקלעך און רוט און גלאָצט אין דער ווייטקייט און דערציילט זיך מעשיות. דער ים־מענטש און דער יבשה־מענטש, דאָס זענען צוויי פאַרשידענע באַשעפענישן. עס פאַרגלוסט זיך אַמאָל צו געבן אַ פּיק, אַ ביס, איבעריקנס, זענען דאָס רואיקע און גוטמוטיקע מענטשן. די יבשה איז מער מסוגל צו פאַרגיפטן און פאַרביטערן אַ נשמה, ווי דער ים; וואָס קאָן רוישן, קאָכן ליאַרמען, אָבער ער איז קיינמאָל נישט קליינלעך, נישט קריכעריש, און פאַלט נישט אָן פון הינטן, וואָס עס פּאַסירט, לײַדער, אַזוי אָפט אויף דער יבשה.

דער ענגלענדער, וואָס איז ערשט צוריקגעקומען פון קאַיוטע, וואוהין ער ווערט אַלע ווײַלע געגרופן פון זײַן קראַנ־

קער פרוי, צעשמועסט זיך מיט מ'ר גאָר אויף אַ היימישן שטייגער.

זיין ווייב ליידט שטאַרק פון דער ים־קראַנקייט, ער לגמרי נישט. דאָס שטאַמט, זאָגט ער פון בלוט. אַזאַ בלוט האָט ער בירושה. זיין זיידע און זיינע אבות־אבותיו זענען אַלע געווען פּיראַטן, ים־גזלנים, האָבן געלעבט און זענען גע־שטאָרבן אויפן ים. זיי האָבן געלויערט אויף שיפן און זענען זיי באַפאַלן און האָבן זיך באַהאַלטן און פאַרשטעקט ביי פאַר־לאָזטע וואַסערן פון וויסטע אינזלען. איך, זאָגט ער, בין אַן אינזשעניער, דעם באַן־הויף אין בוענאָס־איירעס האָב איך אויס־געבויט, אָבער זעסטו, אין די אָדערן — און ער ווייזט מיר אָן מיט שטאָלץ אויף זיין האַנט, — רינט פּיראַטיש בלוט, אָט פאַרוואָס איך האָב נישט מורא פאַרן ים.

דעם אמת זאָגנדיק, איז מיר דער קאָפּ אַביסל שווער. דאָס איז אַלץ, וואָס איך ווייס פון דער ים־קראַנקייט, און איך בין גרייט גלייכצייטיק אויסצוהערן און צושאָקלען מיטן קאָפּ, וואָסערע נפלאות מען זאָל מיר נישט דערציילן. זאָל ער מיר דערציילן, אַז זיין באָבע איז געווען אַ מענטשן־פרעסערין, וואָלט איך צוליב פוילקייט פון גערדאַנק און פאַרלאָזנקייט פון די חושים, אויך גלויבן.

ביינאַכט האָט זיך דער ווינט שטאַרק צעהוליעט, די ווענט אין שיף האָבן גענומען קרעכצן. איך האָב קוים־קוים איינגע־דרימלט, זענען מיך פּיראַטן באַפאַלן אין חלום...

אויף צומאָרגנס קומט צו מיר אַ באַקאַנטער אַרבעטער. ער האָט קוים דורכגעריסן דעם פּראָנט, וואָס טיילט אָפּ דאָס „פּובליקום" (ערשטע און צווייטע קלאַס־פּאַסאַזשירן) פון די „עמיגראַנטן" און ער דערציילט, אַז דאָרטן טוט זיך חושך. אַלע זענען קראַנק, וואַלגערן זיך אין די קאָרידאָרן און אויף די דעקן. עס איז אַ מהומה, קיינער דערקאָנט נישט זיין פּלאַץ, מיט די באַדינער קאָן קיינער זיך נישט פאַרשטענדיקן, זידלען זיי און שרייען. גאָר ער מיט נאָך צוויי האַלטן זיך אויף די פיס. ווי ער רעדט אַזוי מיט מיר, קומט צו דער באַדינער,

האָט פאַרקויפט די משקה אין אונזער רויכער־סאַלע, מאַכט מיר אויפמערקזאַם אויף ענגליש, אַז דער דריטער קלאַס טאָר זיך דאָ נישט געפינען. דער אַרבעטער האָט דאָס לשון נישט פאַרשטאַנען, אָבער דעם מיין פון די ווערטער האָט ער זיך אָנגעשטויסן, און ער האָט זיך אָנגעצונדן פון כּעס און אויסגעמאָסטן דעם ענגלישן „באָי" מיט אַזאַ צאָרניקן און גיפטיקן בליק, אַז יענער איז באַלד פאַרשטומט געוואָרן און האָט זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט.

— עס געפעלט אים נישט, וואָס איך שטיי דאָ!

און אין זיין טאָן האָט זיך געפילט אַזאַ אינערלעכער שטאַרקער פּראָטעסט, וואָס האָט אויך מיר געגעבן פיל נאָכצוטראַכטן. די קלאַסן־איינטיילונג פון דער יבשה ווערט איבערגעטראָגן אויף די שיף אַרויף, און אַזוי ווי דער שטח איז דאָ קליין, קומט דאָס בילד ארויס רעליעפער, שאַרפער. די גרויס־בורזשואַזיע פון ערשטן קלאַס, דאָס בירגערטום פון צווייטן און דער פּראָלעטאַריאַט פון דריטן — דאָס זענען שטרענג אָפּגעטיילטע וועלטן, אַז איר גייט אַריבער פון דריטן קלאַס אין צווייטן, איז אַזוי ווי איר וואָלט געקומען פון אַ קעלער ערגעץ אויף סמאָטשע גאַס אין וואַרשע אין אַ גוט־איינגעאָרדנטער בירגער־וואוינונג. דער אַנטוויקלטער אַרבעטער, וואָס איז אויסגעוואַקסן און דערצויגן מיט דער דאָגמע פון קלאַסן־קאַמף און קלאַסן־איינטיילונג, האָט דאָ זיין גאַנץ וועלט־בילד פאַר זיך אין מיניאַטור, און דער האַס קאָכט אין אים אויף.

יאָ, דער ים איז אומרואיק. ווי זאָגט דער אָפיציר? „מיר האָבן אַביסל ווינט". איידאָפּע האָט אויך אַ היפּש ביסל ווינט און עס טרייסלט אַ קאַפּיטשקע...

איך האָב מיך געלאָזט גיין מיט דעם אַרבעטער צום דריטן קלאַס. ביים נאָז פון דער שיף האָט מיך דער ווינט אַזאַ שליידער געגעבן, אַז איך בין קוים געבליבן שטיין אויף די פיס. מיט מאַטערניש און אָנגעלענט אייף די פעסטע חעגט פון מיין באַגלייטער, האָב איך מיך פאַרקליבן אַהין, און איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ שפּיטאָל אַריין. די שיף האָט זיך מוראדיק געוואָרפן, און די עמיגראַנטן האָבן כּסדר געבראָכן, די גאַנצע

דעק איז געווען נישט דורכצוגיין, און די באַדינער האָבן גע־שאָלטן און געזידלט אויף ענגליש, צי אויף שפּאַניש, (די צוויי אָפיציעלע שפּראַכן אויף דער שיף). מיין אַריינקומען האָט די באַדינער שטיל געמאַכט. באַלד איז געקומען צולויפן דער אָפי־ציר, שנעל און פּינקטלעך. מיט אַן עכט ענגלישער פּראַקטיש־קייט, זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אינסטרוקציעס: רייניקן אַלע קאַיוטעס, ברענגען אַלץ אין אָרדענונג. איך האָב באַרואיקט די עמיגראַנטן... אויף דער ווייטערדיקער רייזע, ווען מיר האָבן כסדר געהאַט שיין וועטער, דער ים איז געווען רואיק, די זון האָט געוואַרעמט פון טאָג צו טאָג שטאַרקער, און די שיף האָט זיך קוים געוויגט, האָבן אי איך אי די עמיגראַנטן דערמאָנט די דאָזיקע ערשטע צוויי טעג, ווי עפּעס אַ פאַרשוואונדענעם בייזן חלום. אַלץ האָט זיך איינגעאָרדנט, איינגעשטילט, די באַ־האַנדלונג איז געוואָרן מענטשלעך, די דערנערונג גענוגנט, און כאָטש פּרעטענזיעס האָבן נישט געפעלט, און צו מיר פלעגן כסדר קומען דעלעגאַציעס, און מען האָט זיך, ווי דער שטייגער איז, אַביסל אונטערגעבונטעוועט, איז אָבער די גוטע שטימונג קיינמאָל נישט פאַרשוואונדן. עס איז געוואָרן ריין און ציכטיק אין די קאַיוטעס פון דריטן קלאַס. אָן דער ים־קראַנקייט האָט מען פאַרגעסן, און אַלע זענען געווען פאַרטון אין מחשבות וועגן די נייע לענדער, נייע הימלען, איבערגעקערטע ווינטערן און זומערן, וואוהין די שיף האָט געשטייערט.

ביי די ברעגעס פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל

יעדן טאָג — מער זון, מער ליכטיקייט. און יעדן טאָג נייע הימלען, נייע ערד, נייע שטעט און נייע לענדער. ווי נאָר מיר זענען אַרויס פון ביסקייאישן אויסגוס, סוף פעברואַר איז דאָס געווען, האָבן מיר פאַרלאָזט די ממשלה פון ווינטער, דעם ווינטער, וואָס פון צפון=זייט עקוואַטאָר. ווען מיר וועלן אָנקומען בשלום אויף דרום=זייט פון עקוואַטאָר, קיין בוענאָס־איירעס, וועט זיך דאָרט אָנהויבן אַ נייער ווינטער, דער ווינטער פון דעם דרומדיקן וועלט=טייל.

אין וואַרשע, פאַר מיין אָפּפאָרן, האָט אַ סיבירישער ווינט נאָך געווייעט מיט פראָסט און אייז און האָט געביסן אויערן און נאָז. אין פראַנקרייך האָט נאָך אַ בייזע שוידערדיקע קעלט גענאָגט, און אויפן ים האָט אונז דער ווינטער צוויי טעג נאָכאַנאַנד געשיקט זיין גרוס, און אונז געגעבן זיין ווינטיקע פאַרוואָלקנטע ברכה אויפן וועג — און ער איז פאַרשוואונדן, צוריקגעצויגן זיך אין זיינע גראָע שלעסער ווייט הינטערן האָריזאָנט. איצט איז יום=טוב אויף דער וועלט. אַ גרינער בלאַנקענדיקער שפּיגל וויגט זיך, דער הימל האָט זיך אויסגעלייטערט און די זון וואַרעמט, גלעט, ווי גוט דאָס איז, אין סוף פעברואַר צו וואַרעמען זיך אויף דער זון!

און שטעט און לענדער גייען פאַרביי. יעדן טאָג האַלט די שיף ערגעץ אַנדערש. מיר פאָרן ביי די ברעגעס פון שפּאַניע

און פּאָרטוגאַל; לאַ קאָרוניאַ, וויגאָ, ליסאַבאָן און די לעצטע פּערל פון די אייראָפּעישע וואַסערן, דאָס באַרימטע אינזל מאַ־דעירא—דאָס זענען אונזערע סטאַציעס. מיר נעמען דעם לעצטן אָפּשייד פון דער יבשה. פון דאַנען 8 טעג צווישן וואַסער און הימל; ביז צום צפון-מזרחדיקן שפּיץ פון דרום-אַמעריקע, ביים בראַזילישן פּאָרט פּערנאַמבוקאָ.

דערוויל לאַכן די הימלען, די פּאַסאַזשירן קריכן אַרויס פון די קאַיוטעס, און אין יעדן אויג, דאַכט זיך, שפּיגלט זיך אַ פרייד: וואָס די וועלט איז אַזוי שיין און פּאַרביק, וואָס דער ים איז אַזוי גרויס, אַזוי ברייט און ווייט, אַזוי אומגעהויער, און ער שפּילט זיך און שפּיגלט זיך, ווי אַ גוט שעפּסעלע, נאָר דעם קאָפּ אים צו גלעטן.

די שיף פאַרוואַרפט דעם אַנקער ווייט פון ברעג. דאָס איז גוט, ווייל פון ווייטן געזען, דאַכט זיך אייך אויס, אַז אוי־מעטום דאָרט, צווישן די פּאַרביקע דעכער און לאָדנס, אויף די גאַסן, באַגאָסענע מיט ליכט, שפּאַצירט אַרום דאָס גליק און טיילט מתּנות די קינדער פון דער ערד, רעדט מיט זיי גוטע ווערטער, דערציילט זיי מעשיות און לערנט זיי זינגען שיינע לידער.

געבויט אויף טעראַסן, גאַס איבער גאַס, הייזער איבער הייזער און טורמען, פון פאַרשידענע סטילן, קליינע און גרוי־סע — אַזוי ליגט לאַ קאָרוניאַ. אַזוי ליגט וויגאָ און ליסאַבאָן און פינקלען מיט קאָלירן: ווייס, רויט און בלאָ. ביי וויגאָ האָב איך אַפילו געזען צוויי קוימנס פון פאַבריקן, אָבער זיי האָבן זייער שווער פינסטער געמיט נישט אַרויפגעהויכט אויף דער לאַנדשאַפט. ערשטנס, איז קיין רויך נישט געגאַנגען פון זיי; צווייטנס, האָבן זיי אַזוי אומשולדיק געקוקט, כּמעט אומ־באַהאָלפן. ווי מען וואָלט זיי אַוועקגעשטעלט בלויז צוליב דער האַרמאָניע פון די פאַרשידענע סטילן, אַז צוזאַמען מיט די פאַרגאַנגענע דורות זאָל אויך אונזער פאַבריקן-רויך נישט פעלן.

דער עיקר איז: נישט קלערן, נישט טראַכטן, נישט גריבלען. ווייל אַרום שיף פאַרזאַמלען זיך סטאַיעס ים-פויגל

און מאכן אַ ווילד געשריי, קופּעסווייז לויפן זיי זיך צונויף און צוזאַמען אויפצופּיקן דאָס אָפּפאַלעכץ און די שיריים פון דער שפּייז, וואָס די שיף גיט אָפּ פון זיך, און מחנות קליינע שיפלעך פאַר־זאַמלען זיך, פּונקט אַזוי ווי די ים־פויגל, באַזעצט מיט אָרעמע אָפּגעריסענע שפּאַניער, וואָס פאַרקויפן אַלערליי פּירות, אָדער בעטלען סתם, מען זאָל זיי עפּעס אַראָפּוואַרפן. קינד און קייט זענען אַרויסגעפּאַרן, אַלט און יונג, האַלב נאַקעט, די ברוינע לייבער זעט מען אַרויס, שוואַרצע האָר אונטער די קאַפּוציינער קאַפּלעך אויף די קעפּ (די שפּאַניער טראָגן עד־היום קאַפּעלעך), און די הויזן, אַך די הויזן! לאַטעס און לאַטעס אויף לאַטעס, (אַ גאַנצע אַרכיטעקטור) אונזערע אָרעמע יידישע מאַמעס זענען גרויסע מייסטערינס אויף לייגן לאַטעס, אָבער דאָס איז גאָר קיין פאַרגלייך נישט מיט דעם, וואָס איך האָב געזען ביי וויגאָ און לאַ קאָרוניאַ... און דערביי ברענענדיקע אויגן, געזונטע בריסטן, אַנטוויקלטע מוסקולן. קאָם־שער פאַר אַלץ קומט אויס צו זען אַ האַלב־אָפּגעריסענעם שפּאַניער מיט נייע געלע שיך, גאָר אַ „שיק". שיינע שיך זענען פאַר די דרום־לענדער, דאָס זעלבע, וואָס פעדערן פאַרן אינדיאַנער, אויעררינג פאַרן נעגער. איך האָב מיך צוגעקוקט צו אַזאַ שפּאַניער מיט אַ פאַרסמאָלעטע רעקל, צוגעלאַטעטע הויזן און פראַנטאָווע געלע שיך, וואָס איז אַרויפגעקומען אויף דער שיף. ער האָט זיך נישט געפוילט און מיר פאָרגעלייגט אַ לאָטעריע־צעטל צו קויפן און צו געווינען דריי מיליאָן. אַז איך האָב אָפּגעזאָגט, האָט ער געבעטן אַ פּאַפּיראָס און דאָס איז אויך גוט געווען... זיי לויפן אַרום מיט גליענדיקע אויגן אויף דער שיף, לייגן פאָר פאַרשידענע זאַכן. בעטלען, ווען דער שפּאַנישער באַאַמטער, וואָס קומט אַרויף, באַמערקט נישט... ביים אַרויסגאַנג פון דער שיף, דאָרט, וואו די טרעפּ זענען אַראָפּגעלאָזט, שטייט אַ זעלנער, אָנגעלאָדן פון קאָפּ ביז צו די פיס. ער שטייט ווי אַ מומיע שטייף און שטום.

איך טראַכט: וואָס טוט אַזאַ קליין שפּאַניערל, דאָס, וואָס זיצט הינטן אין שיפל, ווען אים ווערט נמאס צו בעטלען און עס גייט נישט מער צו לאַטן די הויזן, און עס איז הונ־

געריק און זיין הייס דרום-בלוט צעשפילט זיך — וואָס טוט עס? — עס לויערט אויפן וועג און דרייט וועמען דעם קאָפּ אַרונטער. די ענגלענדער דערציילן מעשיות וועגן דער נישט-זיכערקייט פון די וועגן אין שפּאַניע, אָט אין די ערטער. יע-דער באַאַמטער איז דאָ אָנגעלאָדן, באַוואָפנט, ער שטייט, דאַכט זיך, אין שטענדיקן קאָנפליקט מיט אָט דער אָפּגעריסענער, אָפּ-געשליסענער מאַסע. פון דאַנען נעמט זיך די שטרענגקייט פון זייערע בליקן, דער בייזער טאָן פון זייער רעדן, בשעת זיי ווענדן זיך צו די זייעריקע, און פון דאַנען נעמט זיך די שטייפקייט פון דעם באַוואָפנטן סאָלדאַט, וואָס פילט זיך ווי אויף אַ שלאַכט-פעלד.

געלויבט צו גאָט, די שיף רירט. בעסער, בעסער צו זען אַלץ פון דערווייטן. עס ציען זיך די ברעגעס גרינע, זוניקע, און די כוואַליעס שוימען ביי זיי מיט אַ ווייסער פּיאַנע. דאָרט וואַקסן פייגן, אַנאַנאַסן, פּאָמעראַנצן און מאַנדאַרינקעס און הענג-לעך ווייַנטרויבן. זיס און פרוכטיק איז דאָס לאַנד, און ביינאַכט טאַנצן דאָרט גליקלעכע יונגע שפּאַנקעס אין פאַרביקע טיכער די היציקע ווילדע טענץ און קנאַקן צו מיט די פינגער... די וועלט איז אַ וואונדער-שיינע מעשה, די וועלט איז אַ וויסטער בייזער חלום: עס ווענדט זיך נאָר פון וואַנען און ווי אַזוי איר זעט זי. אָט האָט איר מיין עצה: לערנט זיך צו זען פון דערווייטן און גריבלט זיך וואָס ווייניקער, אויב איר ווילט אייער גוטע שטימונג און אייער גוטער אַפּעטיט זאָלן אָנהאַלטן.

אָבער ליסאַבאָן איז שיין, אמתדיק שיין. דער פּאָרטוגעזי-שער סאָלדאַט אויף דער שיף שטייט נישט אַזוי אָנגעלאָדן ווי דער שפּאַניער און די קינדער הינטן אין די שיפלעך זענען נישט אַזוי פעסט געבויט, דער בליק איז מילדער. די באַאַמטע, וואָס קומען אַרויף, האַלטן זיך גראַציעז, אומגעהויער העפלעך. זיי רעדן זאַנפט, און עפּעס אַ ווייבערישע ליבלעכקייט, איך וואָלט געזאָגט, אַ דעגענערירטע ווייכקייט האָבן זיי אַלע. יורדים זענען דאָס, דאָס גאַנצע פּאָרטוגעזישע פאָלק. אַמאָל האָבן זיי באַהערשט די ימען, זייענדיק אַמווייטסטן אַרויסגערוקט אין אוקינוס. איך

האָב בײַ מיר אָפּגעמאַכט, אַז אין 3000 יאָר אַרום, אַז די ענגלענדער וועלן פאַרלירן די ממשלה אויף די ימען, וועלן זיי אויסזען פונקט אַזוי ווי די פּאָרטוגעזער: הויך, שמאָל, פֿײַן, אָבער די שטאָלצקייט פון זייער בליק און כאַראַקטער וועט פאַרשווינדן.

ענגלענדער, וואָס האָבן אָפּגעשטיגן אין ליסאַבאָן און האָבן דאָרט פאַרבראַכט די נאַכט (אונזער שיף איז דאָ געשטאַנען א מעת-לעת צײַט), דערציילן וואונדער, וואָס דאָרט טוט זיך. עס איז קאַרנאַוואַל. די גאַנצע נאַכט איז קיינער אין שטאָט נישט געשלאָפן, גרויס און קליין, אַלט און יונג, קראַנקע און געזונטע, מאַמעס מיט פּיצעלעך קינדער אויף די הענט, אַלץ איז פאַרכאַפּט אין א גאַלאָפּ פון באַוועגונג, שכרות, געזאַנג און זנות. די שמאָלע גאַסן זענען הויך באַדעקט מיט קאָנפעטי; איצט איז קעגן מיטאָג, איך שטעל אָן מײַן שפּאַקטיוו. איך קאָן נישט אויפכאַפּן קיין באַוועגונג אין די גאַסן, אפשר שלאָפט מען איצט און מען רוט אָפּ נאָך די אָרגיעס... לאַנג און ברייט פאַרשפּרייט זיך די שטאָט. אַלטע פאַרצייטיקע שמאָלע הייזער און מאָדערנע געבײַדעס, טורעמס, קירכן, אַלץ, דאַכט זיך, צו זינגען, אַלץ, דאַכט זיך, אײַנצוהאַלטן א גרויסע פרייד אין זיך, אַזוי פיל חן, אַזוי פיל פאַרבן, אַזוי פיל הערלעכע ליניעס, און ווי דער זייגער מײַנער ווײַזט צוועלף, צעקלינגען זיך אין דער לופט באַסאָווע גלאָקן פון א קירכע, לאַנגע, שווערע, פייערלעכע...

גאָט! ווער פון מײַנע עלטער-עלטער-זיידעס איז אונטער די קלאַנגען פון די גלאָקן געפירט געוואָרן צום פאַרברענען! פאַרוואָס איז א ציטער דורך מײַן לײַב, און פאַרוואָס בין איך טרויעריק?

בײַם עקוואַטאָר

אַ פּאָר שוואַרצע, סאַמעטענע אויגן, זיס־מידע און פֿאַרבענקטע, באַגלייטן מיך אויפֿן וועג. עס איז מיר היימישער מיט זיי אין די דאָזיקע הייסע רעגיאָנען, אונטער דער ברענענדיקער זון, וואָס מאַכט אַזוי מיד און שלעפּערט איין די חושים.

געהערן זיי צו אַ יונגען פּאָרטוגעזער פֿון אַ יאָר 20, וואָס איז מיר נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן אויף דעם אינזל מאַדעריאַ.

דאָס אינזל האָט גערופֿן און געלאָקט פֿון ווייטן. אויבן, אויף די שפּיץ בערג — בלאַנקענדיקער שניי, און הינטן — גרינע פּאַלמען, זון און בלומען. דאָס גאַנצע אינזל, פֿון עק ביז עק, שווימט אַרויס פֿאַר די אויגן. ווייט און ברייט זעט מען די כוואַליעס שוימען בײַ די ברעגן. אַ קליין קריגס־שיפֿל שטייט פֿאַראַנקערט און באַוואַכט דעם געפֿאַנגענעם מאַיעסטעט, דעם קייזער קאַרל. עפּעס גלויבט זיך נישט, אַז אויף דעם גליקלעכן פֿלעק ערד, אינמיטן ים, וואָס דאַכט זיך צו שאַלן פֿון פֿרייד און הערלעכקייט, זאָל זיך אָפּשפּילן אַ טראַגעדיע.

אונזער שיף האָט פֿאַראַנקערט און אַראָפּגעלאָזט די בריק, אָבער — פֿון אינזל אַהער איז געקומען נישט די הערלעכקייט! אַ בעטלערײַ און אַ שנאָרערײַ, אַ ראַפֿינירטע און אויסגעקינסטלטע האָט זיך געשאָטן און געשאָטן. נאַקעטע קינדער, מיט אדם־גאַרטלען, בעטלען, מ׳זאָל זיי אַראָפּוואַרפֿן אַ שילינג און

אַלס לוין וואַרפן זיי זיך צוריקאָם אין וואַסער אַריין און פאַנגען אויף די מטבע. שמאָל זענען זייערע לייבער, פיין און צאַרט, אָן מוסקולאַטור, אָבער בויגיק זענען זיי און ליבלעך און גע־שיקט ביים שווימען און רודערן. אויף דער שיף איז אַ יריד. מ׳ציט ממש פאַר די לאָצן. מ׳לייגט אייך פאָר פאַרשידענע זאַכן, מ׳ציט אייך אַראָפּ אויפן ברעג און מ׳זאָגט אייך צו צו ווייזן אַלע וואונדער פון דער וועלט אין פאַרלויף פון די עט־לעכע שעה, וואָס די שיף שטייט דאָ...

איך האָב מיר געגעבן דאָס וואָרט נישט צוצולאָזן די בעטלעריי צו מיר, פאַרפּאַנצערן וויל איך זיך קעגן מענטשלעכע מיאוסקייט און נידעריקייט... אין אַ פּראָסט שיפל האָב איך זיך געלאָזט צום ברעג און מיט אַ פאַרביסענער עקשנות האָב איך מיך אָפּגעיאָגט אַזוי ווי פון בינען פון די מחנות באַגלייטער, וועג־ווייזער, פירער פון שליטלעך געשפּאַנטע צו אָקסן (אויף מאַדעיראַ פאָרט מען נישט אויף רעדער), פאַרקויפער און סתם בעטלער, וואָס האָבן געלאָזט זיך אויף מיר. איך בין געגאַנגען באַרג־אַרויף צווישן גאַסן און געזוכט דעם וועג צו דער פּאָסט. אָבער מיין עקשנות האָט ווייניק געהאָלפן, די שנאָרעריי האָט גובר געווען.

איך זע — אַ יונגערמאַן מיט אַ בוך אונטערן אָרעם שפּאַצירט איבער דער גאַס. און איך באַשליס: דאָס איז נישט קיין שנאָרער. איך ווענד מיך צו אים און פרעג אים, וואו די פּאָסט איז. ער באַגנוגנט זיך נישט מיט אָנווייזן מיר דעם וועג ער גייט מיך נאָך, איך פאַרוויייל אומישנע אויף דער פּאָסט, ער וואַרט געדולדיק. איך גיי אַרויס. ער נאָך מיר. באַשיידן טוט ער עס און מיט אַ צניעות. ער האַלט זיך פון וויייטן, אָבער ער קלעבט אָן מיר. דער סוף איז געווען, אַז איך האָב אים געגעבן עפּעס אין דער האַנט אַריין און זיך פונאַנדער־גערעדט מיט אים. ער איז אַ געבירטיקער אויף דעם אינזל, האָט געענדיקט דאָס גימנאַזיום און קלייבט זיך אין ליסאַבאָן אין דער אוניווערזיטעט אַריין...

אַפילו דער פאַרשטאָרבענער קיסר קאַרל, זאָגט מען, האָט

זיינע לעצטע טעג אויף מאַדעיראַ געשנאָרעט ביי די איראָ־פּעישע קיניגליכע הויפן. ס'איז אַ מזל, און פון אַ מזל קאָן מען נישט אַנטרונען ווערן.

איצט באַגלייטן מיך די אויגן אויפן וועג און שווימען אַלע ווילע אויף אין געדעכעניש. אַזאַ ווייבערישע ליבלעכקייט ווייעט פון זיי. אַזאַ זיסע פאַרשלאָפנקייט. פאָרטוגאַל איז עס! אַן אויסגעשפּילטע ראַסע! ווייט איבער די ווייטע ימען ליגט נאָך אויסגעשפּרייט דאָס עשירות פון אַמאָל. איבער פאַרשידענע אינזלען פלאַטערט נאָך עד־היום די פאָן פון פאָרטוגאַל, אָבער די הענט אירע זענען מיד, איינגעלוליעט פון זון, און וואַסער איז די שאַפנדיקע קראַפט. די געשעפטן אויף די ווייטע אינזלען באַזאָרגן די ענגלענדער, זיי גראָבן אויס די מינעס, שניידן דעם צוקער־ראָר און אָנגעלאָדענע שיפן גייען אָפּ צו דער טעמזע. דער פאָרשטייער פון דער פאָרטוגעזישער מאַכט באַקומט זיין מתנת־יד... פון וואַנען איך ווייס דאָס אַלץ? די מידע סאַ־מעטענע אויגן האָבן עס מיר אויף שטום־לשון דערציילט.

דערוויייל איז הייס, דער קאָפּ איז מיד, און אין איינ־טאָניקייט גייען פאַרביי די שעהן און די טעג. פון גלאָק צו גלאָק, וואָס רופט צו די מאָלצייטן, שטייסטו ביים אָנלען פון דער שיף און גלאָצסט אין דער ווייטקייט אַריין, וואַסער און הימל, הימל און וואַסער. דער טאָג איז דאָ לאַנגווייליקער פאַר דער נאַכט, אַפילו דער זון־אונטערגאַנג קומט דאָ אַרויס מאָדנע נאַריש. ווי אַ געל ענטל, שווימט די זון איבערן וואַ־סער, טונקט זיך און קומט ווידער אַרויס, ווערט שמע־לער און פאַרשווינדט אָן שום צערעמאָניעס און פייערלעכקייט. די פאַרבן צעשפּילן זיך נישט אויפן הימל. מיט אַמאָל פאַלט צו די נאַכט מיט גרויסע בלאַנקענדיקע שטערן. דער מילך־וועג איז דאָ ווייסער און פאַרנעמט זיך ברייטער. אומגערנ־וויליק ווערסטו אַ שטערנזעער. אָט זענען די שטערן: „דער בער”, ער פאַרקירעוועט פון נאַכט צו נאַכט אַלץ מער זיין דישל, און איז דער אָונט־שטערן פון טונקעלן ראַנד־הימל אָנגעקומען און דערהויבט זיך אַלץ העכער, העכער: פון וואַ־

נען קומסטו אָונט־שטערן, און וואָס האָסטו געזען אויף דיין וועג?

— פון מזרח קום איך, פון אַפריקע, דאָרט ליגט אויס־געשפּרייט דער וויסטער אויסגעצערטער מדבר. אונטער אַ דעק פון זאַמד איז די סאַהאַראַ איינגעשלאָפן אויף אייביק... אַזוי װעט אַמאָל אויסזען דיין גאַנצע ערד, דו וועסט עס נישט דערלעבן, אָבער איך וועל דעמאָלט נאָך אויפגיין און אונטער־גיין, אַזוי ווי היינט.

און די לבנה קומט אָן מיט פּאַראַד. אַן אָפּשיין שיקט זי פאַר זיך, און בלוט־רויט באַווייזט זי זיך פון מזרח, און אַז זי שווימט אַרויס הויבן זיך זילבערנע שפּיגלען אָן צו וויגן אין ווייטן שטח. אַ קילער ווינט בלאָזט פון דער נאָז פון דער שיף אַהער און גלעט... אין קאַיוטע שלאָפט מען נישט, עפּעס אין אַ האַלבן דרימל, אַרומגענומען פון חלומות און דמיונות, גייט אַריבער די נאַכט...

אַזוי זענען מיר געפאָרן עטלעכע טעג, און אַפילו קיין שיף נישט באַגעגנט אויפן װעג. ביז אַמאָל, קעגן צוויי אַזייגער בייטאָג, אינמיטן דער רעכטער מידקייט און מאַטקייט, האָט זיך אויף מזרח־זייט באַוויזן יבשה. אַ גרופּע אינזלען זענען דאָס געווען, אָנגערופן אויף די נעמען פון פאַרשידענע הייליקע: דער הייליקער יאַגאָ א. אַז. וו. געאָגראַפיש געהערן זיי צו אַפריקע, פּאָליטיש — צו פּאָרטוגאַל. אַלץ לויפט אַרויס אין דרויסן, אַלע אויגן זענען אָנגעשטרענגט, אַלע שפּאַקטיוון אָנגעשטעלט, עפּעס קלאַפּט דאָס האַרץ מיט פרייד: יבשה! די שיף דערנעענטערט זיך אַלץ מער און פאָרט פאַרביי האַרט נעבן איינע פון די אינזלען: אַזוי ווי אַ געמוירמל, אַזוי ווי אַ זיפּץ פון אַנטוישונג גייט איבער פון מויל צו מויל, וואָסער וויסטעניש! קיין סימן פון לעבן, קיין בוים, קיין גרעזל איז ערגעץ נישט צו זען. אין רויע, אָפּגעריסענע ליניעס ליגן אָנגעוואָרפענע שטיקער פאַרזענגטע ערד און גליענדע פעלזן. אַן אָפּגעריסן געביט פון אַן אַלטער נעגערקע סטאַרטשעט אומגעלומפּערט אַרויס פון ים. אַפריקע האָט אונז באַוויזן איר שוואַרץ פאַר־

שמאַכט פּנים! די סאַהאַראַ קוקט אַרויס מיט אַ בלינד אויג. נאָר אָט דערזעט זיך אַ פלאַכער ברעג: צעוואָרפענע הייזלעך און אַ גרויסע שיף אונטער פאַרע קורסירט דאָרט. צי איז דאָ לעבן?

נאָך וואָסער לעבן! דאָס אינזל איז אַ צענטראַל-סטאַציע פון אונטער-וואַסער-טעלעגראַף. שוואַרצע שקלאַפן טוען דאָ שווערע אַרבעט אונטער דער קאָמאַנדע פון ענגלענדער.

גיכער, גיכער זאָל שוין רירן זיך די שיף!

פון אַ קליין-קליין אינזעלע מיט אַ לייכט-טורם אין דער הויך זענען אויפגעצויגן געוואָרען פענער, אונז צו באַגריסן. איצט ציט מען זיי אַראָפּ. אפריקעס פאַרצערט פּנים פאַרשווינדט. דער רירעוודיקער ענגלענדער, דאָס אייניקל פון די פּיראַטן, וואָס ווייסט אויף אַלץ באַשייד, האָט קאָנטיק, דערפילט מיין שטימונג, און ער טרייסט מיך: אַז דאָס אינזל איז גאָרנישט אַזוי שרעקלעך, אַז אין מיטן דאָרט, אין די טאָלן, איז דאָ וואַסער, און שאָף פּאַשן זיך אין די גרעזער...

הלוואי — טראַכט איך — זאָל דאָס וואָר זיין.

ביי די ברעגעס פון בראַזיליע

אַ בראַזילישער מאַגנאַט פירט מיט אויף דער שיף אַ גאַנצע סטאַיע ראַסאָווע הינט. דאָס איז אַ פּריווילעגירטע באַשעפטיקונג פאַר די „לאַטיפונדיסטן” (גרויסע ערד-באַזיצער) פון דרום-אַמעריקע איבערצופלאַנצן אייראָפּעיִשע ראַסן פון פערד, בהמות און הינט אויפן נייעם קאָנטינענט.

די פּאַסאַזשירן פון הינטישן געשלעכט זענען זייער באַליבט ביים עולם, נאָר באַזונדער ביי די מאַטראָזן, וואָס שפּילן זיך מיט זיי שעהן נאָכאַנאַנד. די הינט, זעקס זענען זיי, יעדער אין זיין שטייג, פאָרן צווייטן קלאַס און ווערן געשפּייזט אויפן גלאָק. בייטאָג באַנעמען זיי זיך רואיק, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אָנשטענדיקע פּאַסאַזשירן, אָבער ביינאַכט, אין דער שטילקייט און איינזאַמקייט, דערוועקט זיך ביי זיי די הינטישע נאַטור און זיי עפּענען מוראדיקע פּיסקעס און בילן אַנטקעגן דער פולער לבנה. ס'איז אַ גרויסע לבנה דאָ אונטערן עקוואַטאָר, און זי שווימט אין דער לופטן אָפּגערוקט פון טיף-טונקלען הימל, און דאָס בילן איז אויך טיף-טונקל — אַ ברומענדיקע קללה און געשריי אין דער וועלט-מדבר אַריין. מיר אָבער ווערט היימישער אויף דער נשמה, ווען ליגנדיק אין קאַיוטע, דערהער איך דאָס בילן אין האַלבן דרימל. אין דער מאַטקייט און פאַרלאָזנקייט פון די הייסע רעגיאָנען, אינמיטן פון הימל און וואַסער, וועבט זיך אויס אַ חלום פון דער קינדהייט: דאָס

הינטישע בילן פאַרטראָגט מיך אויף אַ ווינקעלע פעסטער יבשה אין וואַרשעווער גובערניע, וואו מיין וויגל איז געשטאַנען, דאָרט, וואו אַ קלאָר רינעלע מורמלט, און זשאַבעס קוואַקן...

אָבער מיר זענען שוין אַריבערגעפאָרן דעם עקוואַטאָר, מיר געפינען זיך אין דער דרומדיקער העלפט פון אונזער ערד. מיר דערנענטערן זיך צו דער פעסטער יבשה, צו די ברעגעס פון דרום-אַמעריקע, צו דעם לאַנגען און שמאָלן פאַס ערד, וואָס ליגט אויסגעשטרעקט אַזוי ווי אַ פיש מיט אַן אָפגעהאַקטן קאָפּ צווישן צוויי אָקעאַנען. באַלד וועלן אַרויסשווימען פון וואַסער די ברעגעס פון דעם וואונדער-לאַנד בראַזיליע מיט אירע עקזאָטישע פלאַנצונגען, מיט אירע קראָקאָדילן, מאַלפּעס און פּאָפּוגייען, מיט אירע ווייטע נישט-אויסגעפאָרשטע טייכן און משונהדיקע קראַנקייטן, וואָס קיינער ווייסט נישט זייער נאָמען. געאָרג קייזער, דער דייטשער באַקאַנטער עקספּרעסיאָניסטישער דראַמאַטורג, האָט געלעבט אַ צייט לאַנג אין בראַזיליע און ער איז פאַרפאַלן אויף אַ משונהדיקער קראַנקייט, וואָס האָט אים פאַרטויבט דעם ווילן, אַז יאָרן נאָכאַנאַנד פלעגט ער אָפּליגן אויף אַ סאָפע אָן לשון און אָן פאַרלאַנג.

די שטראַלן פון דער זון מוזן דאָ האָבן אין זיך עפּעס אַזעלכעס, וואָס שלעפערט איין דעם ווילן, וואָס נירוואַניזירט. אָט זענען אַלע מיינע קהלישע אינטערעסן צעשוואומען און צערונען געוואָרן אין פאַרלויף פון די דאָזיקע אַכט טעג. איך געדענק קוים דעם צוועק פון מיין ווייטער נסיעה. דער עולם פון דריטן קלאַס, אונזער ביסל עמיגראַנטן, וואָס פלעגן שיקן דעפּוטאַציעס יעדן טאָג און בונטעווען, איין גאָט ווייסט צוליב וואָס, זענען אַזוי ווי העט ווייט-ווייט אָפּגעשוואומען פון מיר. עס עקזיסטירט נישט קיין אַרגענטינע, קיין יידישע וואַנדערונגפראַגע, קיין יידישע קאָלאָניזאַציע. דאָס זענען אַלץ בילדער און אָפּשפּיגלונגען פון אַ ווייטער פרעמדער וועלט. „גאָט האָט געמאַכט דעם מענטש גראַד”, און די וועלט איז אַ גראַדע, אַ גלייכע, הימל און וואַסער, און שטיקלעך, ברעקלעך צייט,

מינוטן און שעהן און טעג, און וואָס נאָך? — איך קאָן מיך קוים דערמאָנען.

נאָר אָט האָבן מיר באַקומען דעם ערשטן גרוס פון דרום־אַמעריקאַנישן קאָנטינענט. מיר פאָרן פאַרביי אַ וויסט אינזל מיטן נאָמען פערנאַנדאָ נאַראַנכאַ, וואָס ליגט נישט ווייט פון בראַזילישן פּאָרט פערנאַמבוקאָ. מען דערקלערט מיר, אַז דאָס איז די בראַזילישע קאַטאָרגע, וואוהין זי פאַרשיקט די שווערע פאַרברעכער. דער אַריינגאַנג צו דעם אינזל איז זייער שווער, די שוימיקע כוואַליעס ביי די פעלזיקע ברעגן, היטן בעסער אָפּ די פאַרברעכער, זיי זאָלן נישט אַנטלויפן, ווי די חילות, מיט וועלכע קיין שום רעגירונג אין בראַזיליע איז נישט זיכער, ווייל זיי בונטעווען זיך יעדן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג. די פאַרברעכער לויפן נישט, ווייל דער ים האַלט זיי פעסט איינגעשלאָסן. און מען דערציילט, אַז די פאַרשיקטע האָבן דאָ איינגעאָרדנט אַ מענטשלעכן ישוב, באַארבעט פעלדער און געבויט הייזער. פון דערווייטן זעט מען פון אַ טאָל אַרויסבלאַנקען רויטע דעכער.

איך וויל ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט דערמאָנען אַ מאָדנעם צופאַל: ביים אָנקומען צום דרום־אַמעריקאַנישן קאָנטינענט, באַגעגנט מען צום ערשטן אַ הייסע קאַטאָרגע, ענדיקן ענדיקט זיך ווידער דער קאָנטינענט מיט אַ קאַלטער קאַטאָרגע: דאָס אינזל „טערראַ דע פויגאָ“ (פייערלאַנד), וואָס איז דער סיביר פון דער אַרגענטינישער רעפּובליק. צוויי מאָל איז שוין פון דאָרט געלאָפן דער יונגער יידישער טעראָריסט ראַדאָוויצקי, וואָס האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק דערהרגעט דעם פּאָליציי־מייסטער פון בועגאָס־איירעס און צוויי מאָל האָט אים טשילי צוריק איבערגעגעבן. אין דער געשיכטע פון די יידן אין אַרגענטינע האָט יענער אַקט פון אַ פאַנאַטיקער געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג. די שרעק און בהלה פון פּאָגראָמען זענען איבערגעלעבט געוואָרן, און ביז היינט האָט מען זיי נישט פאַרגעסן. פּאָגראָם־שרעק, פּאָגראָם־שטימונג איז אַ זאַך, וואָס קריצט זיך איין אין מענטשלעכן זכרון אויף אייביק און לאָזט איבער שפּורן נישט אויסצומעקן.

די קאַטאָרגע און די רויטע דעכער האָבן מיך צוריק אַריינגעצויגן אין דער ספערע פון מענטשלעכע אינטערעסן. ליב איז די רו ביים פּאָרט פערנאַמבוקאָ, די שיף לאָדעוועט אָפּ און לאָדעזשועט איין, אַ הו־האַ און אַ באַוועגונג פון מענטשן, אַרויף און אַראָפּ פון דער שיף. אומעטום שוואַרצע פּנימער, נעגערס, אָדער האַלבע נעגערס. דער שוואַרצער מענטש איז אין בראַזיליע ביי זיך אין דער היים. נישט לאַנג צוריק איז דער נעגער געווען דער שקלאַף, און איז געגאַנגען איינגעשפּאַנט צום אַקער־אייזן, און דער ווייסער האָט אים אָנגעטריבן מיט אַ בייטש. איצט איז אין בראַזיליע אָפּגעווישט יעדער שפּור פון קנעכטשאַפט. דער נעגער געניסט דאָ די פולסטע מאָס פון גלייכבאַרעכטיקונג, און עס איז פאַרשוואונדן פון זיין שוואַרצן פּנים יענע אונטערטעניקע גרימאַסע, דאָס נעגערישע שמייכעלע, וואָס וואַרפט זיך אַזוי אין די אויגן אין צפון־אַמעריקע. דאָ האַנדלט ער און וואַנדלט, טוט שווערע אַרבעט און דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך דאָ געזען, ווי אַ נעגער בייזערט זיך אויף אַ ווייסן. ביים לאָדעווען פון די קאַווע־זעק, האָט אַ זאַק געפּלאַצט און עטלעכע פונט קאַווע־קערנדלעך האָבן זיך צעשיט אויפן דעק פון דער שיף. האָט דער נעגער גענומען מאַכן קולות און בייזערן זיך און קאָמאַנדעווען גאָר מעשה באַלעבאָס. ביים פּאָרט האָב איך קיין ווייסן מענטש נישט געזען, אפשר דערפאַר וואָס ס'איז געווען מיטאָג־צייט, ווען די זון באַקט היים, און אין די עקוואַטאָרישע לענדער גייט דער ווייסער מענטש נישט אַרויס פון זיין הויז אין די מיטאָג־שעהן. די געשעפטן זענען דעמאָלט געשלאָסן, מען באַהאַלט זיך אין שאָטן פון די הייזער, און טיילמאָל מוז מען נעצן דעם קאָפּ מיט קאַלט וואַסער.

און די רייזע גייט איצט לענג־אויס דעם בראַזיליאַנישן ברעג: אומעטום גרינס, אומעטום פּאַלמעס און פאַרביקע געביידעס. די זעלבע היץ, וואָס האָט אַפריקע פאַרצערט און אויסגעטרוקנט, האָט דאָ באַפרוכטעט און באַגרינט; די שפע פון גרינס, וואָס באַדעקט די ערד, איז דאָ אַזוי גרויס, אַז אייך

דאַכט זיך צו הערן און זען דעם פּראָצעס פון וואַקסן און בליען. די ערד הערט אויף צו זיין אַ טויטע זאַך, עפּעס אַ ריזיק לעבעדיק באַשעפעניש באַוועגט זיך און צירט זיך מיט פאַרבן, אַזוי ווי אַ פּאַווע מיט אירע פעדערן.

פערנאַמבוקאָ האָט מיך אַרויסגעריסן פון טראָפּישן דרימל, און ריאָ דע זשאַנעיראָ האָט מיך איינגאַנצן אויסגעניכטערט. דאָ האָב איך שוין געטראָפן אונזער ביסל יידלעך, אַ דעלעגאַציע פון דער ביבליאָטעק האָט מיך דערוואַרט, און מ׳האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט, וואָס הערט זיך מיטן מאַנדאַט.

אויף דער נאַכט בין איך געזעסן אין אַ רעסטאָראַן אין ריאָ אויף דער הויפּט-גאַס, די אַבענידאַ ריאָ בראַנקאָ. אַ געמישטע געזעלשאַפט זענען מיר געווען, אַ דייטש, אַן ענגלענדער און איך. שוואַרצע פּנימער אין ווייסע אַנצוגן האָבן אויסגעפּילט דעם זאַל. ס׳איז געווען — אונז פאַרשטייט זיך — זייער דושנע, לופט האָט געפעלט צו עטעמען, און אין דער הויך, ביים סופיט, האָבן ריזיקע ווענטילאַטאָרס ווי לעבעדיקע שלאַנגען געווישט, כדי צו פאַרשאַפן אַביסל לופט. יענע פרויען האָבן זיך אויך איינגעפונען, און פון אַ קעגנאיבערדיקן טיש האָב איך דערהערט מאַמע-לשון פון אַ רייך-געקליידעטער דאַמע... איך האָב מיך פאַרשעמט פאַר מיינע באַגלייטער...

ריאָ דע זשאַנעיראָ

בראַזיליע פייערט דעם הונדערט־יעריקן יובילײ פון איר זעלבשטענדיקייט. דאָן פעדראָ דער ערשטער, וואָס האָט פאַרלאָזט די קיניגלעכע שטול פון פּאָרטוגאַל, געיאָגט פון נאַפּאָלעאָנס חילות, איז געקומען קיין ריאָ דע זשאַנעיראָ, און דאָ האָט ער דערקלערט די זעלבשטענדיקייט און זיך אַליין האָט ער געלאָזט קרוינען פאַר דעם ערשטן קיסר פון בראַזיליע. דאָס איז געשען דעם 5 סעפּטעמבער 1822, און איצט, אין יאָר 1922, אונטער דעם רעזשים פון דער רעפּובליק, ווערט מיט גרויס פּאַראַד געפייערט דער יום־טוב, און דעם 5 סעפּטעמבער ווערט אָפיציעל געעפנט די וועלט־אויסשטעלונג.

עס רעדט זיך נאָר אַזוי, אַז די אויסשטעלונג ווערט צו דעם טאָג געעפנט. אין בראַזיליע האָט מען צייט, אין בראַזיליע איילט מען זיך נישט. די אויסשטעלונג איז נאָך נישט פאַרטיק. טויזנטער הענט זענען נאָך באַשעפטיקט מיט אַרבעט און ערשט מיט אַ חודש צוריק איז איינגעפאַלן אַ גאַנצער פּאַוויליאָן און צוואַנציק אַרבעטער זענען דערהרגעט געוואָרן. אויך נישט קיין מאַלעיר, און קיינער קימערט זיך נישט אין דעם לאַנד וועגן אַזעלכע קלייניקייטן. נישט נאָר צייט איז פאַראַן גענוג, נאָר אויך מענטשן גענוג, — 30 מיליאָן מענטשן באַוואוינען דאָס ברייטע ווייטע לאַנד, און די שיפן ברענגען צו נייע עמיגראַנטן, און די נעגערס און מולאַטן פאַרמערן זיך, קיין עין־הרע. דאָס

לאַנד האָט אַ ווילדע פּרוכטבאַרקייט, דער הימל גיסט מיט וואַ־רעמקייט, דער ים — מיט פייכטקייט און רעגן, אַלץ גרינט און וואַקסט, און וועלקט אויך אַזוי גיך. און די מענטשן פאַרמערן זיך מיט גרויס שפע און שטאַרבן מאַסנווייז פון טובערקולאָז און סיפיליס, און אַנדערע היימישע קראַנקייטן, וואָס נאָר בראַזיליע ווייסט פון זיי. דאָס קאָנטאָ־בוך פון דער נאַטור שטימט: אַ גרויסע הוצאה און אַ גרויסע הכנסה.

די אויסשטעלונג וועט מן־הסתם ערשט פאַרטיק זיין אין עטלעכע חדשים אַרום, אויב דורך דער צייט וועלן נישט איינ־פאַלן נייע פאַוויליאָנען. אָבער מיר האָבן איצט אין ריאָ דע זשאַנעיראָ קריגס־צושטאַנד (אַזוי ווי איר הערט!), ווייל פאַר עטלעכע וואָכן ערשט האָט זיך אַ טייל פון מיליטער געבונטע־וועט, און אַ דעקרעט פון פרעזידענט וועט דערקלערן די אויס־שטעלונג פאַר אָפן.

דערווייל גייט אַ סדרה פון געסט. דעלעגאַציעס קומען אָן פון אַלע לענדער. די קריגס־שיפן סאַלוטירן אין פּאָרט מיט שאָסן. דער ניי־געוויילטער פרעזידענט פון אַרגענטינע איז דורכגעפאָרן, די בעגרישע דעלעגאַציע מיטן באַרימטן בירגער־מייסטער פון בריסעל מוסיע מאַקס זענען דאָ, און אויך אַ בר־מנן איז אָנגעקומען צווישן די געסט: דער איידעם פון לעצטן קיסר פון בראַזיליע, דער פירשט ד׳אָ, אַן 80־יעריקער זקן, איז אַרויסגעפאָרן אויף דער שיף „מאַטילאַ” מיט זיין טאָכטער און אייניקלעך. עס האָט זיך אים פאַרגלוסט צו וועקן די קיי־זערלעכע געפילן ביי דעם בראַזילישן פאָלק. אַמאָל, אַמאָל איז ער געווען פעלדמאַרשאַל פון בראַזיליע און האָט אָנגעפירט די מלחמה מיט פאַראָגוויי. איז ער געפאָרן אויף דער עלטער, כדי צו דערפרישן די אַלטע זכרונות, און אויפן וועג איז ער געשטאָרבן.

די קריגס־שיפן האָבן ווידער באַקומען די געלעגנהייט צו שיסן, און די בראַזילישע פאָנען זענען געווען האַלב־געזונקען אין טרויער. די רובריק פון די צייטונגען וועגן דער אויסשטע־לונג האָט געהאַט מיט וואָס אויסצופילן גאַנצע קאָלומנעס, —

מען באַדאַרף צו זײַן אַן אײַנגעשפּאַרטער אַפּיקורס אויף צו זאָגן, אַז די אויסשטעלונג איז נאָך נישט אָפֿן.

אַ קלײניקײט: די דײַטשן זענען נישט רעפּרעזענטירט אויף דער אויסשטעלונג, זײ װעלן קײן פּאַוויליאָן נישט האָבן, כאָטש דער האַנדלס־פּאַרקער מיט דײַטשלאַנד האַלט אין אײן וואַקסן. מען דערצײלט, אַז די דײַטשן האָבן געבעטן בײַ דער רעגירונג אַ שטיקל פּלאַץ פֿאַר זיך אין דעם רעגירונגס־פּאַוויליאָן, האָט מען זײ אָפּגעזאָגט. מען שמועסט אויך, אַז די דײַטשן האָבן בדעה צו מאַכן אַן אויסשטעלונג אויף אַ שיף, וואָס זײ װעלן צושיקן. איר דאַרפֿט צו געדענקען, אַז בראַזיליע איז געווען אַן אַלירטער, האָט דערקלערט מלחמה, און האָט פֿון קריגס־רויב באַקומען עטלעכע דײַטשע שיפֿן. אמת, ערשט נאָך לאַנגע קריגערײַען מיט פֿראַנקרײַך, און ערשט נאָכדעם, ווי פֿראַנקרײַך האָט די שיפֿן גענוצט צוויי יאָר, האָט זי זײ צוריקגעשיקט אין זײער אַ קלאָגעדיקן צושטאַנד. עס מאַכט נישט אויס. בראַזיליע איז סענטימענטאַל, און די פֿאַרערונג פֿאַר פֿראַנקרײַך איז דאָ שטאַרקער, ווי אַלץ אויף דער וועלט.

איך מײן אָבער, אַז דער רײַזנדער, וואָס איז אַהער געקומען אויף דער אויסשטעלונג, וועט נישט קײן חרטה האָבן. די נאַטור האָט דאָ שטענדיק די שענסטע אויסשטעלונג געמאַכט. בראַזיליע איז דאָס לאַנד פֿון וואונדער. און ריאָ דע זשאַנעירא, איז דער וואונדער פֿון אַלע וואונדער. די פּאַנאָראַמע, וואָס עפֿנט זיך דאָ פֿאַרן אויג, בײַם אַרײַנפֿאָר צום פּאָרט, האָט זײַן גלײַכן נישט אויף דער וועלט. איר קומט אַרײַן צווישן אַ גאַנצן לאַבירינט פֿון קלײנע בערגלעך, אָפּגעזונדערטע אינזלען. לענג־אויס די ברעגעס פֿון די בערג, טײלמאָל אַרויפֿקלעטערנדיק אויף זײ, שלענגלט זיך דער רײַכער שטאָט־טײל, וואָס איז אַן אמתע אויסשטעלונג פֿון קלײנע וויליעס אין די פֿאַרשידנסטע סטילן. און אַלץ לעבט, אַלץ דאַכט זיך צו האָבן אַ נשמה אין זיך: די פּאַלמען, די באַוועגטע וואַסער־מאַסן אין די שמאָלע דורכגאַנגען, אַפֿילו די בערג. זײ זענען אַזוי צירלעך אויסגעפֿאָרמירט, אַזוי אויסגעטאָקט און ווײך

אויסגעשניטן, גלייך ווי אַן אַרכיטעקט זאָל זיי האָבן געמאַכט מיט דעם מיין צו גלעטן דאָס אויג. פאַר אַ מוסטער קאָן דינען דער נאָמען פון איינעם פון די בערג — „פּאָן דאָ אַסוּגאַר", וואָס מ'מיינט: דאָס היטל צוקער, און אַזוי ווי דאָס „היטל-צוקער", אַזוי זענען אַלע בערגלעך אויסגעגאָסן ווי פון אַ מייסטערס האַנט.

און פרילינג איז אין ריאָ דע זשאַנעיראָ. ס'איז איצט, אייגנטלעך, דער סוף פון ווינטער דאָ, און די בעסטע צייט פון יאָר. די ווינטן פון ים בלאָזן דורך די שפּאַלטן צווישן די בערג, ריאָ איז אַזוי ווי אַ ווילליע אינמיטן ים, מיט גרויסע אָפענע פענסטער צו אַלע זייטן, פול מיט זון-שיין און רייך מיט קאָלירן.

אַזאַ געמיש פון ראַסן וועט איר ערגעץ נישט טרעפן. ווער האָט דאָס אויסגעקלערט, אַז ניו-יאָרק איז דער שמעלץ-טאָפּ פאַר ראַסן! יענער שמעלץ-טאָפּ האָט העכסטנס צו טון מיט נאַציעס, מיט קולטורן און שפּראַכן. בראַזיליע איז דער אמתער שמעלץ-טאָפּ פאַר ראַסן, פאַר בלוט-אויסמישונג. דריי ראַסן זענען זיך דאָ צוזאַמענגעקומען: די רויטע, די איינגעבוירענע, די שוואַרצע פון אַפריקע אין פאַרשידענע פעלקער פון דער ווייסער ראַסע. און דער מענטש האָט זיך דאָ נישט זשענירט, ער איז נישט געווען ווילעדיש ביים פאַרקער צווישן מאַן און ווייב. אונטער דעם טראָפּישן הימל איז די לופט דורכגעזאַפּט מיט עראָטיק, און די מענטשן האָבן הייסע געבליטן. דער רויטער מיטן ווייסן איז זיך צוזאַמענגעקומען, דער ווייסער מיטן שוואַרצן, און דער שוואַרצער מיטן רויטן. הונדערטער יאָרן געדויערט שוין דער פּראָצעס, און איר קאָנט דאָ אָנטרעפן, ביים דורכגיין איין-איינציקע גאַס, אַלע מעגלעכע פאַרבן פון פּנים, אַלע שאַטירונגען, אַלערליי שטריכן, אַלערליי ציין און קינבאַקן און אַלערליי האָר. איר זעט נאָך אַ נעגער פון ריינעם טיפּ מיט אַ גלאַנציק שוואַרץ פּנים, אַ העלן סקאַנדינאַווער, אַ ברייט ברוין פּנים מיט גלאַנציקע גלאַטע האָר פון אַן אינדיאַנער, און דערביי אַלערליי אויסמישונגען, אַלערליי

קאָמבינאַציעס, וואָס אַזאַ לאַנגער פּראָצעס פון בלוט-אויסמישונג האָט געקאָנט געבן. אָט זעט איר אַ מענטש, אינגאַנצן, דאַכט זיך, אַ פאַרשטייער פון דער ווייסער ראַסע, נאָר פּלוצלינג גיט ער אַ פינטל מיטן אויג, און דאָס ווייסל פון אויג וואַרפט אַ מאָדנעם בליץ, און איר דערקאָנט דעם זון פון אַפריקע. אָט איז אַ קליין שול-קינד, האָט אַן אייראָפּעישע פאַרב פון פנים, אָבער די האָר זענען מאָדנע שוואַרץ און גלאַטיק, און דאָס ברייטע מויל דערציילט אייך וועגן אַ צומיש פון רויטן בלוט.

אַן אמתע נאַטור-אויסשטעלונג פון בלוט-פאַרמישונג האָט איר דאָ.

וואָלט איר געגלויבט, אַז יידן זענען פעיק חתונה צו האָבן מיט שוואַרצע? — דאָ, אין דעם לאַנד, זענען פאַראַן אַ סך אַזוינע פאַלן. אַ בחור פון בעסאַראַביע וואוינט אָפּ אַ לאַנגע צייט אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל, און צום סוף, נישט קאָנענדיק מער פאַרטראָגן די איינזאַמקייט, האָט ער חתונה מיט אַ האַלבער, צי אַ גאַנצער נעגערקע, און עס ווערן געבוירן קליינע שוואַרצע יידעלעך. איינער אַ ייד האָט איצט איבערגעלאָזט אַן עגונה, אַ נעגערקע, מיט עטלעכע שוואַרצע קינדערלעך און איז אָפּגעפאָרן אַהיים קיין בעסעראַביע. טוט זיך מעשים — אַזאַ סקאַנדאַל!

פיר בייטאָג הערט דאָ אויף די אַרבעט, די זון לייכט נאָך העל, און שוואַרצע פנימער אין העלן זייד געקליידט (נעגערקעס האָבן זייער ליב זיידנס), מיט פיינע טאַליעס, שפּאַצירן, ס'איז אַ ווילד געמיש פון שרייענדיקע פאַרבן: רויט, בלאָ, גרין, און דאָס שוואַרצע פנים: וואו זענט איר? צי נישט אויף אַ בילדער אויסשטעלונג פון פוטוריסטן!

די נאַטור גיט דאָ די שענסטע אויסשטעלונג און דאָס שענסטע קונסט-בילד

די „טמאים"

ב וענאָס-איירעס האָט אַ טרויעריקן רום אויף דער יידישער גאַס.

אין די אָרעמע יידישע קוואַרטאַלן אין וואַרשע, לאָדזש, אָדעס, וועט מען אייך אַ סך, אַ סך דערציילן וועגן איר; די דאָזיקע אָרעמע קוואַרטאַלן זענען געווען די הויפּט-מערק, וואוהין די הענדלער פון לעבעדיקער סחורה זענען געקומען איינקויפן זייער „סחורה"; געגאַנגען איז די סחורה קיין בוענאָס-איירעס.

יעדער איינקויף-מאַרק באַציט זיין סחורה פון אַן אַנדער פּלאַץ. דער בוענאָס-איירעסער מאַרק האָט געפירט זיין „סחורה" פון וואַרשע, לאָדזש, קראָקע, לעמבערג און אָדעס.

פון בוענאָס-איירעס ווייסט צו דערציילן אויך דאָס יידישע פאָלקס-לידל.

ווען איך האָב מיט פיל יאָרן צוריק געזאַמלט פאָלקס-לידלעך, האָב איך מיך נישט איינמאָל אָנגעשטויסן אויף דעם וואָרט „בוינע", און האָב נישט פאַרשטאַנען די באַדייטונג.

איינע אַ ווערסיע פון אַ פאָלקס-לידל זאָגט:

„דיין טאַטע איז אַ סמאַראָוואָזניק א. אז. וו.

און דיין שוועסטער איז אין בוינע".

שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז אויפן לשון פון די פרויען-הענדלער ווערט בוענאָס-איירעס אָנגערופן „בוינע".

אין שפּאַנישן ווערט דאָס וואָרט „בוינע" (גוט) באַנוצט אַזוי אָפט, ווי אין ענגלישן דאָס וואָרט „וועל".

די פּרויען־הענדלער שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ וועלט־אָרגאַ־ניזאַציע, וואָס אירע נעצן זענען אויסגעלייגט אין די ווייטסטע ווינקעלעך פֿון אונזער ערד, אין יאָקאָהאַמאַ, קאַלקוטאַ, פּונקט אַזוי ווי אין פּאַריז, וואַרשע און בערלין, אַן אָרגאַניזאַציע מיט אַגענטן, קאַנטאָרן, גרויס־הענדלער און דעטייל־הענדלער, און זי האָט אויך איר „זשאַרגאָן" און אירע באַזונדערע צייכנס און שיפֿרירטע דעפּעשן.

בוינע באַצייכנט בוענאָס־איירעס.

פֿון ווייטן מזרח מיטן פּאַסיפֿיק ביז די ברעגעס פֿון טשילי און פֿון סקאַנדינאַוויע מיטן אָקעאַן ביז אַרגענטינע — אויף אַלע גרויסע וואַסער־וועגן גייט דער האַנדל.

יידן, צו אונזער גרויסער שאַנד, זענען באַטייליקט אין דעם האַנדל נישט אין אַ קלענער מאָס.

כאָטש ס'איז אַ טעות, אויב מען מיינט, אַז זיי זענען די איינציקע, אָדער די ערשטע, אויף דעם געביט.

אין אַרגענטינע, לויט די ידיעות, וואָס איך האָב דאָרט געזאַמלט, פֿאַרנעמען דעם ערשטן פּלאַץ צווישן די פּרויען־הענדלער די פֿראַנצויזן, די גרעקן פֿאַרנעמען דעם צווייטן פּלאַץ, ערשט אויפֿן דריטן קומען די יידן.

די געשיכטע איז, וואָס דער ייד האָט שוין אַזאַ נאַטור: ער וואַרפֿט זיך מער אין די אויגן אַריין און לאָזט זיך מער הערן, ווי אַנדערע. דער נאַציאָנאַלער טעמפּעראַמענט גיט אים אויס.

אין חודש מערץ פֿון פֿאָריקן יאָר, ווען איך בין אָנגע־קומען קיין בוענאָס־איירעס, האָב איך געזוכט מיט די אויגן אַרום מיר די רויטע אינדיאַנער, די אַלטע איינוואוינער פֿון אַרגענטינע, און די „חברה־לייט", די פּרויען־הענדלער; איך האָב געמיינט, עס ווימלט פֿון זיי אַרום, אַז מען זעט זיי אומעטום. איך האָב אָבער קיין צייכן נישט געטראָפֿן — נישט פֿון אינ־דיאַנער און אויך נישט פֿון פּרויען־הענדלער.

מינדסטנס האָב איך קיינעם פון זיי נישט אָנגעטראָפן די ערשטע טעג.

איך האָב געטראָפן יידן סוחרים, אַרבעטער, רעדאַקטאָרן, זשורנאַליסטן, גבאים און כלל-טוער, אַ פּאַרצווייגט און זייער סימפּאַטיש, זייער פאָלקסטימלעך יידיש לעבן.

צי באַהאַלט מען נישט עפּעס פון מיר?

וואו זענען זיי די „חברה-לייט"?

נאָר זייענדיק אין לאַנד עטלעכע וואָכן, בין איך ערשט געוואָר געוואָרן, אַז די יידישע קהילה פון בוענאָס-איירעס איז איינע פון די ריינסטע און אָפּגעהיטנסטע אין דעם זין.

אַן ערך 60,000 יידן געפינען זיך אין בוענאָס-איירעס מיט אַן אייגענער גרויסער צאָל יידישע אָרגאַניזאַציעס פון אַלערליי מינים.

א „חבורה-מאַן" האָט ערגעץ נישט קיין צוטריט, אין קיין שום יידישע געזעלשאַפט ווערט ער נישט צוגענומען, קיינער וועט נישט וואגן צו ווייזן זיך מיט אַזאַ פּאַרשוין אויף דער גאַס; אין יידישע שולן ווערן זיי נישט אַריינגעלאָזט; קיין נדבה ווערט פון זיי נישט אָנגענומען, און זייערע טויטע ווערן נישט באַגראָבן אויפן יידישן בית-עולם.

אָפּגעשיידט זענען זיי, אַרויסגעוואָרפן — „מחוץ למחנה".
זייער נאָמען איז — די „טמאים" (די אומריינע).
ווי אַ פּעסט מיידט מען זיי אויס.

אָבער די דאָזיקע פיגסטערע פּאַרשוינען, וואָס שטאַמען פון די סאַמע נידעריקסטע ספערן, נויטיקן זיך גראָד אין אַ שול און אַ בית-הקברות. די גרויסע מאַסע זייערע איז אָבערגלויביש, פונקט אַזוי ווי גרויזאַם זיי זענען. ראש-השנה און יום-כפור פאַלט אויף זיי אָן אַ מורא, און זיי שלאָגן זיך גאַנץ געשמאַק על-חטא אויף זייערע פאַרברעכערישע בריסטן.

אָבער דאָס זענען זיי געצוואונגען צו טון אין זייערע אייגענע שולן.

א ייד וועט צוזאַמען מיט זיי נישט דאַווענען.

און זייערע טויטע מוזן זיי פירן מיילן־ווייט פון דער שטאָט אַרויס, וואו זיי האָבן זייער אייגן בית־הקברות.

זייער צאָל איז איצט נישט גרויס. פון 3000 ביז 5000 פאַמיליעס ווערן זיי געשאַצט.

אָבער מען זעט זיי נישט, אַזוי ווי אַמאָל. זיי זיצן פאַרשטעקט אין זייערע נאָרעס.

אַמאָל אָבער איז דאָס אַנדערש געווען.

אַמאָל האָבן זיי פאַרנומען די גאַנצע געגנט אַרום די גאַסן קאַוואַזשע, כוגין און אָבמו, דאָרט, וואו די יידישע באַפעלקערונג איז זייער געדיכט איצט.

בוענאָס־איירעסער יידן — דאָס זענען געווען זיי. די אימיגראַציע איז נאָך געווען קליין, און אויף יעדן „וויטישן" *) האָבן זיי געקוקט פון אויבן־אַראָפּ. זיי האָבן געפירט דאָס רעדל.

זיי האָבן טעראָריזירט די „וויטישע".

און מיט אַ יאָר 15 צוריק האָבן זיך אויף קאַוואַזשע אָפּגעשפּילט בלוטיקע געשלעגן. יידישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער, סינדיקאַליסטן, האָבן אָנגעהויבן דעם קאַמף.

אָפט, אָפט פלעגט מען זיך שלאָגן מיט מעסערס. בלוט האָט זיך געגאָסן אין די גאַסן.

אין עטלעכע יאָר אַרום ווערט געשאַפן אַ גרויסע באַוועגונג צווישן די אָרטיקע יידן זיך אָפּצושיידן פון די פרויען־הענדלער.

עס ווערן צוזאַמענגערופן מיטינגען.

אויף די מיטינגען האָט מען פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס די אָרטיקע שפּאַנישע באַפעלקערונג און די שפּאַנישע צייטונגען גלויבן, אַז „פודיאָ" אָדער „רוסאָ" איז דאָס זעלבע, וואָס „רופיאַן" (אַ פרויען־הענדלער). מיר זענען אַן אַרבעטנדיקע

---

*) אַ „וויטישער" ווערט אָנגערופן אויף זייער לשון אייגער, וואָס געהערט נישט צו זיי.

באפעלקערונג, וואָס ווילן נישט האָבן געמיינזאַמס מיט די אויסוואורפן.

„חברה־לייט" האָבן זיך געוועהרט. זיי האָבן געפּרואווט אויס־צוררייסן די פּאַרזאַמלונגען. עס האָט נישט געהאָלפן.

אַ גרויסע יידישע דעמאָנסטראַציע, 10 טויזנט מאַן שטאַרק, איז אַוועק צו דער רעדאַקציע פון דער שפּאַנישער צייטונג „לאַ פּרענסאַ" און האָט געפאָדערט:

א) מען זאָל אויפהערן צו באַנוצן דאָס וואָרט „כודיאָ" אַלס אַ באַצייכענונג פאַר אַ „חברה־מאַן".

ב) מען זאָל אָננעמען שאַרפע געזעצן קעגן די פרויען־הענדלער.

די יידישע באַפעלקערונג האָט מיטן אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאַלטונג דערפילט די סכנה, וואָס איר דראָט מצד די פרויען־הענדלער, און האָט זיי פאַרשטויסן, פאַריאָגט און גענומען ריינקן אירע אייגענע רייען.

מיט זיבן אויגן האָט מען געקוקט, און מיט זיבן בעזעמס האָט מען געקערט, עס זאָל קיין אָנדענק נישט בלייבן פון זיי און קיין שום שפּור אין דעם יידישן לעבן.

נאָענטע קרובים האָבן זיך געשיידט, אַ זון האָט זיין אייגענעם טאַטן נישט געוואָלט דערקענען.

עס איז צו באַוואונדערן, מיט וואָסער אויסגעהאַלטנקייט, מיט וואָסער דיסציפּלין די אַקציע איז דורכגעפירט געוואָרן.

קיין שום איינזען, קיין שום רחמנות־געפיל האָט נישט געהאָלפן.

דראַמאַטישע סצענעס, שטאַרקערע נאָך ווי שלום אַש האָט באַשריבן אין „גאָט פון נקמה", האָבן זיך אָפּגעשפּילט אויף דער סצענע פון לעבעדיקן לעבן אין בוענאָס־איירעס.

עטלעכע ביישפּילן:

אַ זון פון אַ „חברה־מאַן" איז אַן ערלעכער אַרבעטער. חברה־קדישא, וואו יעדער ייד איז פאַרשריבן, ווערט געוואָר בעגוי, צי דער זון האָט נישט קיין שום באַציאונגען מיטן פאָטער. אַלע אינפאָרמאַציעס זאָגן, אַז דער זון האָט איבערגעהאַקט מיט זיין

פאָטער, אַז ער פאַרדינט עפּעס זיין ברויט. ער איז אַ מיטגליד. ער שטאַרבט אויף דער גריפּע.

דער פאָטער קומט אַריין אין דעם צימער, וואו דער טויטער זון ליגט אויף דער ערד. ער וויינט.

צווישן די מיטגלידער פון דער „חברה־קדישא“, וואָס זענען זיך מתעסק אַרום דעם טויטן, ווערט אַ צעטומלעניש. אַ „טמא“ (אַן אומריינער) טאָר זיך נישט צורירן צו אַ מת. מען ווייסט נישט, וואָס צו טון. ביז איינער האָט דעם קוראַזש און רופט אויס:

„ווער עס געהערט נישט צו דער חברה־קדישא, זאָל פאַרלאָזן דאָס צימער!“

מיט אַן צעפּלאָנטערטן גראָען קאָפּ און מיט רויטע פאַרלאָפענע אויגן, טראָגט זיך דער פאָטער אַוועק.

אין צווייטן צימער האַקט ער היסטעריש מיטן קאָפּ און שרייט, ווי אַ ווילדער געשטאָכענער אָקס:

— גאָט אין הימל! פאַרוואָס האָסטו אַזאַ עלטן ח... יונג ווי איך, נישט גענומען, נאָר זיין כשרע נשמה?!

עס העלפט אים נישט. נישטאָ קיין רחמנות. אָפּגעשיידט זאָלט איר זיין און פאַרשטויסן!

אַ צווייטער ביישפּיל:

אין באַהיאַ בלאַנקאַ, אַ פּאָרט־שטאָט מיט אַ קליינער יידישער באַפעלקערונג, האָט דערגרייכט די ידיעה וועגן באַלפורס דעקלאַראַציע. יידן מאַכן אַ דעמאָנסטראַציע, מיט פענער, מיט מוזיק. די קריסטלעכע באַפעלקערונג שיקט פאָרשטייער צו באַטייליקן זיך.

אין דעם גרויזאַמען האַרץ פון אַן אַלטן רייכן פרויען־הענדלער האָט עפּעס אַ סטרונע געגעבן אַ ציטער, ער קאָן נישט בלייבן אין דער היים. עס ציט אים אויף דער גאַס אַרויס, ער וויל זיך מיטפרייען, ער האָט אָבער מורא זיך צו ווייזן, דינגט ער אַן אויטאָ אַ פאַרמאַכטן און פאָרט נאָך.

אָבער דער עולם איז געוואָר געוואָרן דערפון. עס ווערט אַ טומל, מען רופט פּאָליציי. דער אויטאָ ווערט אַרויסגעפירט

פון צוג. „פאַרקירעווע, אויב דאָס לעבן איז דיר ליב!" — שרייט מען.

און ער דערוויטערט זיך.

נישט פריי זיך מיט אונז צוזאַמען און נישט וויין מיט אונז צוזאַמען.

אַן ערך צוויי שעה בין איך געפאָרן מיט טראַמווייען, ביז איך האָב דערגרייכט צו זייער בית־עולם.

די טייערסטע מאַרמאָרן, קאָסטשפּיליקע מצבות, און די אויפשריפטן זענען אויף העברעיש און אויף יידיש, געשריבן מיט נח, מיט זיבן גריינן.

דער „רב" זייערער איז, קאָנטיק, ווייניקער פּאַכמאַן אין די דראָבנע אותיות, ווי זיי אין זייער פּאַך.

צי זענען אַלע אַזוי רייך, די הענדלער און די עקספּלואַטירטע פּרויען, ווי אָט די מצבות זאָגן עדות? —

ניין, דאָס איז אַ טעות.

אויף דעם בית־הקברות, וואו אַ פּלאַץ קאָסט זייער טייער, ווערט באַגראָבן נאָר די „בורזשואַזיע" פון די פּרויען־הענדלער. די קליינבירגער, די געהילפן און אַגענטן געפינען זייער רו־אָרט אויפן שטאָטישן בית־עולם, וואו אַלע נאָמענלאָזע ווערן באַגראָבן.

און דער פּראָלעטאַריאַט, די יונגע פּרויען, וואָס שטאַרבן געוויינלעך אין עלטער פון 30 ביז 40 יאָר, ווערן בכלל אין ערגעץ נישט באַגראָבן. זייער געביין רוט נישט אין דער ערד.

זייערע קערפּערס גייען אַלע אין די אוניווערזיטעטן, וואו זיי ווערן געשניטן און צעלייגט „צום וואויל פון דער געזעלשאַפט".

פּרויעז־הענדלער אויפן וועג

אין דער צייט, ווען די יידישע באַפעלקערונג אין בוענאָס־איירעס האָט אָנגעפירט דעם קאַמף קעגן די פּרויען־הענדלער, כּדי זיך אָפּצושיידן פון זיי, האָט די אַרגענטינישע רעגירונג אויך אָנגענומען האַרטע געזעצן קעגן דעם האַנדל מיט לעבעדי־קער סחורה.

דער „לעי פּאַלאַסיוס״ (פּאַלאַסיוס־געזעץ) לייגט אַרויף אַ שטראָף פון 6 ביז 10 יאָר שווערע טורמע אויף יעדן מאַן, וואָס נוצט אויס, אָדער טיילט זיך מיט די פאַרדינסטן פון אַ פּראָסטיטואירטער פרוי.

די שאַנד־הייזער זענען אַזוי אַרום אָפּגעשאַפט געוואָרן. יעדע פרוי איז אָבער געבליבן באַרעכטיקט, זיך אַליין צו פאַרקויפן.

דערמיט איז דערגרייכט געוואָרן אָט וואָס: די פּראָסטיטו־ציע, וואָס איז ביז דעמאָלט געווען קאָנצענטרירט אין געוויסע גאַסן, איז איצט צעוואָרפן געוואָרן איבער דער גאַנצער שטאָט.

אין בוענאָס־איירעס וועט איר געפינען אויף יעדער „קוואַדראַ״ (בלאָק, אַ ריי הייזער פון איין גאַס צו דער צווייטער), אַ קאַפע־הויז, אַ געוועלב, וואו מען פאַרקויפט לאָטעריע־צעטלעך און אַ קאָרידאָר העל באַלויכטן, וואו איינע פון יענע פרויען רעזידירט.

נישט מער, ווי איינע.

אַזוי ווי אין בוענאָס־איירעס זענען פאַראַן פיל טויזנט פראָסטיטואירטע פרויען, קומט אויס, אַז איר קאָנט נישט דורכ־גיין עטלעכע הונדערט שריט, נישט אָנצוטרעפן אַ נעסט פון פראָסטיטוציע.

אונטער יעדער פרוי אַזעלכער שטייט איינער אַ חברה־מאַן, פאַרשטייט זיך, אַז געהיים — וואָס אים געהערט די דירה און דאָס מעבל און ער נעמט צו די פאַרדינסטן.

און די פּאָליציי? און דער „לעי פּאַלאַסיוס?"

די פּאָליציי קריגט איר חלק, און דער „לעי פּאַלאַסיוס" פיגורירט אין די געזעצן.

צווישן דער פּאָליציי און חברה־לייט הערשן אין פאַרשי־דענע מדינות ענגע באַציאונגען.

אין בראַזיליע, צום ביישפּיל, איז פאַר די פרויען־הענד־לער פאַראַן אַ ספּעציעלע שטראָף, אַן איבערבלייבעניש פון דער אינקוויזיציע. אַז מען כאַפּט אַזאַ בחור, מאַכט מען אים אַ קאַלטן טוש. מען שטעלט אים אונטער אַ שטראָם פון קאַלט וואַסער און אַזוי שטייט ער אין די מלבושים אַ שעה, צו צוויי. מען זאָגט, אַז דאָס זענען אַזוינע יסורים, וואָס מען קאָן זיך קוים פאָרשטעלן. פיל פאַרלירן דאָס לעבן, די רעשט בלייבן קאַלי־קעס אויפן גאַנצן לעבן.

און דאָך בליט דער האַנדל מיט לעבעדיקער סחורה און בראַזיליע, בליט און צעוואַקסט זיך, ווי די בוימער אין אור־וואַלד, און די שטראָף טרעפט זעלטן איינעם. נאָר אַזוינעם, וואָס די פּאָליציי האָט מיט אים געהאַט עקסטרע חשבונות.

איבעריקנס, איז דאָס קיין נייעס נישט. אויך ניו־יאָרק האָט וואָס צו דערציילן פון בשותפותדיקע מעשים צווישן דער פּאָליציי און „חברה־לייט".

און אויב „חברה־לייט" זענען שטאַרק צוריקגעשטויסן גע־וואָרן די לעצטע יאָרן, אויב זיי האָבן פאַרלוירן זייער אַמאָליקע מאַכט, אויב דער „מסחר" איז בכלל געלעגן אין דער ערד, — זענען נישט די אַרגענטינישע געזעצן און נישט די פּאָליציי־אישע אינקוויזיציע אין בראַזיליע דערין שולדיק.

שולדיק איז געווען די וועלט־מלחמה.

דער פרויען־האנדל איז אַן אינטערנאַציאָנאַלער האנדל. ער ווערט געפירט פון קאָנטינענט צו קאָנטינענט, איבער די ווייטע ימען, און ווי יעדער גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער האנדל, נויטיקט ער זיך אין פרייהייט פון די ימען, אין פרייער אומגעשטערטער באַוועגונג, לייכטע און ביליקע קאָמוניקאַציע און טראַנספּאָרט.

די מלחמה האָט דעם מסחר רואינירט און איצט לעבט ער ווידער אויף.

ביי די פּוילישע און רומענישע קאָנסולן אין בוענאָס־איירעס און ריאָ דע זשאַנייראָ רייסט מען ממש אָפּ די טירן.

„חברה־לייט״ מאַכן וויזעס, פּעקלען זיך אין וועג אַריין.

און אין פּוילן הערן זיך ווידער מעשיות וועגן פאַרשוואונדענע מיידלעך.

אויף די שיפן, וואָס גייען פון דרום־אַמעריקע קיין אייראָפּע, איז ווידער אַ באַוועגונג.

אַגענטן ווערן אַרויסגעשיקט.

מען פאָרט איינקויפן „סחורה״.

די ערשטע שוואַלבן האָבן זיך שוין געלאָזט קיין אייראָפּע. די רעשט וואַרט אויף די רעזולטאַטן פון דעם אַוואַנגאַרד.

אין באַהיאַ, אַ פאָרשטאָט אין בראַזיליע, האָט די שיף „אָרלאַנדאָ״, מיט וועלכן איך בין געפאָרן צוריק קיין אייראָפּע, אויפגענומען אַ פּאַסאַזשירקע פון צווייטן קלאַס, אַ הויכע, ריזיקע פרוי, גאַנץ עלעגאַנט געקליידט. זי האָט גערעדט פּליסיק און ריכטיק פראַנצויזיש און ענגליש, און קיין זאַך וואָלט נישט געקאָנט וואַרפן אויף איר דעם מינדסטן חשד. זי האָט זיך העפלעך געגריסט, זייער גוט געהאַלטן זיך ביים טיש. נאָר איין זאַך איז אויפגעפאַלן: א י ר ש ט י ם, אַ רויע, שרייענדיקע אַזיינע, וואָס דערמאָנט אין אַ געוויסער קאַטעגאָריע פרויען, וואָס פלוכן און שעלטן ביז צום הייזעריק ווערן. דערצו איז זי געווען אַ ריידעוודיקע, האָט געזוכט באַקאַנטשאַפטן, און איר

גרילצנדיקע שטים האָט אַ גאַנצן טאָג געהילכט אויף דער אויבער־דעק.

נאָך דעם ערשטן טאָג האָט זי מיר דערציילט, אַז זי פאָרט קיין בערלין און לאָנדאָן איינקויפן סחורה, אַז זי האָט אַ געשעפט אין באַהיאַ.

דעם צווייטן טאָג האָט זי, אַ פנים, געהאַט פאַרגעסן דעם שמועס (אָדער זי האָט געהאַלטן פאַר איבעריק צו באַהאַלטן פון מיר) און זי האָט מיר דערציילט, אַז זי האָט אַ האָטעל אין באַהיאַ.

אומגערנווייליק האָב איך געמאַכט אַ גרימאַסע. מיר איז דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, אַז אויב מען זאָל נעמען דעם ריזיקן קערפער און אַרייגשלײדערן אין ים אַריין, וואָלטן די רויב־פיש געהאַט אַ גוטע סעודה, און פאַר די מענטשן וואָלט עס קיין אומגליק זיכער נישט געווען. איך האָב אָבער נישט אויסגעגעבן מיינע געדאַנקען און האָב מיך פאַרהאַלטן צו איר גלייכגילטיק, נישט צו פאַרלירן איר צוטרוי.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך האָב פאַר מיר אַ הענדלערקע פון דער ערשטער קאַטעגאָריע.

אין אַ שעה אַרום האָבן מיר שוין געשמועסט יידיש. זי איז פון לאָדזש.

זי האָט שוין גענוג אַרומגעבלאָנקעט אויף דער וועלט. אַלט איז זי אַ יאָר 40. צו צוואַנציק יאָר אַוועק פון לאָדזש און אויסגעווען אין לאָנדאָן, אין אַרגענטינע און איצט פירט זי אַליין אַ הויז אין באַהיאַ..

„נאַרישע פרויען, — האָט זי פאַרטרויליך גערעדט, — לאָזן זיך אויסנוצן פון די מענער. אַ מאַן זאָל אַרבעטן, אַנישט גיי דיר געזונטערהייט. מיינער האָט ליב געהאַט אויסצוברענגען. אַראָפּגעקומען צו מיר פון ווארשע און האָט געמיינט, ס'איז אַמאָליקע צייטן. איך זאָל אַרבעטן און אים אָנשטופן דעם בייזן האַלז. אַ מכּה דיר! איך האָב אים דורכגעטריבן. ער איז אַנטלאָפן, וואו דער פעפער וואַקסט, אַנישט וואָלט ער שוין דאָרט

פּאַרפּוילט געוואָרן ערגעץ... וואָס איז? הפקר אַ וועלט? אַ פּרוי־אַרבעט נעבעך שווער און ביטער...

אַזוי האָט זי גערעדט און איר שטים האָט רוי זיך צע־לייגט איבער דער דעק פון דער שיף. און צום סוף האָט זי מיך גע־פרעגט, פון וואַנען איך אַליין בין.

— אַ וואַרשעווער — האָב איך געזאָגט.

— טאָ מוזט איר קאָנען מיין מאַן.

זי האָט מיר אָנגערופן זיין נאָמען.

— וואו וואוינט ער? — האָב איך געפרעגט באַשיידן.

— ע, איר מוזט אים קאָנען; יעדער קאָן אים אין וואַרשע.

— וואָס איז זיין באַשעפטיקונג?

— לאַנגע פינגער, — האָט זי געענטפערט קורץ.

איך בין אפילו פאַרשעמט געוואָרן, וואָס איך קאָן נישט אַזאַ וואַרשעווער באַרימטקייט, ווי שמואל טורבאַטש, וואָס זיין באַשעפטיקונג איז „לאַנגע פינגער" (אַ קעשענע־גנב), און זי האָט געגנצלעך פאַרלוירן צו מיר דעם צוטרוי.

עס זעט אויס, אַז זי האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז פון דרום־אַמעריקע קיין איירָאָפּע זאָל אַ וואַרשעווער פאָרן און זאָל נישט געהערן צו אירע לייט.

דעם גאַנצן וועג דערנאָך האָט זי מיך אויסגעווייכט.

איבעריקנס זענען אין צווייטן קלאַס געווען נאָך צוויי זייער שווייגנדיקע פּערזאָנען, וואָס האָבן דערוועקט געוויסע חשדים.

און אין דריטן קלאַס האָט שוין געווימלט פון זיי. די פאַרהאַרטעוועטע פּנימער, די אָנגעשטרענגטע בליקן, זייער גאַנץ באַנעמען האָט נישט געלאָזט דעם מינדסטן ספק, אַז זיי געהערן צו די פאַרטרעטער פון אינטערנאַציאָנאַלן ווייסן האַנדל.

אַ שטיק פינף האָב איך אָפּגעציילט.

וואַרשע, קראָקע און לעמבערג, היט אייערע טעכטער! די רויב־פויגל האָבן זיך גענומען לאָזן צוריק פון יענער זייט ים.

שוין אויף דער שיף איז געגאַנגען דער האַנדל. איינער פון די הענדלער האָט מיט זיך מיטגעפירט אַ „ווייב" און האָט

זי פראַנק און פריי פאַרקויפט צו די שפּאַניער און פּאָרטוגעזער, וואָס זענען געפּאָרן דריטן קלאַס.

שיפן גייען און קומען. די שיף־קאַרטן קיין דרום־אַמעריקע זענען שטאַרק ביליק, דער האַנדל לעבט אויף.

באַלד וועלן זיך ווידער דערהערן יאָמער־געשרייען פון דער יידישער גאַס.

דאָס אַרגענטינישע יידנטום גרייט זיך, ווי איך האָב געהערט, צו דעם שרעקלעכן קאַמף מיט דעם שרעקלעכן מסחר, נאָר באַזונדער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט די געזעלשאַפט פון די פּוילישע יידן אין בוענאָס־איירעס מיטן נאָמען: „אַגודת־אחים״, וואָס איז ספּעציעל געגרינדעט געוואָרן אויף אָפּצוהיטן די ריינקייט און אָפּצושיידן זיך פון די חברה־לייט.

עס ווערן געשיקט פּאָסטנס, אָפּצוואַרטן די אימיגראַנטן ביי דער שיף.

ווייל דאָ, ביים לאַנד, געשיט געוויינלעך דער טראַגישער סוף פון דער פאַרפירטער פרוי.

איר באַשערטער און באַגליקער ווערט פלוצלינג פאַרלוירן, טראָגט זיך אָפּ שטילערהייט, די פרוי בלייבט אַליין. דער קרבן צאַפּלט זיך אין נעץ. דעמאָלט קומט עפּעס אַ ייד מיט אַ ברודיקער באָרד און איז זיך מרחם, ברענגט אַ בריוול פון פאַרשוואונדענעם מאַן און פאַרנאַרט זי צו זיך.

דאָ איז נויטיק אַ וואַכנדיק אויג.

אָבער דאָס איז נישט גענוג.

כּל־זמן דער פּוילישער קאָנסול אין אַרגענטינע וועט נישט קומען צו־הילף און פאַרבינדן זיך מיט דער „אַגודת־אחים״, כּל־זמן די פּאָליציי אין פּוילן און די גאַנצע געזעלשאַפט וועט זיך נישט נעמען ענערגיש צו באַקעמפן די „חברה־לייט״, קאָן מען נישט האָפן אויף דערפאָלג.

מען בענקט אין בוענאס-איירעס.

ביז צו דער מלחמה האָבן יידן געלעבט אין בוענאָס-איירעס אויף דערוויילע. אין דער טיפעניש פון האַרץ האָט יעדער געהאַט אַ באַהאַלטענע האָפענונג: אָט-אָט וועט זיך דאָס רעדל אַקער טאָן, עפּעס וועט געשען, און מען וועט צוריקפאָרן אַהיים.

אויף דערווייל האָט מען געלעבט, אויף דערווייל האָט מען חתונה געהאַט און אויף דערווייל האָט מען אפילו קינדער חתונה געמאַכט. מען איז רייך געוואָרן, די געשעפטן זענען זיך צעוואַקסן, אָדער מען איז פאַרשוואַרצט געוואָרן אין אַ „טאַזשער" (שאַפּ, וואַרשטאַט), אָדער מען איז גאָר געשטאָרבן אויף טובער-קולאָז. די קעפּ זענען גראָ געוואָרן, און מען האָט געוואַרט, און מען האָט געבענקט.

עס איז אַ בענקשאַפט, אַ נישט-קלאָרע, אַ נישט-באַשטימטע פון מענטשן, וואָס דאָס מזל האָט זיי פאַרטראָגן העט-ווייט, אונטער אַ פרעמדן הימל און פרעמדע שטערן. מעג דער הימל זיין ווי טיף בלאָ, מעגן די שטערן ביינאַכט בלאַנקען ווי העל דאָ אין אַרגענטינע — דאָס האַרץ נאָגט.

און שווער איז איינצולעבן זיך מיטן געדאַנק, אַז אָט טאַקע דאָס איז עס, אָט דאָ בלייבט מען, דאָ וועט מען אָפּלעבן דאָס ביסל באַשערטע יאָרן.

ווייל קיין אַרגענטינע איז דער עמיגראַנט פאַרטראָגן געוואָרן געווייגלעך פון עפּעס אַ שטראָם. אַהער איז ער פאַרוואָרפן

געוואָרן. זעלטן איינער פון די ערשטע עמיגראַנטן איז געקומען מיט זיין אייגענעם ווילן, מיטן אייגענעם באַשלוס. אָדער ער שטאַמט פון דער ערשטער „באַראָן הירש־עמיגראַציע" און איז געקומען מיט א „פּאַרטיע", אָדער ער איז געלאָפן פון די פּאָגראָמען, אָדער עס האָט געפעלט אויף א שיפס־קאַרטע קיין ניו־יאָרק, אָדער אַן אַגענט פון א שיפס־געזעלשאַפט האָט אים פאַרבאַרט. כמעט יעדער האָט א געשיכטע, עפּעס א פּאַסירונג.

דער גאַנצער ישוב איז נאָך יונג, פריש, גרין, מען זעט נאָך אָן א — — — איר דערקאָנט נאָך אין דער אימיגראַציע די באַזונדערע כוואַליעס: די פון באַראָן הירש סוף אַכציקער יאָרן, די כוואַליע פון 1905 און גאָר די לעצטע פאַר דער מלחמה. עס איז אַזוי ווי מען גראָבט אין דער ערד, און אָנשטאָט איין־איינציקער מאַסע, זעט מען א שיכט אָנגעלעגט אויף אַ שיכט, נאָר נישט פאַרמישט.

אויפן סאַמע דנאָ ליגט דער שיכט פון די „טמאים". קיינער ווייסט נישט, ווען און ,ווי אַזוי האָבן זיי געפונען דעם וועג אהער.

אויב בענקען, מוז מען זאָגן, אז אַממייסטן בענקט דער פּוילישער ייד, ווייל צו זיין א פּוילישער ייד אין אַרגענטינע איז אַ שטיקל אָפּקומעניש. ליטוואַקעס און אפילו בעסעראַביער באַציען זיך צום פּוילישן ייד פון אויבן־אַראָפּ. עפּעס קרימט מען מיט דער נאָז און מען מאַכט אַ זויערע מינע ביי די ווערטער: „דער? ער איז א פּוילישער". צי דערפאַר, וואָס אַ גרויסער פּראָצענט פון די פּרויען־הענדלער שטאַמט פון פּוילן, און מען געדענקט די זינד פון די שולדיקע פאַר די אומשולדיקע?

א גרויסע ראָלע שפּילט דאָ דער פאַקט, וואָס דער ליטוואַק איז א וואויל־קענער און גרויסט זיך שטאַרק דערמיט. דער פּוילישער גילט פאַר אַן עולם־הזהניק. ער האָט ליב אַ ברייטער־לעכע סעודה, מיט געבראָטענע גענזלעך און וויין, און האָט ליב צו טאַנצן אַ „שער" אויף חתונות, א זינג צו טון און א קלאַפּ צו געבן אויף די פּלייצעס.

ביי אַזאַ סצענע פון פּוילישער לייכטזיניקייט ציען זיך אַן

ביים ליטוואַק די מוסקולן פון פּנים נאָך שאַרפער, נאָך רוגזדי־קער. זיין ערנסטער און סטאַטעטשנער כאַראַקטער קאָן דאָס נישט פאַרטראָגן:

„אַ פּוילישער" — ברומט ער.

דערצו נאָך האָט דער פּוילישער ייד אַ שטיקל שוואַכקייט צו זיין היים. קיינער איז נישט מער צוגעבונדן צו דעם היי־מישן ווינקל און טייכל, צו דער היימישער נאַטור, ווי ער.

מיך האָט אויפגעזוכט אַ ייד פון וואָלאָמין, אַ פּיצעלע שטעטל ביי וואַרשע. ער איז שוין אַ יאָר 20 אין לאַנד: למען השם, איך זאָל אים זאָגן, צי דאָס קליינע וועלדעלע, — איני־גאַנצן עטלעכע הונדערט בזשאָזעס האַרט ביי דער באַן־ליניע — צי עס שטייט נאָך דאָרט? נישט ווייט פון דאָרט האָט ער געוואוינט.

דאָס וועלדל — האָב איך אים געזאָגט — האָבן די דייטשן אויסגעהאַקט בשעת דער אָקופּאַציע.

— אַ כאָלערע אויף זייערע קעפּ! — האָט ער געשאָלטן. ער האָט געמיינט, אַז די דייטשן זענען פיינע לייט, ער האָט זיך נישט געריכט, אַז זיי זאָלן טון עפּעס אַזוינס.

און אַ ייד, וואָס האָט געהאַלטן אַ גאָרקיך אין וואַרשע און לעבט אויך אין לאַנד אַ יאָר 15, און האָט גאָרנישט דערלייגט צו אַרגענטינע, ווייזט מיר אויף, אַז ס'איז קיין מדינה נישט. אין דער היים אַ ווייסל — איז דאָך אין דער היים אַ ווייסל — איז דאָך דאָ אויף וואָס אַ קוק צו טון; אין דער היים, אַז מען האָט אָפּגעקאָכט צוויי פונט פיש, האָבן זיי פאַרשמעקט די גאַנצע גאַס. דאָ קאָכט מען פודן גאַנצע און ס'איז נישטאָ קיין געשמאַק. די פּירות האָבן נישט קיין ריח און דאָס פלייש האָט קיין טעם נישט. ביי אונז, איר געדענקט? אַ שטיקל געבראָטן קעלבערנס, ס:איז צעגאַנגען אין מויל...

אַז ער איז דערווייל אַלט געוואָרן, און די נערוון פון דער נאָז אין פּיי גו ען זענען ביי אים דערווייל טעמפּ גע־וואָרן — דאָס פאַרג נ ט ער.

ער האָט געלעבט אויף דערוויל, און פרעגט אים בחרם, ווען ער איז אַלט געוואָרן.

אָבער עס איז געקומען די מלחמה, די וועלט איז געוואָרן אָפּגעשניטן. די אַלטע היים איז איבערגעקערט געוואָרן, די האָפע־נונג זיך אומצוקערן — איז פאַרשוואונדן, און אַן אינערלעכע שטים האָט אויסגערופן ביי יעדן אין הארץ די ווערטער פון אַלטן נביא:

„בויט הייזער, פלאַנצט ווייַנגערטנער".

און מען האָט זיך גענומען איינפונדעווען.

בוענאָס־איירעס, ווי איך האָב שוין אָנגעמערקט, האָט זייער אַ שיין פאָלקס־לעבן. יונג־שוואַכלעך, אָבער סימפּאַטיש.

צוויי טעגלעכע צייטונגען, וואָכנבלעטער, אַ יידיש טעאַטער, פיל ביבליאָטעקן, אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, חברות און פאַרבאַנדן, פרומע, פאָלקסטימלעכע און ראַדיקאַלע.

דער מאַסן־מענטש שטייט דאָ אויף אַ העכערער שטופע, ווי די ערשטע עמיגראַנטן קיין צפון־אַמעריקע.

די ערשטע איינוואַנדערונג קיין ניו־יאָרק און שיקאַגע האָבן נישט געהאַט הינטער זיך אין דער היים אַ דור פון אַר־בעטער־באַוועגונג, פון יידישער ליטעראַטור פון יידישע צייטונגען.

דער איינוואַנדערער קיין אַרגענטינע שטאַמט פון אַ שפּע־טערן דור. אין דער היים איז מען שוין דורכגעגאַנגען אַ גע־וויסע דערציִאונג, אָדער מען האָט געהערט צו אַ פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, אָדער געווען אַ מיטגליד פון אַ ביבליאָטעק.

די יידישע מאַסע איז אין פאַרלויף פון דעם דור קולטו־רעל אויסגעוואַקסן, און דאָס פילט זיך שטאַרק אין דעם טאָן, אין דעם כאַראַקטער פון פאָלקס־לעבן, אין זיין געשמאַק.

כאָטש אָרעם איז דאָ אַלץ אין פאַרגלייך מיט ניו־יאָרק. די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, אַזוי ווי די קולטורעלע. אָרעם און קרענקלעך אַביסל. נישטאָ דער לעבעדיקער פּולס, דער שטאַרקער לעבנס־אימפּעט, וואָס די אַנגלאָ־זאַקסישע ראַסע האָט איבערגעפלאַנצט קיין צפון־אַמעריקע און האָט אָנגעשטעקט דער־מיט אַלע איבעריקע איינוואַנדערער פון אַנדערע נאַציעס.

אַנשטאָט וויסקע טרינקט מען קאַווע. אַנשטאָט בייס־באָל שפּילט מען אויף לאָטעריע־צעטעלעך און אויף פערד־וועטעגישן, און מען פאַרשפּילט פאַרמעגנס.

די שפּיל־מאַניע איז דאָ אַן אומגליק, רואינירט דאָס פאָלקס־פאַרמעגן. דער אָפּגעשפּאָרטער גראָשן, וואָס גייט אין אַנדערע לענדער אין די שפּאָר־קאַסעס, ווערט דאָ אויסגעגעבן אויף אַ צעטעלע. כמעט יעדן טאָג שפּילט אַ לאָטעריע, און הונ־דערטער טויזנטער וואַרטן אויף דער „גראַנדע״ (דאָס גרויסע געווינס). מען הונגערט, מען לאָזט ווייב און קינדער הונגערן און מען שפּילט. די שפּיל־מאַניע איז אַן ערגערע קללה, ווי דער ביטערער טראָפּן.

בוענאָס־איירעס האָט אויפגעבויט דער דרום־מענטש, פאַר וועמען די „פּלאַסאַ״ (דער שטאָט גאָרטן, סקווער) איז אַ גוטע היים, דער הימל איז אַ דאַך. דאָס לעבן שפּילט זיך אָפּ אין די גאַסן, אין די קאַפעס, אַהיים קומט מען נעכטיקן, אָדער שיצן זיך פון אַ שלאַקס רעגן, ווען דער טראָפּישער הימל צע־שפּילט זיך און גיסט, ווי פון צעבערס.

דערפון ליידט דאָס פאַמיליען־לעבן זייער שטאַרק; ווייל זעלטן אַ מענטש האָט דאָ אַ גוט איינגעאָרדנטע היים. יידן, פאַרשטייט זיך, מוזן דאָס שפּירן נאָך מער ווי אַנדערע.

די שפּאַניער האָבן מיטגעבראַכט זייער סיסטעם פון בויען. פון אַריינגאַנג קומט איר אין אַ פיר־עקיקן קאַסטן, צווישן פיר מויערן, געוויינלעך נאָר איין שטאָק הויך. אויבן איז אָפן, דער אונטן איז אויסגעפלאַסטערט מיט שטיינער. דאָס איז דער הויף. דאָ קומען זיך אַלע צוזאַמען, דאָ פאַרברענגט מען דעם גאַנצן טאָג, ווייל די צימערן זענען קליינע, ענגע, מייסטנס אָן טאָג־ליכט, אָן פענסטער און נאָר דינע ווענטלעך טיילן אָפּ איין צימער פון צווייטן. אין אַזאַ הויף וואוינען זעקס־זיבן פאַמיליעס, אַלע טירן גייען אַרויס אין „הויף״ אַריין. יעדער איז ביי אַלע־מען אויף די אויגן, וואָס איינער קאָכט, איז ביי יעדן אין דער נאָז... דאָ ליבט מען זיך, דאָ קריגט מען זיך, דאָ כאָוועט מען קינדערלעך, אַלץ ביי אַלעמען און פאַר אַלעמען אין די אויגן.

עס איז נישט אונזער היים, וואו דער מענטש ווערט אַרומגענומען מיט דער אַטמאָספערע פון הויזלעכקייט.

פאַרברענגט טאָקע דער מאַן אין גאַס, לויפט טרינקען אַ קאַוועלע, גייט אויף אַ פאַרזאַמלונג. די פרויען זיצן איינגעשפּאַרט.

ווייל דער מנהג פון לאַנד גיט דער פרוי זייער ווייניק פרייהייט. אַ יונגע פרוי, ווער שמועסט נאָך אַ מיידל, דאַרף אַליין נישט גיין אויף דער גאַס. גיין מיט אַ בחור שפּאַצירן איז קאָמפּראָמיטאַציע. אין אַ קאַפע-הויז טאָר אַ דאַמע זיך נישט ווייזן.

און דער הימל איז דאָ אַ טיף-בלאָער, ווינטן בלאָזן וואַרעמע, די לופט רייצט, און דער מענטש ווערט דאָ פריער צייַטיק. יידישע טעכטער וואַקסן דאָ שיין און געראָטן, פאַרברענט פון דער זון, און היציקער נאָך זענען זייערע בליקן.

זעט איר טאָקע שוואַרץ-חנעוודיקע מיידלעך, צעבליט און מיט גליענדיקע אויגן, נאָר... מיט טונקעלע שוואַרצע פאַסן אַרום די אויגן.

די נאַכט פאַלט צו, די לופט ווערט קילער, קוקן אַרויס פון טירן און פענסטער אומעטיקע פאַרבענקטע פּנימער פון פון יונג-פרויען, און איר קאָנט מיינען, אַז איר געפינט אייך ערגעץ אין מזרח, אין דער טערקיי, צי אין פּערסיע.

און אַז ס'דערנענטערט זיך אַ יונגערמאַן, בלייבט ער שטיין אויף די טרעפּלעך, זי אין קאָרידאָר, צי ער פאַרן פענסטער, זי — אונטערן פענסטער מיט די אייזערנע קראַטן, און אַזוי שמועסט מען.

לאַנג און פאַרטרויליך שמועסט מען.

איז דער פּאַמפּאַ

אויף דרום-זייט פֿון בוענאָס-איירעס חעט־ווייט ביז צום „שוואַרצן טייך״ אויף דרום און ביז צו די בערג אויף מערב, ליגט אויסגעשטרעקט די פּאַמפּאַ אין איר גאַנ-צער פֿאַרלאָזנקייט. דינער ווערט דער שיכט זאַמד, וואָס באַ-דעקט דעם שטיין, און ערטערווייז טראָגט דער ווינט אַוועק דעם זאַמד, באַווייזט די פּאַמפּאַ איר נאַקעט-שטיינערן לייב, אָבער נישט אויף לאַנג. ווייל אומרואיק איז די געגנט, די ווינטן שפּאַ-צירן הפקר־ווילד, יאָגן זיי ווידער אָן וואָלקנס זאַמד, כּדי די פּאַמפּאַ זאָל נישט שלאָפֿן נאַקעט.

בוימער זעט מען דאָ זעלטן, און די, וואָס מען זעט, האָבן אַן עלנט אויסזען: קרום, לאָם, נידעריק. הונדערטער פֿון מיילן פֿאָרט מען דורך, און דאָס אויג ווערט מיד צו קוקן אויף דער גראָז-געלער איינטאָניקייט. נאָר וואָס די ערד איז כּסדר „אַלאַמברירט״, ד. ה. פֿאַרצוימט מיט צוויי, צי דריי דראָטן, אָנגעצויגענע אויף די הויקערדיקע פֿלעקלעך האָלץ, אַ סימן, אַז דער מענטש האָט די ערד אַריינגענומען אין זיין רשות, און אַלס אַ סימבאָל פֿון צוגעהעריקייט, אַזוי ווי אַ קדושין-רינג, האָט ער איר אָנגעטון די „אַלאַמבראַ״. נישט באַאַקערט און נישט באַזייט האָט ער זי, נישט אויסגערוימט די ווילדע גראָזן; און די מוראַשקעס, אין הונדערטער און טויזנטער נעסטן, צע-שפּרייטע איבער די ברייטע פֿעלדער, פֿירן דאָרט אַ חירטשאַפֿט

פון ווער ווייסט וויפל מיליאָנען יאָרן. ווייל וואו די ערד איז אַביסל נידעריקער, קאָנט איר זען טויבטער בערגלעך אָנגעשיטע ערד. דאָס זענען אויסגעשטאָרבענע שטעט פון די קליינע באַשעפענישן. זיי האָבן שוין לאַנג אַוועקגעוואַנדערט פון די פעלדער, אָבער די ערדענע טורעמס, וואָס זיי האָבן אָנגעוואָרפן, כדי צו ראַטעווען זיך פון וואַסער, זענען געבליבן שטיין, אַזוי ווי רעשטן פון אַן אַלטער קולטור. הונדערטער טויזנטער העקטאַר ערד ליגן נאָך ווילד — „טעראַ ווירכען" הייסט עס דאָ, (קרקע בתולה, אויף העברעיש), אָבער פאַרנומען איז אַלץ, אַלץ האָט אַ באַלעבאָס, און טראָגט דעם צייכן פון צוגעהעריקייט— די „אַלאַמבראַ".

טויזנטער קי און פערד פאַשען זיך צווישן די „אַלאַמבראַס". עפּעט ווי פאַרשעמט האַלטן זיי די קעפּ אַראָפּגעלאָזט און קייען. ווייל אַוועק, אַוועק זענען די גוטע פעטע יאָרן פון דער מלחמה, ווען דער ווערט פון בהמות איז כסדר געשטיגן, און מענטשן האָבן אויף זיי געמאַכט גרויסע פאַרמעגנס. איצט איז זייער פרייז מוראדיק געפאַלן. וואָס מער אַ קאָלאָניסט האָט בהמות, אַלץ מער דלות איז עס. בלאָנקען זיי זיך אַרום פאַרלאָזט, קיינער וויל זיי נישט אָנקוקן, און זיי פרעסן נאָך אויף דאָס פאַרבליבענע פאַרמעגן פון זייערע באַלעבאַטים.

אָרעם פי! ווי לאַנג איז, ווי מען האָט זיי געפיטערט אויף די פעטע פעלדער פון דער גרינער אַלפאַלבאַ, און מען האָט צוגעזען די טראָגנדיקע קו, וואָס האָט געטראָגן יעדע אַ „הונדערטער" אין אירע געדערעם. אייראָפּע האָט זיך געשלאָגן, אַרגענטינע האָט געליפערט פלייש, — איצט איז אַ קריזיס אין לאַנד. מען פאַרגעסט אָנצוטרינקען דאָס פי, און שטאַרבט עס אַוועק, קימערט זיך קיינער נישט. די „קאַראַמשאַס", אַ מין רויבפויגל פון דער אָדלער־משפּחה, פּיקט אויף דאָס פלייש פון דעם געפאַלענעם פי אין דער פּאַמפּאַ. מחנותווייז באַלאַגערן זי די פּגירה, פרעסן אויף דאָס פלייש און לאָזן רוען די ביינער, און ווייט און ברייט ווי די פּאַמפּאַ איז, זעט איר דאָ און דאָרט ווייסע פלעקן: דאָס איז דאָס געביין פון דעם געפאַלענעם פי, וואָס

בריט זיך אויף דער זון, געשווענקט פון רעגן, און עס ווערט פאַלירט און ווייס.

זאָלן זיי רוען, די צעוואָרפענע ביינער אויף די ברייטע פעלדער! ווייל די איינטאָניקייט איז דאָ אַזעלכע, אַז עס נעמט אַזש קלעמען ביים האַרץ, און דער בליק זוכט אויף וואָס זיך אָפּצושטעלן. אַ פרייד באַפאַלט דעם פאָרנדיקן אין וואַגאָן, ווען ער דערזעט פון ווייטן, ווי עס טראָגט זיך אים אַנטקעגן דאָס ראָד פון דער ווינט־מיל, וואָס פּאָמפּעט וואַסער פון הינטער דעם שטיין אַפּער. דאָס איז דער סימן פון אַ ישוב. אַ „גאַלפּאָן" באַווייזט זיך, אַ מין שטוב, צעזאַמענגעשטעלט פון בלעכענע ווענט. עטלעכע פאַרקרימטע, לאָמע, קוים זשיפּענדיקע בוימלעך און היידאַ אַוועק! ס'בילד איז פאַרשוואונדן, ווידער ציט זיך די פּאַמפּאַ מיט די מרא־שחורהדיקע בהמות און פערד. פון ווייט אַהער לויפן אָן אַ פּאָר רעלסן און שניידן דורך קווער, אויפן פלאַכן באָדן, אונזער וועג. דער ענגלישער אינזשעניער (די באַנען געהערן דאָ כמעט אַלע צו די ענגלענדער) לייגט דורך דעם אייזערנעם וועג אין דער פּאַמפּאַ אויפן סאַמע איינפאַכסטן אופן. דער וועג ציט זיך גלייך, גלייך, גלייך, נישט קיין בערגל, נישט קיין טאָל, נישט קיין וואַסער שטערט אים: טרעפן זיך צוויי ליניעס, שניידן זיי זיך דורך, און לויפן ווייטער זייער גראַדן וועג.

די פּאַמפּאַ איז שטענדיק דורשטיק, שטענדיק גאַרט זי צום רעגן. ווען די גרינע שלאַנגען, מייסטנס נישט גיפטיקע, קריכן אַרויס פון די נאָרעס און באַווייזן זיך אויף דער אויבערפלאַך, איז אַ שמחה ביים קאָלאָניסט: דער רעגן וועט קומען; די שלאַנגען האָבן דערשמעקט די פייכקייט פון דער לופט, און זיי זענען אויך שוין מיד פון דער טריקעניש. ברעכן דעם אַלטן פּאָטער די ביינער און ער קרעכצט אַ גאַנצע נאַכט קומט דער זון אינדערפרי אָנזאָגן די בשורה זיין שכן: עס קלייבט זיך אויף רעגן.

אַרגענטינע לײדט זייער שטאַרק פון פאַרפלייצונגען. ווען דאָס טראָפּישע געוויטער צעשפּילט זיך, קאָן דער בליץ יאָגן

און דער דונער אָפּקנאַלן טעג נאָכאַנאַנד, און דער הימל גיסט אָן אויפהער, עפּעס מבולדיקס איז פאַראַן אין די רעגנס. דאָ אָבער, אין דער צענטראַלע פּאַמפּאַ, טרינקט די ערד דעם רעגן און איז קיינמאָל נישט זאַט, טרינקענדיק. דורשטיק פאַרשלינגט דער זאַמד דאָס וואַסער, און בעט נאָך און נאָך. דער דאָזיקער זאַמד האָט אין זיך אַ כּוח אַרויסצוגעבן אַ גוט גערעטעניש, מיט שפע קאָן ער אָפּשיטן צענטנערן ווייץ, ווען ער האָט זיין מאָס רעגן, און עס פּאַסירט נישט קיין אומגליק. ליידער, טרעפט דאָס זעלטן. איין מאָל דורך 3 יאָר; דעמאָלט אָבער לעבט אַלץ און אַכט אויפן לאַנד און אין שטאָט. דער קאָלאָניסט, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג געהונגערט, קויפט אַהיים מחזורים פאַר זיך, צירונג פאַרן ווייב, זיידענע זאָקן פאַר די טעכטער. דער פּאָרט פון באַהיאַ-בלאַנקאָ ווערט רירעוודיק און רוישיק. אפילו די בהמות הויבן אויף די קעפּ, און זיי מרוטשען נישט מער אַזוי טרויעריק אויף זייער ביטערן גורל און דעם שלעכטן קריזיס.

זעלטן-זעלטן, איין מאָל דורך עטלעכע יאָר, ווערט אַהער פאַרטראָגן אַ ביסעלע שניי. יידישע קינדערלעך, געבוירן אין דער פּאַמפּאַ, וואָס האָבן קיין שניי אין זייער לעבן נישט אָנגעזען, לויפן אַריין אין שטוב דערשראָקן און מיט ציטערדיקע שטימען דערציילן זיי דאָס בייעס, וואָס זיי האָבן געזען:

— מאַמעליו, פייגעלעך פאַלן פון הימל!

אַ געזונט אויף זייערע קעפּ, אויף די יידישע קאָלאָניסטישע קינדערלעך פון דער פּאַמפּאַ! איך האָב זיי געזען, קינדערלעך פון 8 ביז 13 יאָר, יינגלעך און מיידלעך, הייטנדיק אויף די פּאַמפּאַ-פערדלעך, צו צווייַ אויף אַ פערדל, איינס האַלט אַרומגעוויקלט די הענט אַרום דעם צווייטן, און זיי האָבן גאַלאָפּירט, אַז אַ שטויב איז אויפגעגאַנגען צום הימל און האָט פאַרדעקט דעם האָריזאָנט. דאָס שענסטע בילד איז דאָס, דער פאַרבנסטער איינדרוק, וואָס די פּאַמפּאַ האָט מיר געגעבן.

דער לערער פון דער קאָלאָניע האָט מיר צוגעגרייט דעם סיורפּריז ביי מיין אָנקומען. די קינדער קומען געוויינלעך אין

שולע אריין אויף די פערדלעך, ווייל די הייזער שטייען צע־וואָרפן אויף אַ שטרעקע פון עטלעכע קילאָמעטער; די פער־דלעך פּאַשען זיך ביז די קינדער לערנען אָפּ און רייטן אַהיים. הייגט, לכּבוד מיין אָנקומען האָט מען איבערגעהאַקט די לעקציע, און דאָס ביסל קליינוואַרג האָט זיך געלאָזט גאַלאָפּירן מיט אימפּעט מיר אַנטקעגן. מען האָט געקאָנט מיינען, אַ רעגימענט רייטער קומט אָן; ערשט פון שטויב וויקלען זיך ארויס אָבגע־ברענטע פּנימלעך פון יידישע קינדער. איך קוק זיי אָן: אָרעם־געקליידטע מיט צעשויבערטע האָר, די צעפּלעך האָבן זיך אויפ־געלאָזט ביי די מיידלעך, ביי די יינגלעך זענען די היטלעך פאַררוקט אָן אַ זייט — אונזערע יענקעלעך און שרהלעך, גע־בוירענע סטעפּ־קינדער, ארגענטינישע קאָזאַקלעך און קאָזאַטשקעס. פלינק אויף די פערד און מיט דער יידישער שפּראַך אין זיי־ער מויל.

היימישער איז מיר געוואָרן אין דער פּאַמפּאַ...

פאַרכאַפּט פון פּאַמפּערא

אין דער יידישער קאָלאָניע „מאָנטעפיאָרע” מיטן נאָמען, זענען מיר געזעסן אַ רעדל מענטשן אין שטוב פון אַ יידישן לערער און האָבן געטרונקען „מאַטע”. „מאַטע”, דאָס איז דער נאַציאָנאַלער געטראַנק פון די אַרגענטינער. פאַרפאַרטיקט פון אַ היימישער פלאַנצונג, וואָס ווערט אויפגעבריט ווי טיי, אָבער צום שפּאָט פון אַלע אייראָפּעישע היגענישע באַגריפן, טאָר די „מאַטע” נישט דערלאַנגט ווערן אַ גאַסט באַזונדער אין אַ גלאָז צי אין אַ טעפּל... די „מאַטע” ווערט געזופּט פון דער „באָמביזשאַ” אַרויס, א מין הילצערנעם בעכער, דורך אַ רערל, געחיילעך אַ זילבערנעם, און דאָס גאַנצע קלאַפּערגעצייג, די „באָמביזשאַ” צוזאַמען מיטן רעדל, וואַנדערן אַרום פון איין מויל צום צווייטן. אַז דער לעצטער האָט אויסגעזופּט זיין חלק, קומט עס ווידער אָן צום ערשטן, און אַזוי זופּט מען און מען זופּט שעהן נאָכאַנאַנד, מען פאַרגעסט די אומעטיקייט און איינטאָניקייט פון דער „פּאַמפּאַ”, דעם היימישן סטעפּ.

דאָס ערשטע מאָל בין איך געזעסן אין אַזאַ רעדל פון „מאַטע”-טרינקער אַרום די גליענדיקע קוילן און זידיקן טשייניק, וואָס אויף דעם אייזערנעם געשטעל. עס האָט מיר גוט געטון און איך האָב געזופּט מיט חשק פון דער „באַמביזשאַ” יעדעס מאָל, ווען די ריי איז געקומען אויף מיר.

ווייל אין דרויסן האָט זיך צעשפּילט דער „פּאַמפּערא” און

האָט אָנגעיאָגט גראָע וואָלקנס, און האָט געשמיסן קאַלטע טראָפּנס אויף די שויבן און האָט געמאַכט ציטערן און שוידערן דאָס אָרעמע פֿי, וואָס דרייט זיך דאָ אַרום, אויף גאָטס באַראָט, אונטערן פֿרייען הימל, טאָג ווי נאַכט, און ווייסט קיינמאָל נישט פֿון קיין שטאַל און פֿון קיין דאַך איבערן קאָפּ. דער גרויסער ברוינער הונט מיט אַן אויסגעצוואָגענער פֿעל, מיט אַן אומעטיק אַראָפּגעלאָזטן עק האָט זיך געשפּאַרט אין שטוב אַריין, און אַלע מינוט, ווייל ער האָט זיך צופֿיל געפּלאָנטערט אונטער די פֿיס, האָט מען אים אַרויסגעיאָגט.

עס איז אַ בייזער ווינט אָט דער „פּאַמפּעראָ", אַ גוטער מענטש זאָל אים נישט קאָנען! ער קויקלט זיך אַראָפּ פֿון די שניי־בערג אין דרום־מערב, שפּאַצירט איבער דער צענטראַלער „פּאַמפּאַ", יאָגט אָן וואָלקנס זאַמד, פֿאַרשיט די אויגן פֿון מענטש און פֿי, דער הימל בלייבט בלאָ, די זון בלאַנקט און ער וואָיעט ביטער: מאָדנע וואָיעט ער, יעדער בלאָז זיינער גייט פֿון הינטן אַרויף, און איר פֿילט בחוש, אַז דאָס איז אַן איינגעזעסענער בעל־דבר, ער האָט נישט בדעה אויפֿצוהערן. קאַלט און שניידיק לויפֿט ער אַזוי הונדערטער פֿון מיילן איבער דעם פֿלאַכן לאַנד, וואו קיין וואַלד, קיין באַרג, קיין שטאָט האַלט אים נישט אויף— אין אַרגענטינע זענען די ווינטן ביי זיך אין דער היים — ביז ער פֿאַרציט ערגעץ אין צפֿון־מזרח דעם בלאָען אַרגענטישן הימל מיט אַ פֿינסטערער גראָער דעק, צעשפּילט זיך אין אַ געוויטער, אָדער שמייסט קאַלטע טראָפּנס טעג נאָכאַנאַנד.

מיך האָט דער „פּאַמפּעראָ" פֿאַרכאַפּט אין דער אָרעמער קאָלאָניע, פֿאַרלאָזט פֿון גאָט און לייט. די יק"א־באַאַמטע האָבן דאָ געגעסן אַ פֿעטן ביסן ביים איינקויפֿן די ערד; אַרויסגעגאַנגען איז די קאָלאָניע דערצו מיטן לינקן פֿיס. דאָס מזל האָט דאָ ביטער צוגעשפּילט צו די מעשים פֿון דער יק"א: באַלד אין ערשטן יאָר פֿון דער גרינדונג געהאַט אַ פֿאַרפֿלייצונג, די קאָלאָניסטן האָבן זיך דערפֿילט אָפּגענאַרט און פֿאַרפֿירט און נידערגעשלאָגן און האָבן אַראָפּגעלאָזט די הענט און פֿאַרלוירן די קעפּ. נישט ווייט פֿון דאַנען בליט און געדייעט די רייכע

קאָלאָניע „מאָזעסוויל״ — די צירונג פון די יידישע קאָלאָניעס; „מאָנטעפיאָרע״ אָבער איז פאַראָרעמט, פאַרוואָרלאָזט, אַפּאַטיש־נידערגעשלאָגן: אויסגעלאָשן זענען דאָרט די אויגן, נישט זי־כער די בליקן, און איינער אויפן אַנדערן איז אָנגעשטויסן.

איך האָב צוליב דעם „פּאַמפּעראָ״ געמוזט פאַרבלייבן דאָ לענגער, ווי איך האָב גערעכנט, און האָב אפילו מיין באַגליי־טער — אַ יונגער קאָלאָניסטישער זון פון מאָזעסוויל, נישט געקאָנט זען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אַן אַנדער הויז, ביי אַ צווייטן קאָלאָניסט, אַ קילאָמעטער ווייט פון מיר, און דאָס בייזע וועטער און דער ליימיקער באָדן, וואָס איז געוואָרן קלעביק, ווי אַ געדיכטע קאַשע, האָט אונז צעשיידט, נישט צוצוקומען איינער צום אַנדערן.

זענען מיר געזעסן, די קאָלאָניסטן פון די נאָענטע הייזער, געטרונקען „מאַטע״ און גערעדט וועגן דער טרויעריקער לאַגע פון דער קאָלאָניע און ווי אַזוי מען קריכט אַרויס פון דער לאַגע.

אין דער „טשאַקאָ״ (וואַלד־געביט) זאָל מען גיין, ווייט אַרויף צו צפון, וואו די רעגירונג טיילט כמעט בחנם ערד.

און מען האָט זיך דערציילט איינער דעם אַנדערן וועגן דעם לעבן דאָרט אין אורוואַלד, וואו די פּאַמפּאַ הערט אויף. אויף די וועגן, וואָס פירן אַהין, ציען מחנות פון דייטשן, אויס־געמאַטערטע און פאַראָרעמטע, כדי צו פאַרנעמען דאָס לאַנד דאָרט. פון גאָט געבענטשט איז דאָרט דער באָדן, דער היישע־ריק פרעסט נישט די פּראַצע פון מענטש, און אַלערליי תבואות, בוימוואָל און אַרבעס געדייען דאָרט. דייטשן און איטאַליענער גייען אַהין, און מיר דאָ זיצן און פוילן ביי דער „יק״א״...

— אָבער הייס מוז דאָרט זיין, נישט אויסצוהאַלטן, — האָט חער אַריינגערעדט.

דאָ האָט זיך דער יידישער לערער גענומען אונז צו דערקלערן, אַז מיר האָבן אַ טעות. דאָרט וואו די „פּאַמפּאַ״ הערט אויף, ווערן אויך די קלימאַטישע באַדינגונגען געמילדערט

ווייל די וועלדער לאָזן נישט צו, אַז ווינטן, די הייסע, ווי די קאַלטע, זאָלן בלאָזן אַזוי פריי און אומגעשטערט.

די גאַנצע „פּאַמפּאַ" האָט זיך אויסגעלייגט אויף אַ שטיין, באַדעקט אויבן אויף מיט אַ שמאָלן שיכט ערד, און גלייך איז זי, די בוימער צעברעכן זייערע וואָרצלען אָן דעם שטיין, וועלקן און שטאַרבן.

ער האָט אונז אויסגעמאָלט דאָס גאַנצע בילד, ווי אַזוי די פּאַמפּאַ האָט זיך צעלייגט פון די קאָרדיליערן ביז צום אַטלאַנטיק, און מיר האָבן זיך איינגעהערט. ער האָט גערעדט מיט גרויס חשק אונטער דעם אַקאָמפּאַניאַמענט פון זידיקן טשייניק און דעם פּסדרדיקן ציטערן פון די שויבן.

די טיר האָט זיך געעפנט, דער הונט האָט אַריינגעשטעקט זיין קאָפּ, ווי ער וואָלט אויסשפּירן, צי לסוף וועט מען אים פּאָרט נישט געבן אַן אָפּרו און אַ שוץ צוזאַמען מיט די מענטשן. נאָך אים האָט זיך באַוויזן אין זיין גאַנצער גרויס, פאַרנעמענ־דיק דעם גאַנצן חלל פון דער טיר, אַ מאַנספּערשוין פון אַ יאָר 30, אַ שווערער, אַ גרויסער, אַן אָנגעלאָדענער אין אַ זייער אָפּגעטראָגענעם פּאַלטן.

מען האָט אים מיר פאָרגעשטעלט אויף שפּאַניש. דאָס איז געווען דער לערער פון שפּאַניש אין דער שול, אַ „קרעאָזשע" (אַן איינגעבוירענער), אָנגעשטעלט פון דער רעגירונג.

זיין היסטאָריע איז מיר שוין געווען באַקאַנט פון אַ פרי־ערדיקן שמועס וועגן אים. ער איז אַ מין טיפּ פון אַן אַרגענ־טינישן פאָלקס־לערער אין דער פּאַרוואָרפענער פּראָווינץ. ער ווערט שלעכט באַצאָלט, אָבער אַ סך ווערט פון אים אויך נישט געפאָדערט. נישט שטענדיק קריגט ער אויסגעצאָלט זיין געהאַלט. אַנדערע זיינס גלייכן ווערן פויל, נאַכלעסיק און טרינקען; אונ־זערער איז אָבער געווען אַן אינטעליגענט, האָט פיל געלייענט, און איז דערצו געווען אַ סאָציאַליסט.

צוליב זיין סאָציאַליזם און צוליב דעם, וואָס ער האָט אויסגערעדט אויף גאָט, האָט ער באַקומען אַ דיסציפּלינאַרע שטראָף, און פון אַ שטעטל א״ז ער פאַרזעצט געוואָרן אין אַ

קאָלאָניע פון די „כודיאָס" (יידן). אָנגעהערט האָט ער זיך וועגן די „כודיאָס" אַלערליי וואונדערלעכע זאַכן, דהיינו, אַז ביי אַ יידן איז דאָ אַ סימן, אַ מין איבערבלייבעניש פון אַ האָרן אויפן שטערן, אַז צו געוויסע צייטן פון יאָר עסן זיי זייערע אייגענע קינדער (אַ מין ווערסיע פון עלילת־דם). און עס איז אים געווען גאַנץ פריקרע אויפן האַרץ, ווען ער האָט געמוזט נעמען זיין האַנט־רענצל מיטן לייג־בעטל און איבערוואַנדערן צו די „כודיאָס". היינט שטעלט אייך פאָר זיין איבערראַשונג, אַז ער האָט דאָ אָנגעטראָפן מענטשן, וואָס שטייען קולטורעל פיל, פיל העכער ווי זיינע בירגער פון דעם שטעטל, מענטשן, וואָס האָבן אים פאַרשטאַנען און וואָס ער האָט זיי פאַרשטאַנען, מענטשן וואָס האָבן אַן אינטערעס פאַר זיינע ביכער, און מכּוח סאָציאַליזם איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן! אין דער אָרעמער יידישער קאָלאָניע האָט ער זיך באַקאָנט אַפילו מיט די אַנאַרכיסטישע טעאָריעס.

מיט אים האָט פּאַסירט ממש, ווי אין חומש שטייט: זיי האָבן עס געמיינט צום שלעכטן און גאָט האָט עס געלענקט צום גוטן. ער האָט זיך דאָ זייער גוט געפילט צווישן דער פאַרהאָרעוועטער אָרעמער מאַסע, וואו זיין אָפּגעטראָגענער פּאַלטן איז נישט געווען קיין אומכּבוד, וואו מען האָט רעספּעקטירט זיינע רייד, זיינע גרויסע, אומגעהויער גרויסע ברילן, און זיינע ביכער.

ער האָט זיך צוגעזעצט מיט קאָנטיקן פאַרגעניגן צו דעם רעדל אַרום די גליענדיקע קוילן און האָט גענומען זופּן פון דער באָמבילשאַ. לכּבוד דעם נייעם גאַסט האָט מען זיך דערמאָנט אָן עסן, און ברויט מיט היימישן קעז איז געוואָרן סערווירט, וואָס דער עולם האָט געגעסן גאַנץ געשמאַק.

דער יידישער לערער האָט ווידער אָנגעהויבן זיין לעקציע וועגן דער נאַטור און וועגן דעם בוי פון באָדן אין דער פּאַמפּאַ. דאָ האָט דער שפּאַנישער לערער אים אָבער איבערגעהאַקט. געוואָר ווערנדיק, אַז איך בין אַ שרייבער און קום פון אייראָפּע, האָט ער זיך געשטעלט פאַר זיין אויפגאַבע, מיך איבער-

צוציייגן, אַז דאָס וויגעלע פון אדם הראשון, פון ערשטן מענטש אויף דער ערד, איז געשטאַנען טאַקע דאָ, אין דער פאַמפּאַ. ער האָט מיר גענומען מאָלן שאַרבנס. פאָרמען פון מענטשלעכע ביינער, פאַרשידענע געצייג פון דער שטיין־עפּאָכע, וואָס מען האָט געפונען, גראָבנדיק דאָ אין באָדן... ער האָט גערעדט לאַנג און מיט היץ און טעמפּעראַמענט, ווייל ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר זיין פּאַטריאָטישע אויפגאַבע, איבערצוציייגן די גאַנצע וועלט, אַז אַרגענטינע איז דאָס וויגעלע פון דער מענטשהייט.

איך האָב מיך געלאַנגווייליקט, און די „מאַטע" האָט אויף מיר אָנגעיאָגט אַ שלעפעריקייט, די אויגן האָבן זיך געקלעבט, אָבער איך האָב מיך באַמיט צו זיין העפלעך און צו האָרכן געדולדיק.

דאָס איז געווען דער ערשטער אַרגענטינער, פון די עכטע „קרעאָזשעס", וואָס איך האָב באַגעגנט, און אַ כלל האָב איך געהאַט און אַזוי האָט דאָס מיר יעדער מענטש אין בוענאָס־איירעס געזאָגט פאַר מיין אָפּפאָרן אין דער פּראָווינץ: מיטן „קרעאָזשע" מוז מען זיין אויף דער וואַך, ער איז אַ גוטהאַרציקער מענטש, אַן איבערגעגעבענער און אַ פיינער, אַזוי לאַנג ווי דו באַליידיקסט אים נישט. טאָמער אָבער רירסטו אָן זיין כבוד, דעמאָלט היט דיך פאַר דיין לעבן, ער קאָן דיר געבן מיט אַ מעסער אין אַ זייט.

און אונזער לערער האָט נישט אויסגעזען אויף איינעם, וואָס וועט זיך לויפן שלאָגן, און כאָטש די סכנה פון אַ מעסער אין אַ זייט האָט דאָ נישט עקזיסטירט, האָב איך דאָך געהאָרכט און באַטראַכט די פיגורן, וואָס ער האָט געצייכנט, ביז די נאַכט איז צוגעפאַלן און מען האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ.

דער ווינט אין דרויסן האָט זיך נאָך מער צעהוליעט, ער האָט גענומען שטאַרק שוין רייסן די לאָדן און האָט מוראדיק געפייפט איבער די ברייטע פעלדער. מען האָט געפילט שוין אין שטוב, ווי ער שפּאַצירט אַרום, דורכרייסנדיק זיך דורך די שפּאַרעס, און מיין לערער האָט אַלץ גערעדט און געצייכנט פיגורן.

— שטאַרקעווינטן ביי אייך, — האָב איך איבערגעהאַקט.

אָבער ער האָט מיט אַ פּאַטריאָטישן פּאַטאָס אָפּגעלייקנט מיינע ווערטער, געשמאָצקעט מיט דער צונג צוויי מאָל „צאַצאַ", לויטן היימישן שטייגער, אַלס צייכן אויף ניין, און האָט געזאָגט:

— נישט באַדייטנדיקע ווינטן, וואָס גייען דורך. אַרגענטינע האָט אַ מעסיקן, אַ הערלעכן, אַ געזונטן קלימאַט.

ווידער האָט מען אָנגעגאָסן די באַמביזשאַ און זי האָט גענומען וואַנדערן פון מויל צו מויל אין רעדל.

מיין לערער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין רעדן און אין איין איבערצייגן.

אין אַרגענטינע, נישט ערגעץ וואו אַנדערש, אין אַרגענטינע, האָט זיך באַוויזן דער ערשטער מענטש, אָפּשטאַמענדיק פון דער בראַזילישע מאַלפּע.

— גוט. זאָל זיין — האָב איך געזאָגט, וועלנדיק אים דערצערנען — איר האַלט דאָס פאַר אַ גרויסן יחוס? איך נישט. זאָגט מיר, ליבער, פאַרוואָס איז דער אַרגענטינישער הימן אַזוי משונהדיק לאַנג?—

מער האָט נישט געפעלט. באַלד האָבן זיך אָנגעצונדן די אויגן פון דעם נאַאוטשאָ-סאָציאַליסט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט. ווער ווייסט, וואָס דערפון וואָלט אַרויסגעקומען, ווען די קאָלאָניסטן וואָלטן אים נישט אַלע צוזאַמען נעמען באַרואיקן.

די קרוין פון די יידישע קאָלאָניעס

איך בין אָנגעקומען קיין מאָזעסוויל אין רעכטן מיטן אַרגענטינישן ווינטער, אין חודש יוני. דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט, און די בלאָטע איז געווען טיף און געדיכט, אָבער מיטאַמאָל — אַזוי ווי דאָס איז דער שטייגער אין אַרגענטינע — האָט זיך געשטעלט אַ הייס וועטער. אַז איך בין אויף צומאָרגנס אויפגעשטאַנען, האָב איך נישט דערקאָנט דעם פּלאַץ, וואָס האָט מיך ערשט נעכטן אַזוי בלאָטיק און וואָלקנדיק אויפגענומען. פון דער בלאָטע איז געוואָרן אַ האַרטער שטיין, וואָס די זון האָט אים איצט געהאַלטן אין איין אָנגליען, און ער האָט געפּלאַצט אונטער דער וואַרעמקייט, וואָס האָט ווי אַ שטראָם געגאָסן פון בלאָען — אַרגענטיניש-בלאָען — הימל אַראָפּ. און ביימער, דיקע און צעוואַקסענע, אויף דער שטאָט-סקווער (פּלאַסאַ), דינע און גריניקע — אַרום דער ליטווישער שול — האָבן מיר געגעבן די אילוזיע פון עפּעס אַ פאַרגעסענעם פּלוצלינגען פרילינג, ווען ער פלעגט זיך אַריינכאַפּן אין מיין געבורט־שטעטל פאַר פסח גאָר אומגעריכטערהייט, און איך האָב גערעדלט מצות מיט אַזוי פיל קוראַזש און פרייד.

כדי נאָך מער צו פאַרשטאַרקן די אילוזיע, האָט פּונקט דאָ, עטלעכע טריט ווייט פון מיין וואוינונג, אַן אַלט מאָדישער רבי, אין אַ קאַפּל און מיט אַרויסגעהאָנגענע ציצית, געקנעלט מיט חדר-יינגלעך די סדרה פון דער וואָך; משונה־גרויסע

חענער האָבן מיט גדלות אויסגעפּיקט פון דער ערד, און קוּ־דלאַטע הינט, יידישע הינט, האָבן זיך געוואַרעמט אויף דער זון און האָבן מיר, דעם פרעמדן, קוים געשענקט אַ פוילן בליק.

און די יונגען פון דער שטאָט זענען געקומען צו מיר, — זאָלן זיי מיר מוחל זיין די קאָלאָניסטישע זין, די מאָזעסווילער אינטעליגענץ, וואָס איך רוף זיי אָן מיט דעם וואולגאַרן נאָמען: „יונגען"! ווייל אין מיין זכרון שווימען זיי אַרויס איינגעפּאַסט אין די ראַמען פון יענעם זוניקן טאָג: גרויסע, געזונטע בלוט־שפּראָצנדיקע יונגען. די ערד איז דאָ פרוכבאַר און די אַל־פאַלפאַ איז גרין און פעט, און די בהמות, וואָס פיטערן זיך אויף איר, זענען פון די בעסטע אין אַרגענטינע. און דער מענטש איז אויך דאָ געראָטן, פיזיש און גייסטיק.

וועגן וואָס האָבן מיר אַלץ נישט גערעדט! וואָס הערט זיך אין דער אַלטער היים? זענען מיר שטאַרק רואינירט פון דער מלחמה? פאַרוואָס פייניקט מען אונז אַזוי? און וואָס מאַכט די יידישע ליטעראַטור? איז דאָ אַ גוט יידיש טעאַטער? שרייבט מען נייע ווערק, וואָס מאַכן עפּעס די שרייבערס?

זאָל עס דאָ דערמאָנט ווערן: דער אינטערעס פאַר דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איך האָב געטראָפן אומעטום אויף מיין רייזע אין אַרגענטינע און בראַזיליע, איז פאַר מיר געווען גאָר אַ גרויסע און אָנגענעמע איבעררראַשונג. יעדע יידישע קהילה, ווי קליין זי זאָל נישט זיין, כמעט יעדער גרעסערער „פונקט" פון אַ קאָלאָניע, וואו נאָר עטלעכע מנינים יידן זענען נאָר פאַראַן, איז דאָס ערשטע — אַ ביבליאָטעק. אַ ביבליאָ־טעק, און אַ בית־עלמין — דאָס זענען די צוויי אינסטיטוציעס, וואָס קאָנען גרופּירן אַרום זיך אַלע, דעם ציוניסט, ווי דעם אַנאַרכיסט, און דער פרומער שליסט זיך אויך אָן, ווייל די יידישע ליטעראַטור איז אין די ווייטע לענדער פאַר די פאַרוואָרפענע יידן, מייגסטנס פאָלקס־מענטשן, געוואָרן

אַ שטיק הייליקייט, אַ מין „דבר שבקדושה". דער שרייבער איז מגעאַכט דערויף, צי מען האָט אים געלייענט, צי נישט, צי ער איז צוגענגלעך און פאַרשטענדלעך פאַר די פשוטע מענטשן, צי נישט — דערמיט אַליין נאָר, וואָס ער איז אַ שרייבער, איז ער אַ שטיק פאָלקס־העלד און מען דאַרף אים כבוד אָפּגעבן. שטייט דאָך זיין בוך אין דער „הייליקייט", אין דער ביבליאָ־טעק, אונטער די גלעזערנע שויב, פון דער ספרים־שאַנק!

ווען יידישע שרייבער — אַזוי האָב איך ביי מיר אַליין נישט איינמאָל געטראַכט — וואָלטן וויסן, וואָסער ראָלע זיי שפּילן און וואָסערע נאַציאָנאַלע פונקציע זיי פילן אויס אין דער נשמה פון די מאַסן, וואָלטן זיי דערשראָקן געוואָרן פאַר דער גרויסער אחריות, וואָס זיי טראָגן אויף זיך...

אין דעם רוישיקן, זוניקן, לאַכנדיקן ריאָ דע זשאַנעיראָ, פונקט אַזוי ווי אין סערעס, אַ פאַרוואָרפן שטעטל אין אַרגענ־טינע, וואו עטלעכע מנינים אָרעמע יידן לעבן, און אין אַנ־דערע שטעט און שטעטלעך, האָבן מיך יידן אָפּגעוואַרט און געפירט מיך מיט גרויס פּאַראַד אין דער ביבליאָטעק אַריין. װאָס איז? ווער פון זיי קאָן מיך, און וועמען פון זיי קאָן איך? מיט וואָס האָב איך פאַרדינט אָט דעם כבוד? דערמיט — וואָס מען האָט נאָכגעזוכט אין קאַטאַלאָג און מען האָט געפונען מיין נאָמען דאָרט פאַרצייכנט.

דיניקע יידישע ביכלעך, אָן אָרעמע ליטעראַטור, געדרוקט אויף שלעכט פּאַפּיר, אָן פּראַכט־אויסגאַבן, אָן ענציקלאָפּעדיעס, אָן שום אויסערלעכן גלאַנץ, וואָס זאָל אימפּאָנירן, — און דאָך האָבן די יידישע פאָלקס־מענטשן דאָס ביסל אָרעמקייט אַזוי פאַרבונדן מיט זיך, אַז ס'מוז יעדן איינעם רירן ביז צו די טי־פענישן פון זיין נשמה.

ז י י ע ר ס, א י י ג נ ס איז דאָס, און אַרום איז אַזאַ ווילד־פרעמדער ים, — קלאַמערט מען זיך אַרום דעם.

אָבער מאָזעסווילער יוגנט זאָלט איר נישט פאַרגלייכן מיט וועמען עס איז! דאָ וועט איר געפינען דאָס לעצטע יידישע ביכל פון דער מאָדערנסטער און דער לעצטער „התקופה", און

ביידע ווערן געליייענט און דעבאַטירט. מאָזעסווילער יוגנט שפּילט זייער אַ גרויסע ראָלע אין גייסטיקן לעבן פון גאַנצן אַרגענטינער יידנטום, די ריזיקע שיין-געוואַקסענע יונגען האָבן אַ גאַנץ שיינע גייסטיקע אַנטוויקלונג, און אַז מען באַטראַכט, אַז די יידישע ליטעראַטור האָט אין זייער גייסטיקן וואוקס געשפּילט די הויפּט-ראָלע, קאָן מען זיך דערמיט באמת אַביסל גרויסן...

מאָזעסווילער יוגנט איז שטאָלץ אויף זייער נייעם ישוב. דער גרעסטער טייל פון די איבער 300 קאָלאָניסטן האָבן שוין אויסגעצאָלט דער יק"א. דער אַרגענטינער קריזיס האָט אויך דאָ געמאַכט חורבות, מענטשן האָבן פאַרלוירן ריזיקע פאַרמעגנס, אָבער דערשלאָגענע, אַרויסגעשטויסענע זענען כמעט נישטאָ. מען הערט נישט דאָ, אַז עמעצער זאָל פאַרקויפן די ערד פאַר שפּאַניער, וואָס ס'האָט, ליידער, פּאַסירט מיט זייער פיל אין דער קאָלאָניע מאַוריציאָ.

מאָזעסוויל פאַרמאָגט דעם בעסטן קאָאָפּעראַטיוו, נישט נאָר פון די יידישע קאָלאָניעס, נאָר פון גאַנץ אַרגענטינע. אין מאָזעסוויל לעבן יידן פרומע, הייםטמאָדישע, ראַדיקאַלע, ליטוואַקעס און בעסאַראַביער. איר קאָנט דאָ געפונען אַן אָפּשפּיגלונג פון אַלץ, וואָס מאַכט אויס די גייסטיקע דערנערונג פון יידן, און מען האָט זיך צוזאַמענגעלעבט. מחלוקת קומען דאָ פאַר זעלטן. מאָזעסוויל פאַרמאָגט אַביסל לעבן-הומאָר, וואָס דאָס איז דער בעסטער אויסגלייכער צווישן מענטשן.

— קומען ביי אייך נישט פאָר קיין מחלוקתן אין די שולן, אַזוי ווי עס פירט זיך ביי יידן? —

און מען האָט מיר דערציילט אַזאַ מעשה: אַ קאָלאָניסט האָט זיך געפילט שטאַרק באַליידיקט, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געקריגן קיין פּעטע עליה. ער האָט גענומען בונטעווען קעגן קהל. האָבן די גבאים גענומען און אָנגעהויבן אים פּיטערן מיט שלישי, יעדע וואָך צו שחרית און צו מנחה האָט

מען אים געגעבן שלישי, אזוי לאַנג ביז דער בונטאָווטשטשיק האָט זיך איבערגעגעסן און האָט זיך נישט געוויזן מער צום דאַווגען... עס האָט אים אָנגעכאַפּט אַ שרעק פאַר דעם שלישי... פון דעמאָלט אָן טרעפט נישט מער, אַז די צעטיילונג פון עליות זאָל אַרויסרופן קריגערייען.

מאָזעסוויל האָט הומאָר, און מאָזעסוויל האָט אויף לאַנגע, לאַנגע קילאָמעטער גוטע וועגן, באַפלאַנצט פון ביידע זייטן מיט בוימער, וואָס דאָס איז אויך אַ סימן פון גוטן הומאָר. וואו דער מענטש איז גוט אויפגעלייגט, לאַכט ביי אים דאָס פּנים און די אויגן, און עס לאַכט זיין וואוינונג, זיין פעלד און זיין וועג. אין אַ זייט פון דער קאָלאָניע וואוינט אַ גרופּע פאַרוואָר־לאָזטע קאָלאָניסטן: די זעלבע ערד, די זעלבע באַדינגונגען, אָבער אָן מזל און אָן גליק. זענען דאָ אויפ׳ן וועג קאַלוזשעס וואַ־סער, און אַ פּגירה פון אַ פערד ליגט אויסגעצויגן אינמיטן וועג און קיינער רוימט זי נישט אָפּ. און קיין אָנצייכן פון קיין בוים זעט איר נישט און די קאָלאָניסטן קוקן פון אונטער די ברעמען אַפער מיט חשד און די „אַלאַמבראַ" איז איבער־געריסן און אַלץ פאַלט פון די הענט.

און ווידער פאָרט אַרויס די „סילקע", דאָס וועגעלע אויף צוויי רעדער, און עס טראָגט אונז ווייטער דורך גרינע פעל־דער. טייל ערטער ווערן איצט באַאַקערט און באַזייעט. איר דאַרפט מיך איצט נישט נאָכצופרעגן אויף דער לאַגע פון די קאָלאָניסטן אין יעדער גרופּע באַזונדער: איין בליק פון אויג איז גענוג. וואו דער וועג איז אין אָרדענונג, וואו בוימער זע־נען פאַרפלאַנצט, וואו איר מערקט קיין אָפּגעלאָזנקייט נישט, דאָרט, זייט ווייסן, האָט זיך אַ משפּחה פעסט איינגעפלאַנצט און פאַרקניפּט איר גורל מיט דער מאָזעסווילער ערד.

און ווי לאַנג איז, ווי אויף מאָזעסוויל האָט מען געמאַכט מיט דער האַנט, ווי אויף אַן אומגליקלעכן דורכפאַל! די לאַגע פון די קאָלאָניסטן איז געווען אָן שום האָפענונג. יאָר־איין, יאָר־אויס האָבן זיי געאַקערט און געזייעט און יאָר־איין און יאָר־אויס איז געקומען דער היישעריק און האָט אָפּגעפרעסן און

נישט נעלאָזט קיין רעשט. מאָזעסוויל ליגט אויף צפון, אין אין דער פּראָווינץ סאַנטאַטע. דער היישעריק, וואָס האָט זיינע נעסטן אין די וועלדער פון טשאַקאָ און פּאַראַגוואַי, קומט אַהער הונגעריק און מאַכט דאָ זיין ערשטן אויפהאַלט. ער פרעסט אָפּ די אַרויסגעשפּראָצטע זריעה און שטאַרבט אַוועק. אָבער פאַרן טויט לאָזט ער איבער דעם נייעם דור, איינגע-גראָבן אין דער ערד, אין פאָרם פון אייערלעך, צו 80 אויף איין מאָל, פון וואַנען עס שטאַמט דער צווייטער דור — דער קריכנדיקער היישעריק. ער נעמט אַרויסקריכן פון בלעטער, און אויף הונדערטער קילאָמעטער איז די ערד פול מיט אים, קיין ליידיק אָרט איז נישטאָ! און ער קריכט צו צפון, צו זיין היים צוריק, און פון אים איז קיין רעטונג און קיין באַהעל-טעניש נישטאָ. וואָס זיינע טאַטע-מאַמע, דער פליענדיקער היישעריק, האָבן איבערגעלאָזט, דאָס פרעסט ער אויף. די זריעה, וואָס איז ווידער אויפגעגאַנגען און איז הויך געוואַקסן, ווערט פאַרשוואונדן, די בוימער בלייבן שטיין אָן אַ פּיצל גרינס... נאָר דער, וואָס איז געווען אין אַרגענ-טינע, קאָן פילן די ווערטער פון נביא און זיין צער, ווען ער דערציילט די שרעק פון היישעריק.

אַ לוסטיקער פורמאַן איז געווען אין דער קאָלאָניע מאָ-זעסוויל מיט 20 יאָר צוריק. אין דער היים געווען אַ שמייסער. דאָ איז ער געוואָרן אַליין אַ בעל-עגלה. דערציילט מיר אַן אַל-טער קאָלאָניסט, ווען ער איז אָנגעקומען, איז ער געפאָרן מיט דעם בעל-עגלה פון דער סטאַציע צו זיין פעלד. דער בעל-עגלה האָט זיך געריבן די הענט פאַר נחת. „געלויבט צו גאָט, פּרנסה וועט זיין", — האָט ער געזאָגט, — „היינט קומט איר צופאָרן, פאָרן אַנדערע אַרויס; אין עטלעכע חדשים אַרום, וועל איך אייך אָפּפירן צו דער באַן, וועלן אַנדערע קומען, אַבי עס פעלן נישט קיין יאַטן".

אָט אַזוי האָט מען זיך געוויצלט אויפן חשבון פון די נייע קאָלאָניסטן. וועלכע שטיינער האָט מען זיי געלייגט אויפן האַרץ! ביי זייער אָנקומען.

כּמעט ווי אַ צופֿאַל איז עס געווען, וואָס האָט געראַטעוועט די לאַגע: איינער אַן אַדמיניסטראַטאָר האָט אַראָפּגעבראַכט די זוימען פֿון דער אַלפֿאַלבאַ און צעטיילט צווישן די קאָלאָגיסטן און געהייסן זיי פֿאַרזייען די ערד דערמיט. די קאָלאָגיסטן האָבן זיך געבונטעוועס. אַ נייע גזירה איז אַרויס, — האָבן זיי געשריגן, — צו פֿאַרזייען אַלפֿאַלבאַ. אָבער די, וואָס האָבן פֿאַרזייעט, האָבן געשניטן 6 מאָל אַ יאָר, און ווען דער היישעריק האָט אויפֿגעפֿרעסן, האָט עס אין 8 טאָג אַרום ווידער אַרויסגעשפּראָצט. אויפֿן צווייטן יאָר זענען כּמעט אַלע פֿעלדער פֿון מאָזעסוויל פֿאַרזייעט געוואָרן מיט אַלפֿאַלבאַ, וואָס האָט נאָך די מעלה, וואָס מען דאַרף עס זייען נאָר איין מאָל אין 7 ביז 10 יאָר. אויפֿן באָדן פֿון דער אַלפֿאַלבאַ, וואָס איז דאָס בעסטע פֿוטער פֿון די בהמות, האָט מאָזעסוויל אַנטוויקלט אַ פּי-האָדאָוואַגיע, וואָס איז איינע צווישן די ערשטע און בעסטע אין אַרגענטינע און וואָס איז דער יסוד פֿון איר וואוילשטאַנד.

פֿאַרנאַכט איז עס געווען. די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו מערב, אונזער פֿערדל האָט אונז פֿריילעך געטראָגן אַהיים פֿון דעם אַרומפֿאָרן אין די ווייטע „פּונקטן". אַרגענטינישע פֿערד זענען פֿריילעכע, פֿרייע באַשעפֿענישן. זיי ווייסן נישט פֿון קיין דאגת-פּרנסה, זיי פֿיטערן זיך אַליין אויף דער לאָנקע און ווייסן נישט פֿון קיין פֿאַמעלעכן גאַנג. אַן אויטאָמאָביל האָט אונז אויסגעמיטן, איז פֿאַרביי, אָבער ער האָט צוריק פֿאַרקערעוועט און דעריאָגט אונזער „סילקע". פֿון דעם אויטאָמאָביל איז אַרויס אַ שפּאַניער, אַ פֿאַרטרעטער פֿון אַ געשעפֿט, און האָט זיך אוועקגעשטעלט נעבן דער „סילקע" און האָט עפּעס גענומען לאַנג אייַנטענהן מיט דעם אָנפֿירער פֿון דעם קאָאָפּעראַטיוו, וואָס איז געזעסן נעבן מיר. מייַנער ענטפֿערט אים קאַלט, מיט אַ וואָרט, מיט אַ מאַך מיט דער האַנט. מיט אַ ניין, און יענער שרייַט ווייטער, חורשט אַרייַן, כאַפּט אַרויס אַ בליישטיפֿט און רעכנט, און קאָכט זיך, מעשׂה לאָדזשער קאָמי-וואָיאַזשער. ענדלעך האָט מייַן שכן באַוויליקט אים צו ענטפֿערן, ער זאָל קו-

מען מאָרגן, מיט וואָס דער שפּאַניער איז, קאָנטיק, געווען זייער צופרידן.

דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך געזען די פּאַרקערטע יוצרות: אַ גוי אַ קאָמי־וואָיאַזשער, און אונזערער אַ יונגערמאַן אין דער ראָלע פון אַ קאַלטן פּאַרמער, וואָס האַלט אין איין זאָגן: „טשעפּע זיך אָפּ".

ביים נאַכט־עסן, אַז מען האָט מיך געפרעגט, ווי געפעלט מיר עפּעס מאָזעסוויל, האָב איך געענטפערט:

— אַ שאָד, וואָס נאָר איין מאָזעסוויל איז פאַראַן; 50 מאָזעסווילס האָבן געדאַרפט צו זיין;...

— און עס וואָלטן געקאָנט זיין, — האָט מען מיר געענטפערט, — ווען בישט די שלימזלדיקע הענט פון דער יק"א און אירע קאָרומפּירטע באַאַמטע!

מעשיות פוז פּאַטאַגאָניע

פֿלעזיאָזאַוור — איך קאָן דעם נאָמען נישט אַרויסרעדן ריכטיק און איך בין נישט ערוב, אַז כ׳האָב אים ריכטיק אויסגעלייגט. נישט איך, נישט איר, נישט אפילו די אַרגענטינישע געלערנטע, וואָס זוכן אים, ווייסן צו זאָגן, וואָס דאָס איז פֿאַר אַ חיה און ווי זי זעט אויס.

בסך־הכּל עקזיסטירט דער פֿלעזיאָזאַוור נישט מער אויף אונזער ערד; אַ סברה איז פֿאַראַן, אַז ער האָט געלעבט מיט עטלעכע מיליאָן יאָר צוריק. ער זאָל זיין פֿון די באַשעפֿענישן פֿון פֿאַרן מבול, צי פֿון פֿאַר דעם אייז־פּעריאָד, — גענויערס וועגן דער משונהדיקער חיה דאַרפֿט איר צו פֿרעגן ביי די געאָלאָגן, וואָס גראָבן אויס דאָס געביין פֿון פֿאַרשידענע פֿאַרשוואונדענע באַשעפֿענישן, און שטעלן זיך פֿאָר אין דער פֿאַנטאַזיע, ווי די באַשעפֿענישן האָבן אויסגעזען, וואָס זיי האָבן געגעסן, וואו זיי האָבן געלעבט, ווי אַזוי זיי האָבן זיך פֿאַרמערט און ווי אַזוי זיי זענען אויסגעשטאָרבן.

איר קאָנט טרעפֿן ערגעץ אין אַ מוזיי אַ סקעלעט פֿון אַזאַ באַשעפֿעניש, קינסטלעך צוזאַמענגעשטעלט. ביים אַריינגאַנג צום בערלינער אַקוואַריום איז אויסגעמויערט אַ ריזיקע חיה, האַלב קראָקאָדיל, האַלב פֿויגל, הויך ווי אַ צוויי־שטאָקיק הויז, און דערביי שטייט געשריבן, אַז לויט ווי די געלערנטע זאָגן, האָט די חיה געלעבט מיט 20 מיליאָן יאָר צוריק.

אָבער די פאַרשוואונדענע באַשעפענישן געהערן אַלע צו די לאַנג-אויסגעלאָשענע צייטן פון אונזער ערד, זיי געהערן צו דער וויסנשאַפט.

איין אַרגענטינע האָט די אַמביציע צו פאַרמאָגן לעבעדיקע פלעזיאָזאַוורן. די דרום-געגנטן פון אַרגענטינע זענען ווייניק אויסגעפאָרשט. דער קלימאַט איז דאָרט קאַלט, דער קאָנטינענט ווערט אַלץ שמאָלער, און ווינטן, זאָגט מען, זאָלן דאָרט בלאָזן פון די שניי-בערג אַראָפ אַזוינע שטאַרקע, אַז זיי הייבן אויף שטיינער און טראָגן זיי אין דער לופט. מען דערציילט אויך, אַז די גאַנצע געגנט, פאַטאַגאָניע מיטן נאָמען, האָט זייער פרוכטבאַרע שוואַרצע ערד; אַז נאָך דער ענגליש-בורישער מלחמה האָט אַ גרופע בורן געמאַכט אַ פרואוו צו קאָלאָניזירן זיך דאָרט און איבערצופלאַנצן דו בורישע נאַציע אַהער, כדי צו אַנטלויפן פון ענגלישן יאָך; דער פרואוו פון קאָלאָניזאַציע האָט זיך געזאָלט איינגעבן, נאָר די בורישע פאָרשטייער האָבן נישט געקאָנט דורכקומען מיט דער אַרגענטינישער רעגירונג וועגן אויטאָנאָמישע רעכט. פאַרשידענע ווילדע מעשיות ווערן דערציילט וועגן דעם לאַנד. אין יענער געגנט זאָל זיך געפינען אַ געוויסער קריגערישער אינדיאַנישער שבט, וואָס איז באַרימט דערמיט, וואָס זיינע מענטשן זענען די העכסטע אויף דער וועלט, און אומגעהויער שיין געבויט זאָלן זיי זיין, איצט האָבן זיי זיך אָפגעטראָגן ווייט, אויף מערב אין די בערג, כדי אויסצומיידן דאָס טרעפן זיך מיט די אייראָפעער. בשעת די שבטים פון שטאַם גאַראַני, וואָס האָבן באַזעצט די געגנט אויף צפון-מזרח פון בוענאָס-איירעס ביז קיין פאַראַגוויי, זענען מער אַ נידעריקע ראַסע, וואָס איז זיי געווען גרינג אויסצוראָטן, צו אַסימילירן דורך בלוט-מישונג, צו צווינגען זיי צו אַרבעטן אין די צוקער-פלאַנטאַציעס אין טוקומאַן און אין די זילבער-גרובן פון באָליוויע — האָט יענער שבט פון די ריזיק-גרויסע מענטשן אויף דרום זיך נישט אונטערגעגעבן. ביי זיי איז אַ מנהג עד-היום, אַז אַ פרוי, וואָס האָט זיך איבערגעגעבן אַ ווייסן, ווערט געהרגעט.•.

פאַרשידענע אַנדערע מעשיות ווערן דערציילט וועגן פּאַטאַגאָניע, און צווישן זיי וויל איך דאָ איבערגעבן איינע, וואָס איז אומבאַדינגט וואָר, ווייל זי האָט פּאַסירט גראָד אין דער צייט, ווען איך בין געווען אין אַרגענטינע.

פאַראַן דאָרט, ווי אומעטום אין אַרגענטינע, באַזיצער פון גרויסע שטחים ערד, וואָס גויטיקן זיך אין מענטשלעכע הענט, ווערן אַהין פאַרנאַרט עמיגראַנטן און מען זאָגט זיי צו גילדענע בערג, און ווען זיי קומען אויפן פּלאַץ, זענען זיי געצוואונגען צו אַרבעטן, ווי שקלאַפן. די קאָנטראָלע פון דער צענטראַל-רעגירונג דערלאַנגט נישט אַזוי ווייט, און אפילו ווען מען ווייסט יאָ אין בוענאָס-איירעס פון די אַרבעטס-באַדינגונגען דאָרט, מאַכט מען זיך נישט וויסן... די לאַטיפונדיסטן האָבן נאָך איצט אפילו, נאָכדעם ווי די ראַדיקאַלן האָבן אַרויסגעריסן די מאַכט פון די הענט פון די „קאָנסערוואַטאָרן", די גרעסטע דעה אין לאַנד...

האָט פּאַסירט, אַז די „פעאָנען". די לוין-אַרבעטער, האָבן געמאַכט אַ שטרייק. די לאַטיפונדיסטן זענען געצוואונגען געווען נאָכצוגעבן, ווייל קיין רעגירונגס-מיליטער האָט זיך נישט געפונען אויפן אָרט.

דער נצחון פון די „פעאָנען", איז אָבער נישט געווען אויף לאַנג. אַ לאַטיפונדיסט איז אַראָפּגעפאָרן קיין בוענאָס-איירעס, געמאַכט אַ געוואַלט וועגן אַ געפערלעכער רעוואָלוציע, וואָס האָט אויסגעבראָכן. אַ רעגימענט רייטער איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן, און דער סוף איז געווען אָט אַזוינער:

אַן ערך 800 אַרבעטער זענען צעשאָסן געוואָרן, און ס'זענען צוריקגעשטעלט געוואָרן די באַדינגונגען פון פאַר דער „רעוואָלוציע".

איך דערצייל די מעשה, נישט כדי צו מאַכן אַ שלעכטן שם אויף דער וועלט דער אַרגענטינישער רעפּובליק. אזוינע זאַכן פּאַסירן אויך ערגעץ אַנדערש-וואו. אַרגענטינע איז אַ גאַנץ גוט איינגעריכטעטע רעפּובליק; פון די דרום-אַמעריקאַנישע — אפשר די קולטורעלסטע, נאָר מאַלע וואָס ס'פּאַסירט נישט אַלץ

אין אַ מאָדערנער רעפּובליק, בפּרט נאָך אין אַזוינע ווייט־פּאַרוואָרפענע געגנטן, ווי פּאַטאַגאָניע.

איבעריקנס, ווערן פון צייט צו צייט אַראָפּגעשיקט ספּעציעלע ווייסנשאַפטלעכע עקספּעדיציעס אויסצופאָרשן פּאַטאַגאָניע.

די מיטגלידער פון די עקספּעדיציעס ווערן גוט באַצאָלט, די ראַדיקאַלע פּאַרטיי טיילט שטעלעס אירע אָנהענגער. אַזוי למשל, זענען גאַנצע לעגיאָנען אָנגעשטעלטע באַשעפטיקט מיט פּאַרטיייקן דעם הייַשעריק, און די קאָלאָניסטן ווייסן נישט, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון... די פּאַרטיייקער, וואָס טוען נאָר אָן צרות. עס איז מער נאָך ווי יושרדיק, אַז אויך מענער פון דער ווייסנשאַפט זאָלן געניסן פון דער ברייטער האַנט פון דער רעגירונג.

די עקספּעדיציע, וואָס איז געשיקט געוואָרן אין דער צייט, ווען איך בין געווען אין לאַנד, האָט געהאַט די אויפגאַבע אויסצופאָרשן, צו געפינען און צו ברענגען לעבעדיקערהייט, אויב מעגלעך, דעם לעבעדיקן פּלעזיאָזאַוור.

אַלע צייטונגען האָבן דערציילט דאָס וואונדער: אין די בערג דאָרט האַלט זיך נאָך עד־היום אויף אַ חיה, גרויס ווי אַ הויז. עפּעס זאָל האָבן געקומען אַ מענטש אין דערציילט, אַז ער האָט זי אַליין געזען מיט די אייגענע אויגן. זי האָט געגעבן אַ מרוק, האָט די ערד געציטערט, ווי בשעת אַ גרויסן דונער. די ווייסנשאַפט־לייט, צווישן זיי דער דירעקטאָר פון זאָאָלאָגישן גאָרטן, האָבן גענומען אויספאָרשן דעם מענטש. ער האָט אָנגעגעבן אַלע סימנים, און די ווייסנשאַפט־לייט האָבן באַשלאָסן, אַז דאָס איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי די פּאַר־מבולדיקע חיה, וואָס איז שוין פאַרשוואונדן פון דער גאַנצער ערד אַן ערך אַ מיליאָן יאָר, און נאָר אַרגענטינע האָט דעם כבוד צו האָבן נאָך אַ לעבעדיקן עקזעמפּלאַר.

וואָסער נאַציאָנאַלער שטאָלץ!

די צייטונגען האָבן טאָג־איין, טאָג־אויס געשריבן לאַנגע אַרטיקלען און צוגעגעבן בילדער, און די רעגירונג האָט באַוויליקט דאָס געלט אויף אַן עקספּעדיציע.

ביי מיין אַוועקפאָרן האָט די עקספּעדיציע אַלץ נאָך גע־ווײַלט אין פּאַטאַגאָניע.

באַריכטעט איז געוואָרן אַט־וואָס;

קיין לעבעדיקן פּלעזיאָזאַוור איז נאָך נישט געלונגען צו געפינען, אויך נישט טריט־שפּורן אין שניי. אָבער באַמערקט האָט מען, אַז פאַרשידענע קליינע יעזשאָרעס אין די בערג ווערן אויסגעטריקנט, אפילו אַזוינע, וואָס זענען אָנגעצייכנט אויף דער קאַרטע, און וואָס דאַרפן זיין פול מיט וואַסער, שטייען איצט ליידיק, דאָס וואַסער איז פאַרשוואונדן.

איז דערפון געדרונגען, אַז די פּלעזיאָזאַוורן האָבן געשטילט זייער דורשט ביי די יעזשאָרעס, אַזוי לאַנג געטרונקען, ביז זיי האָבן זיי אויסגעזופּט און געלאָזט טרוקן.

אָט אַזוי איז וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט געוואָרן, אַז אַר־גענטינע פאַרמאָגט לעבעדיקע באַשעפענישן, וואָס אונזער ערד האָט זיי שוין נישט אָנגעזען עטלעכע מיליאָן יאָר.

30 יאָר קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע*)

אַרגענטינע! אַמאָל איז דאָס געווען אַ וואָרט, וואָס האָט אָפּגעהילכט אין אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך, ווי אַ רוף אויסגעלייזט צו ווערן, אַ וואָרט, וואָס האָט געמאַכט ציטערן יידישע הערצער מיט פרייד און דערוואַרטונג און האָפענונג. אַזוי ווי אַ פרייער ליבער ווינט אין פרילינג האָט דורכגעשפּאַצירט אין אַלע יידישע מקומות אַ בשורה: אַ לאַנד פאַר יידן, אַ לאַנד פאַר יידישע ערד־אַרבעטער, אַן אויסלייזער איז אויפגעשטאַנען, דער באַראָן הירש! יידן איז באַשערט אויפגעפרישט און אויפגעריכט צו ווערן, פּטור צו ווערן פון אַ לעבן, פול שאַנד און נויט, גזירות און פּאָגראָמען.

קהל־לייט האָבן זיך געקהלט (דאָס וואָרט כלל־טוער איז נאָך דעמאָלט נישט געווען אין געברויך), שרייבער האָבן געשריבן, די צייטונגען האָבן געמאַכט אַגיטאַציע, ווער פ אַ ר, ווער ק ע ג ן. דער „המליץ" מיט דער „הצפירה" האָבן זיך געאַמפּערט. טומלערס האָבן געטומלט, בעל־דרשנס האָבן געדרשנט.

---

*) אונטער דעם טיטל איז דערשינען אין בוענאָס־איירעס אַ גרויס בוך פון מעמואַרן, געשריבן פון ה' אַלפּערזאָן. דאָס בוך האָט געמאַכט אַן אומגעהויער גרויסן איינדרוק אין ביידע אַמעריקעס. עס ווערט איצט איבערגעדרוקט אין אייראָפּע אונטער מיין רעדאַקציע און דאָס אַרטיקל ווערט צוגעגעבן דערצו אַלס הקדמה.

אינטעליגענטישע פּאַרשפּיצטע קעפּ האָ-ן י ן געפּלפּולט: צי איז אַרגענטינע אַ קאָנקורענץ צו ציון, צי נישט. מיט איין וואָרט. אין דער יידישער עפנטלעכקייט האָט אַרגענטינע פאַר־נומען עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד זייער אַ חשוב אָרט.

און מיטאַמאָל איז אַלץ שטיל געוואָרן, אַרגענטינע איז פאַרגעסן געוואָרן, אַזוי ווי קיינמאָל נישט געווען. מען וואָלט געקאָנט זאָגן: ס'איז פאַרזונקען געוואָרן אין תהום פון פאַר־געסנקייט, פלינק און געשיקט און ענערגיש איז דער יידישער אינטעליגענט און דער יידישער קהל־מענטש, בשעת מען דאַרף אויפצורודערן דעם עולם, בשעת מען דאַרף פונקען אויפצופלאַ־קערן אויף פייערס, ווען מען דאַרף זיך קאָכן, לויפן, רעשן, אַגיטירן. אָבער די דאָזיקע פלינקייט איז, ליידער, פיל מאָל נישט מער ווי געררייצטע נערוון — נעוורּאַסטעניע. ווי שטרוי צינדט זיך אָן דער קהלשער טעמפּעראַמענט ביי אים און ווי אַ שטרוי ווערט ער פאַרלאָשן. מען האָט אַ צייט לאַנג געררעשט און געשטורעמט און געפּלפּולט זיך וועגן אַרגענטינע, און מיט־אַמאָל איז נמאס געוואָרן.

דאָס אַלץ איז אָבער געווען נאָר דער אויבערפלאַך פון דער באַוועגונג, דער שוים פון די כוואַליעס, ביז צו דער טי־פעניש פון דער יידישער פאָלקס־פּסיכיק, ביז צו די יידישע פאָלקס־מאַסן האָט די באַוועגונג דערלאַנגט און דאָרט עפּעס אָפּגעריסן. קרעמער פון גראָדנער גובערניע, ישובניקעס פון בע־סאַראַביע הערן אויס, זענען זיך מישב, באַשליסן, און גייען, גייען מחנות גאַנצע, הונדערטער און טויזנטער, צו אַ ניי לאַנד, צו אַ נייעם לעבנס־שטייגער, צו אַן ערלעכער און בכבודיקער פּרנסה. געזונטע יידישע פאָלקס־מענטשן, מיט ברייטע פּלייצעס, יונג נאָך און פול מיט בטחון, לאָזן זיך אין ווייטן וועג אַריין. און עס באַגעגנט זיי אַ ברייטע וויסטעניש, אַזוי ווי דער ים אומבאַגרענעצט און אַזוי ווי דער ים אייגטאָניק, אַ ווייטער סטעפּ ווי אַ טיש גלייך, באַוואַקסן מיט ווילד גראָז. אָן אַ שפּור פון מענטשלעכן ישוב, אָן אַ צייכן פון קולטור. דאָ האָבן זיי צו פאַרבלייבן, זייער לעבן אויסצולעבן.

דאָס לאַנד איז אומבאַקאַנט. דער קלימאַט אַזוי ווילד און שווער, די ווינטן זענען אַזוי שרעקלעך, און הונדערטער פּור-עניותן און שטרויכלונגען וואַרטן אויף זיי — אויף די פּיאָנערן, געשיקט צו מאַכן פון אַ מדבר אַ פּרוכטבאַר לאַנד.

פאַר זיי איז נישטאָ קיין צוריק. זיי קאָנען זיך נישט, אַזוי ווי דער יידישער קהל-מענטש, אַזוי ווי דער יידישער אינטעלי-גענט, פאַרקערעווען, איבערלייגן, אָדער פאַרגעסן, ס'איז אַ האַר-טער און ערנסטער ענין, אַ פראַגע פון עקזיסטענץ.

ווען דער יידישער נערוועזער אינטעליגענט האָט שוין צען מאָל געביטן זיינע טעאָריעס, איז ער, דער פאָלקס-מענטש, גע-בליבן דאָרט, אין דער וויטער פּאַמפּאַ, געראַנגלט זיך, געאַר-בעט, ער איז בייגעקומען די שווערע און האַרטע באַדינגונגען, אָדער זיי האָבן אים צעריבן, און האָבן אים צוריקגעשיקט אין שטאָט אריין אַ צעקאַליעטשעטן און אויסגעזויגענעם. ווייל די בעסטע יאָרן, די יינגסטע, האָט ער שוין איבערגעלאָזט אין דער קאָלאָניע.

אַן ערך 3500 יידישע קאָלאָניסטישע פאַמיליעס זענען איצט פאַראַן אין אַרגענטינע. נישט אַלע זענען גוט איינגעפונדעוועט; אַ טייל פון זיי מאַטערן זיך נאָך עד-היום, אַרבעטן אונטער די שווערסטע באַדינגונגען, און ראַנגלען זיך אומזיסט מיט דער קאָ-רופּציע, וואָס האָט איר גלייכן נישט, אַ קאָרופּציע, אַן אומפאַר-פאַרשעמטע, וואָס האָט פּאַקטיש די גרויסע אידעע פון באַראָן הירש געמאַכט צו נישט, דער גרעסטער טייל אָבער פון די קאָ-לאָניסטן, נאָכדעם ווי זיי זענען איבערגעקומען די שווערע און האַרטע יאָרן, זענען איצט כמעט איינגעפונדעוועטע באַלעבאַטים, און פיל פון זיי זענען פאַרמעגלעך.

30 יאָר זענען אַריבער. פון די פּיאָנערן זענען פיל אויס-געשטאָרבן. נאָך מער זענען זיך צעלאָפן, דאָס גאַנצע „ערב-רב“. וואָס שלעפּט זיך נאָך נאָך יעדער ערנסטער באַוועגונג, איז סוף-כל-סוף פאַרשוואונדן. די יק"א האָט אָפּגעשטעלט אין אַרגענטינע איר קאָלאָניסטישע טעטיקייט, אירע באַאַמטע זענען איצט באַ-שעפטיקט מיט דער איינציקער פראַגע: ווי אַזוי ארויסצוציען

וואָס מער פּראָפּיט פון דער אַרגענטינער „אונטערנעמונג”. און דאָך, ווען איר פאָרט איצט נאָך אַרום אין די ווייטע פאַרוואָרפענע פּונקטן פון די קאָלאָניעס, ווערט איר דערשטוינט צו טרעפן נאָך עד־היום ביי אַ יידישן געזונטן פאָלקס־מענטש, דאָ צי דאָרט, דעם אַלטן אידעאַליזם. די ווערטער, וואָס האָבן געקלונגען הייליק און הויך מיט 30 יאָר צוריק, די ווערטער וועגן ערלעכער אַרבעט, וועגן בכבודיקער פּרנסה אויף דער ערד א. אַז. וו., וואָס זענען אַזוי אָפּגעבליאַקירט געוואָרן אין פאַרלויף פון דער צייט און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער שימל האָט זיי אויפגעגעסן, — אָט די ווערטער לעבן נאָך דאָרט, אין דער ווייטער פּאַמפּאַ, ערגעץ אין דעם מויל פון אַ באַיאָרטן קאָלאָניסט, און דאָס זענען נישט ווערטער, נאָר מעשים, יאָרן פון לאַנגער האָרעוואַניע, נויט און איינגעשפּאַרטקייט ליגן הינטער זיי.

איך בין זיכער, אַז דאָס בוך, וואָס ווערט איצט צוגעטראָגן דעם יידישן לעזער, וועט מיט איין מאָל אָפּרייניקן דעם שטויב פון פאַרגעסנקייט, וואָס הינטער אים ליגט דער גאַנצער ענין אַרגענטינע באַגראָבן פאַר דעם יידישן אינטעליגענט.

איך וואָלט וועלן וואָס ווייניקער רעדן וועגן די ליטעראַריש־בעלעטריסטישע מעלות פון ה' אַלפּערזאָנס בוך. פאַר מיר איז דאָס געווען אַ יידישער ראָבינזאָן־קרוזאָ. איך האָב עס געלייענט און איבערגעלייענט און האָב נישט געהאַט גענוג ווערטער אויף אָפּצודאַנקען דעם מחבר פאַר די אמת־גליקלעכע שעהן, וואָס די לעקטור האָט מיר געגעבן. דאָס איז מער ווי אַ שילדערונג, ווי מעמוּאַרן: דער אמת אַליין אין זיין נאַקעטקייט ווערט דאָ דערהויבן צו דער מדרגה פון קונסט... איך וויל אָבער נישט פאַרלויפן דעם לעזער דעם וועג, זאָל ער לייענען און אַליין משפּטן.

דער סטיל פון ה' אַלפּערזאָן איז נישט „ליטעראַריש”. אין אונזער צייט איז דאָס אַ מעלה, נישט קיין חסרון. ס'איז אַ צייט, ווען אונזער יידיש ווערט „רעפאָרמירט”, פאַרקליגלט און פאַרשפּיצט מיט דער אייגענער פלינקקעפּלדיקייט, וואָס מיט איר

פלעגט מען אַמאָל בויען די „טעאָריעס”. מענטשן אָן שום שפּראַך־געפיל האָבן גענומען ברייט באַלעבאַטעווען... אין אַזאַ צייט איז פּשוט אַ פאַרגעניגן צו הערן ווידער דעם ריינעם קלאַנג פון אונזער לשון, זיין ריטם, דאָס פליסיקע נישט־געקינצלטע לאַנג־אָטעמדיקע יידיש פון אַ ייד אַ בכבודיקן, וואָס קאָן דער־ציילן אַ מעשה.

און אָט טאַקע צוליב דעם האָב איך מיר נישט דערלויבט אַ סך צו ענדערן אין דעם סטיל, כאָטש ער ליידט טיילמאָל דערפון, וואָס ער איז שוין צופיל פאַרעלטערט, טיילמאָל דייטש־מעריש. סוף־כל־סוף איז נישט דאָס איינציקע וואָרט, דער איינ־ציקער אויסדרוק דער עיקר, נישט זיי געבן דעם קאָלאָריט און טאָן און נישט אָן זיי איז אָפּהענגיק די נאַטירלעכקייט פון דער שפּראַך. דער בוי, דער ריטם, דער אָטעם — דאָס איז אַלץ, און בנוגע דעם אינערלעכן קלאַנג איז צאַפּערזאַנס סטיל איינער פון די בעסטע.